STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06363

# ZEKHTSIK

N. Y. Gotlib

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

# זעכציק

אַרויסגעגעבן פון נ. י. גאָטליב יובל-קאָמיטעט,
מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, ליטווישן
פאַרבאַנד אין מאָנטרעאַל און יוסף ווינעצקי-פאָנד ביים יידישן
פען-קלוב אין ניו-יאָרק.

מאָנטרעאַל — 1965

# "ZECHTSIK"

By N. J. GOTLIB

1 9 6 5

•

Printed by
OLD ROSE PRINTING CO. INC.
204 Laurier West, Montreal, Canada

# ערשטער טייל:

## נייע לידער און פּאָעמעס

(ראַיעז אַ מתנה)

# בן שישים לזיקנה

בן שישים לזיקנה, נאַר כ׳בין נאָך ניט אַלט
און ס׳ציט נאָך אין פעלדער מיט זונליכט באַשטראַלט;
און ס׳ציט נאָך אין וועלדער מיט שאָטנס באַשפּינט,
צו ביימער — צעבלעטערט — אין שטילקייט, אין ווינט;
אויף הייכן צעגראָזטע, אין טאָלן — צעבלומט
(פון פייגל באַזונגען, פון בינען באַזשומט) — —

בן שישים לזיקנה, נאַר יונג נאָך — מיין זעל
און איז אַלץ מיט גאַרונג מיט הייסער צעקוועלט:
נאָך טייכן, צעניגונט, וואָס טראָגן זיך ווו,
נאָך כרכן אין אומרו, נאָך דערפער אין רו;
נאָך מענטשן אין אַרבעט, אין חלום, אין שטרייט
(פאַר טעג פאַר צעשיינטע, פאַר לויטערער צייט) — — —

בן שישים לזיקנה, נאַר כ׳בין, ווי מיין פאָלק,
וואָס איז מיט א פרילינג אַ נייעם באַ׳עול׳ט;
מיט בויאונג באַנייטער — אין אייגענעם לאַנד,
אין ווינקל אין יעדן, אויף יעטווידן שפּאַן;
מיט ווידערפאַרפלאַנצונג — אין אוראַלטער ערד
(נאָך יאָרן צוויי טויזנט מיט וואַנדער באַשווערט) — — —

בן שישים, גוטמאָרגן! — איך גרים זיך מיט ליד
און זאָג זיך: דו ביסט נאָך מיט זומער צעגליט;
דיין שפּע, זי וואַקסט אַלץ — אַ זאַנגיקער פליין
און — ווייט נאָך פון אָסיען דער געלער געוויין;
דיין שטערן, ער העלט אַלץ אין בלויעם אין-סוף
און — ווייט נאָך פון ווינטער פון ווייסן דער שלאָף — — — —

## אויטאָביאָגראַפיש

אַ קינד נאָך, פון זעקס און פון זיבן,
אין פרומער, אין חסידישער היים,
האָב איך שוין זיך אָפטמאָל פאַרקליבן
ביי איינעם א פענצטער — אליין.

אינדרויסן איז ווינטער, פול חידוש,
איך זיץ און איך קוק דורך א שויב:
אַ שניי פונעם הימל עס נידערט,
אַ רויך פון אַ קוימען זיך הויבט;

אַ פויגל אַ שוואַרצער עס פליגלט
אין גרויעם, אין פראָסטיקן רוים;
אַ ווינטל — אַ שטיפער — זיך וויגלט
אויף נאַקעטן קאָפּ פון א בוים — — —

איך זיץ לאַנג און קוק אַלץ, פול חלום
און — ס׳ציט מיך אווו — אינדערווייט:
צו פליינען, צו הייכן, צו טאָלן, —
אין שווייגן אין ווייסן צעשיינט — — —

און אָפטמאָל ביינאַכט האָט געטראָפן:
איך ליג אַ צעוועקטער פון שלאָף
און קוק לאַנג מיט אויגן — ברייט־אָפן —
צום שויב, ווו אַ בלויער אין־סוף,

ער פינטלט מיט שטערן מיליאָנען, —
אין רויטקייט, אין גינגאָלד, אין גרין — — —
איך קוק אַלץ און — זעט זיך ניט אָנעט
מיט סוד־פולן שטערן־געווינק — — —

שוין דאַן האָט געצויגן מיך אַלעס,
וואָס פול איז מיט שווייגן, מיט סוד,
און — ס׳האָט מיין געמיט אויפגעשטראַליקט,
ווען כ׳פלעג ווען פאַרלאָזן די שטאָט,

אַוועק פון איר יאָג און געטומל
צו שלווה און רו פון אַ פעלד;
שוין דאַן האָט אַ ציטער אַ פרומער
צערירט זיך דערביי אין מיין זעל — —

און אויכעט אַצינדער, צו זעכציק,
ווען ס׳איז שוין מיין קאָפּ ווייס פאַרשנייט,
צעוועקט זיך אין מיר אָפט אַ לעכצונג
נאָך ווייטן — מיט שטילקייט פאַרשפּרייט;

נאָך שלווה פון פעלדער און לאַנען,
נאָך רו און נאָך סוד פון אַ וואַלד — —
און — אָט האַלט איך ווייט שוין אין שפּאַנען
פון שטאָט און איר יאָג און געוואַלד;

אַרום מיר — אַ וועלט אַזאַ שטילע,
צעצווייגט און צעגראָזט און צעזאַנגט;
פול פייגלשער ליכטיקער תפילה,
פול גרילישן העלן געקלאַנג.

איך שפּאַן שוין א שעה און אַ צווייטע,
איך זעץ זיך ווו צו — אויף א שטיין;
איך זיץ לאַנג אינמיט פון אַ ברייטן,
צעבליטן, צעדופטעטן פליין.

איך זיץ לאַנג און קוק צו דעם הימל,
צו וואָלקנס, צו זונשיין, צו בלוי;
צו ערד רונדאַרום — אָנגעבלימלט,
באַפּינקלט מיט פאַרביקן טוי.

איך קוק אַלץ, מיט אויגן — פול חלום,
מיט קינדישער פרייד אין געמיט;
ביז האַרץ מיינס, עס ווערט אָנגעקוואָלן
מיט סוד און מיט גאָט און — מיט ליד — — — —

# פאַרטאָג

פאַרטאָג. אין אַוויר — פריש און קלאָר —
עס פאָכען פייגל שוין ארומעט;
דער הימל — ברייט, ווי אין אַ דאָרף, —
ער ליכטיקט אויף אין בלוי אין פרומען.

די ערד — אין גרין, מיט טוי באַדעקט, —
זיך וועקט אַלץ מער מיט אַלע צמחים;
אַ בוים די צווייגן זיינע שטרעקט
צו טאָגיק-ערשטע העלע ברכות.

אַ בלימעלע, עס איז שוין גרייט
מיט בינען-געסט זיין נעקטאַר טיילן;
פון מזרח-ראַנד (אין ראָז, אין רויט)
אַ זון, גינגאָלדיק, נעמט זיך שיילן.

אָט הערט מען שוין אַ רעדער-קלאַנג,
אַ פייף אַ שאַרפן פון אַ קוימען;
דאָס רוישט פאַרביי אַ פריע באַן —
פאַרשרייבט מיט רויך די ריינע רוימען.

דאָס דאָרף, עס איז שוין היפּשלעך וואַך,
דער מילכמאַן טוט זיין מילך שוין פירן;
און אָנאָ, דאָרטן, אויפן שליאַך,
אַ יונגע פּאָר איך זע שפּאַצירן.

בלויז איך בין אַלץ נאָך פול מיט שלאָף
און — ליג אַ פוילער, אָן שום ווילן — —
נאָר כ'טו א זאָג זיך: נו, א סוף!
גענוג, פאָעט, אין רו זיך הילן!

עס וואַרטן ווערטער דאָך אויף דיר,
עס וואַרטן שורות און חרוזים;
טאָ גיב זיך, דיכטער, אַ צעריר
און — אויפזינגען עס זאָל דיין מוזע!

געזאַנג — דאָס איז דאָך דיין באַרוף
(ווי פאַרן גרעזל — וואַקסן, גרינען):
טאָ טרייב פון זיך די פוילע רו
און — נעם אַ ליד אַ נייע שפּינען!

און טרייב די ספקות פון זיך אָפּ:
צו וואָס אַ ליד? און נאָך אויף יידיש?
צי קריכט עס וועמען איצט אין קאָפּ?
אין אַזאַ וויסט, אַזאַ ירידה!

ניט קלער אזוי. פאַראַן נאָך ווער
דיין ערלעך וואָרט עס זאָל דערהערן — —
— — — — — — — — — — — — —
אויב ס׳האָט א זמר נאָר א ווערט —
ער וועט פארפאַלן שוין ניט ווערן.

## ניט אויף ברויט אַליין

כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם.
חומש.

דו ביסט שוין מיד פון נויטן אַלערלייע,
פון דאגה'ן אַלץ: אַ דאַך, א שוך, אַ קלייד:
די טעג, די נעכט אין שרעקעניש פאַרגייען,
אין טריבן אומעט, אָן א פונקל פרייד.

דו ביסט שוין מיד פון אַלערלייע שטרייטן —
פאַר נאָך אַ העמד, פאַר נאָך א מעבל-שטיק;
פאַר דעם פאַר אַלעם, וואָס עס ווערט ביי לייטן
באַקרוינט, באַטיטלט מיטן נאָמען „גליק".

דו ביסט שוין מיד פון האַוועניש, פון יאָגן,
טאָג-איין, טאָג-אויס, — אין גאַסיקן געהילך;
ביז וואַנען, זאָג, די חומרדיקע פלאָגן:
אַ ברויט, א טאָפּ, א גלאָז, אַ פלעשל מילך?

ביז וואַנען, זאָג, די שקלאַפעריי די גרויע —
פאַר נאָך א האַנטעך, נאָך א ציך, א דעק?
עס איז דאָך קורץ שוין פון דיין זיין דער דויער!
עס איז דאָך נאָנט שוין צו זיין סוף דיין וועג!

דו וואָלסט געוואָלט אין וואַלד אצינדער ליגן —
אין שאָטן — טונקל — פון א גרינעם בוים;
און ווערטער דינע זאָל אין דיר צעוויגן
אַ העלער זונשטראַל פונעם בלויעם רוים.

דו וואָלסט געוואָלט אין פעלד אצינד שפּאַצירן,
זיך אָנזאַפּן מיט זאַנג און גראָז און קווייט;
און שורות ווייכע זאָל אין דיר צערירן
אַ לינדער ווינטל — דופטנדיק צעווייט.

דו וואָלסט געוואָלט ביים ים אצינדער זיצן —
באַוווּנדערן זיין רוישיקן געפּלים;
און גראַמען גרינגע זאָל אין דיר צעשפּריצן
זיין יעדע כוואַליע — שוימענדיק און פריש.

דו וואָלסט אַצינד געפאָרן ווו — אָן עולן,
אָן זאָרג, אָן דריקונג, מיט אַ פריי געמיט;
און זאָלן לאַנען, זאָלן בערג און טאָלן
דיך אָנקווועלן מיט חלום און מיט ליד.

אַזויפיל לידער אין דיין הארצן ברויזן,
אזויפיל פערזן רייסן זיך פון דיר:
ביז וואַנען, זאָג, פאַרקנעכטן זיך פאַר הויזן,
פאַר נאָך אַ שטול, פאַר נאָך אַ שטיק געשיר?

ביז וואנען, זאָג, די וואָכעדיקע פליכטן
פאַר זעט און בעט, פאַר בגד און פיר ווענט?
די ערד איז פול מיט שיינקייט און מיט דיכטונג,
און — ניט אויף ברויט נאָר לעבט אויף איר א מענטש!

## ווער ווייס

ווער ווייס, וואָס קליין איז און וואָס גרויס,
וואָס וויכטיק איז און וואָס — ניט וויכטיק:
פון גראָז-געוויג, פון בוים-געררויש
מע קען אָפט שאַפן גוטע דיכטונג.

פּאַריז איז גרויס, מיט גאַסן זאַט,
אויך מאָנטרעאל — אַ היפּשער ישוב:
נאָר מיר איז נענטער אויף אַ בלאַט —
אין וואַלד אַווו — אַ טוי א פרישער.

שיקאַגאָ ציט זיך זייער לאַנג,
און לענגער נאָך עס ציט זיך לאָנדאָן:
נאָר מיר איז ליבער אויף א לאָן
א בלימעלע אין פאַרבן-אָנטאָן.

איך האָב געזען פיל כרכן — ברייט,
מיט מענגעס פול, אין יאָגן — קאָכיק:
נאָר מיר איז נאָנט א טאָל — פאַרזייט
מיט נידעריקע סיווע מאָכן.

איך האָב געזען פיל ברייטע מערק —
באַלייגט מיט סחורות אלערלייע:
נאָר מיר איז ליב אין רינג פון בערג
אַ וואַרעם ווינטל — ווייך צעווייעט.

מיך ציט ניט שטאָט מיט איר אַספאַלט,
מיט מויערן — בעטאָן און אייזן:
א דערפל ווו, מיט שטיבלעך — אַלט —
קען מערער וואונדער מיר באַווייזן.

מיך ציט ניט ברום פון באַן און באָס,
געשריי פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע:
אַ פויגעלע, צעזונגען פראָסט,
דערוועקט אין מיר פיל מערער וויזיע.

איך בין געשטאַנען אויפן שפּיץ
פון העכסטן בנין אויפן קיילעך,
געזען ניו יאָרק אין זון צעבליצט
אויף צענדליקער צעברויזטע מיילן:

נאָר ס׳האָט געצויגן פונדערהויך
צו שליאַכן ווו צו זייטיק-שטילע,
מיט אַ געמיט, מיט טרוים באַהויכט, —
דאָרט אויסלידן צו גאָט אַ תפילה.

ווער ווייס, וואָס גרויס איז און וואָס קליין,
וואָס אָרעם איז און וואָס איז גביריש:
אין פעלד אווו א בידנער שטיין,
ער קען אָפט שענקען רייכע שירים.

## נאַטור

כ׳וועד קיינמאָל ניט מיד פון די קלאַנגען
פון גרילן און פייגל אין פעלד:
פון שאָרכן פון גראָזן און זאַנגען —
מיט זונגאָלד מיט בלאַנקן באַהעלט.

כ׳וועד קיינמאָל ניט מיד פון די פאַרבן
פון קוויטן — אויף לאַנען צעזייט:
פון בלעטער אין אָסיען, וואָס שטאַרבן
אין געלקייט, אין צונטער געקליידט.

כ׳וועד קיינמאָל ניט מיד פון די דופטן
פון בעזן אין פרילינגשע טעג:
פון ריחות פון צייטיקע פרוכטן,
ווען זומער עס האַלט שוין ביים ברעג.

כ׳וואָלט שטענדיק אויף בערג ווו געזעסן —
אין שטילקייט, אין טומל פון ווינט:
די ווייסקייט פון וואָלקנס „געגעסן״,
„געטרונקען״ פון ערדן דאָס גרין.

כ׳וואָלט שטענדיק פאַרווילט ווו אין טאָלן,
אין וועלדער געדיכטע — געהיים:
פוןביימער און מאָכן געקוואָלן,
געפרייט זיך מיט דאָרן און שטיין.

כ׳וואָלט שטענדיק שפּאַצירט ווו ביי זוימען
פון טייכן — אין פליסן פאַרטאָן:
געגנחתט פון זייערע שוימען,
געפרייט זיך מיט זייער געשטראַם.

מיך מאַניען מדבריות פון דרום —
געהילטע אין פלאַמיקן ליכט:
איך וואָלט דאָרט, אין זאַמדן אין קלאָרע,
געשריבן צו זיי א געדיכט.

מיך ציען פון צפון די טייגעס —
פאַרקלעמטע אין זויבערן שניי;
איך וואָלט דאָרט, אין פראָסטיקן שווייגן,
א זמר געזונגען צו זיי.

מיך לאָקן צעשטורעמטע יאַמען —
מיט כוואַליעס מיט הויכע צעבליט;
איך וואָלט דאָרט אויף רחבות אויף גראמער,
דעם כאַאָס געווידמעט אַ ליד.

כ׳ווער קיינמאָל ניט מיד פון צו בליקן
(אין בלויע בייטאַכטן — פאַרטרוימט)
צו שטערן מיליאַסן, וואָס שיקן
א גרוס מיר א ווייטן פון רוים;

אַ גרוס מיר פון סופלאָזע טיפן,
פון חלל פון ברייטן — אָן ענד;
איך טו אין מיין זינען זיך שיפן
מיט זיי דאָרט — אין חושך צעבלענדט.

איך שיף זיך מיט זיי לאַנג אַרומעט —
באַצוווּנגען פון זייער געשיין;
ביז אנענד ביז גאָרער ארום מיר,
עס דרינגט אין מיין האַרצן אַריין — — —

## קיוואַנוקאַ

קיוואַנוקאַ — נאָמען פון אַ הויז
אויף אַ באַרג אַ הויכן, אַ צעגרינטן;
ערד איז גראַם דאָ, הימל — אַזוי גרויס,
און גאָר אָפּט עס פּייפן דאָדערט ווינטן.

קיוואַנוקאַ — נאָמען אָט אַזאַ
האָט אַ גלח אַ־דעם הויז געגעבן;
האָט אַמאָל (מיט מענטשן איבערזאַט)
אָפּגעשיידט זיך — דאָ פאַרבראַכט זיין לעבן.

קיוואַנוקאַ מיינט: גאָר הויך צו גאָט —
איז דער פּריסטער מיט גאָט אַדאָ געוועזן;
האָט געזען אים אויף אַ יעדן טראָט
און — גערינט אים מיט זיין גאָרן וועזן — — —

איצט איז זומער. כ׳וווין דאָ מיט מיין פרוי
(באַלעבאָס איז — אַ פראַנצויז אַן אַלטער);
כ׳שפּיגל זיך אין טיפן הימלבלוי,
אין דער זון דער גאָלדיק־העל צעשטראַלטער;

אין די ברייטן אויף אַ יעדער זייט,
אין די שטילע, טרוימערישע ווייטן;
כ׳לעב אַדאָדערט ניט מיט אונזער צייט,
כ׳לעב דאָ מיט די . . . אינדיאַנער צייטן.

קיוואַנוקאַ מיינט: גאָר הויך צו גאָט —
זע איך אויבעט גאָטס געזיכט ארום מיר;
זע אים דאָדערט אויף אַ יעדן טראָט:
אין דיביימער, גראָז, מאָכן, בלומען;

אין די בלעטער אויף אַ יעדן צווייג,
אין די טויען — אָפּטמאָל אין באַגינען;
אינעם מזרח, ווען אַ זריחה שטייגט,
אינעם מערב — שקיעהדיק צעכלינעט:

אין די נעכט — מיט שטערן גרויסע פול
(אַזוי פאַרכטיק, אַזוי פרום צעפינקלט);
אינעם גאָרן באַרגיש-הויכן גבול
(מיט זיין יעדן סודותדיקן ווינקל).

כ׳זע דאָ גאָט, ווי גלח פון אַמאָל,
ווי די לאַנגשוין טויטע אינדיאַנער:
כאָטש ניט וויט דאָ, אין אַ טיפן טאָל,
יאָגן אויטאָס, איילן באָסעס, באַנען . . .

כ׳נידער אָפּט אין אַ-דעם טאָל אַראָפּ,
ביי אַ וואַסער ליגט אַ שטעטל דאָרטן,
מיט האָטעלן רוישיקע געפּראָפּט,
פול פאַרוויילונג: שיפלעך, טענים, קאָרטן — —

כ׳קוק זיך צו צום דאָרטיקן „יאַריד”:
מענער, פרויען, — האַלב און מערער הוילע:
אַ געמיש פון ייִד, פראַנצויז און בריט,
א געמיש פון שפּראַכן און פון קולות;

כ׳קוק אַ ווײַלע, האָרך אַ פּאָר מינוט
און — צוריק אויף הויכן באַרג איך קלעטער:
קיוואַנוקא וואַרט אויף מיר — באַרוט,
אין א קרייז פון גראָזן און פון בלעטער.

קיוואַנוקא, כ׳בין שוין דאָ צוריק,
קוק, פול חידוש: בערג אויף בערג — אויף מײַלן,
קוק, פול וווּנדער, ביזקל פּאַר מיין בליק
אינדיאַנער ווייזן זיך — מיט פיילן . . .

אינדיאַנער, ברוינע, אין קאַנוס . . .
מענער, פרויען, — לאַנגשוין אויסגעטיליקט — — —
— — — — — — — — — — — — — —
קיוואַנוקא איז פון זיי א גרוס
דורך א גלח — נזירדיק צעתפילהט — — —

# מיין טאַטע און איך

## א

מיין טאַטע איז אין שול אריין געגאַנגען
און איך גיי אין די פעלדער אָפט ארומעט;
מיין טאַטנס פרומע, תהילימשע געזאַנגען
פארביטן האָב איך אויף געוויקסן פרומע.

מיין טאַטע איז פארטאָן געווען אין חסידות
(און צו דעם „נסתר" — „נגלה" צוגעגעבן);
און איך, אין יונגע מאַמע-לשון-לידער,
באַזינג פון זאַנג און גראָז און בלום דאָס לעבן.

מיין טאַטע איז געווען פול מיט גלויבן —
אין יענער וועלט, אין ליכטיקן גן-עדן;
און מיך עס ציט ניט אין די הימלען, אויבן, —
גענוג מיר זענען פון דער ערד די פריידן.

די פרייד פון זיצן אין אַ וואַלד — צעבלעטערט,
זיך צוקוקן מיט חידוש אין די בליקן,
ווי אויף אַ שטאַם א ווערעמל עס קלעטערט,
ווי אויף אַ צווייג אַ ווינט עס טוט זיך וויגן.

די פרייד פון ליגן אויף א לאָן א גרינעם
(אין א בייטאָג א גאָלדענעם, א הייכן);
זיך אָנזאַפּן מיט דעם געזשום פון בינען,
זיך אָנדופטן מיט הייאיק-דינע ריחות.

די פרייד פון שפּאַנען איבער שטילע וועגן
(אין זומערטעג, אין אָסיענצייט, אין פרילינג),
און טרינקען טרוים פון זונשיין און פון רעגן,
און ניגונען מיט פייגל און מיט גרילן — —

דו האָסט, מיין טאַטע, גאָט געדינט כסדר,
אין רוים פון תורה רק אַרומגעפלאַטערט;
און איך — איך „לערן" אין אַן אַנדער „חדר";
מיר דינען אָבער צו איין גאָט, מיין טאַטע — — — —

## ב

ווי מיין פֿאָטער אין די ספרים אין די פֿרומע,
שעפּ איך גלויבן אינעם „פּרייעס״ יידיש-ליד:
און איך וואַרט אַליין, אַז משיח זאָל ווען קומען —
כאָטש ער זאַמט זיך, זיצט אַוו דאָרט „איינגעשמידט״.

ווי מיין פֿאָטער אין תנ״ך, אין דער גמרא,
טרינק איך טרייסטונג אין די פּרץ-לייוויק-ווערק:
און איך האָף אַליין אויף אַ מאָרגן אויף אַ קלאָרן,
ווען אין אַקער זיך פֿאַרוואַנדלען וועט דאָס שווערד.

ווי מיין פֿאָטער אין זיין סידור אין דעם דיקן,
טו איך „דאַוונען ״מאַמע-לשון דורך די טעג:
און איך זינג נאָך מיט געציטער הירשקע גליקן:
זאָג נים קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג.

רש״י, רמב״ם, ווילנער גאון, דער סאַלאַנטער, —
אַלטע נעמען, לויכטנדיקע זוניק-העל:
כ׳גיב צו זיי צו נייע נעמען — נים באַקאַנטע
דיר, מיין טאַטע: ליעסין, רייזען, ראָזענפעלד — — —

דער בעל שם טוב, לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו,
שפּאָלער זיידע, דער ליאַדיער „אַלטער רבּ״, —
כ׳לייג צו זיי צו פֿרישע נעמען — העל, ווי בליצן:
הלל צייטלין, דער היסטאָריקער דובנאָוו — — —

פֿון באַרג סיני ביז דער „קופּע״, ביז טרעבלינקע —
ס׳איז מיין אומה אַליין מיט קדושה אָנגע׳עול׳ט — — —
— — — — — — — — — — — — — —
לשון קודש, לשון יידיש, — ביידע פֿינקלען
מיט אמונה אינעם נצח פֿון מיין פֿאָלק — — — —

## אין אַ יוני־פרימאָרגן

א

כ׳בין לאַנגשוין אין פעלד ניט געגאַנגען,
האָב לאַנגשוין קיין זאַנג ניט געזען,
קיין קווייטל, מיט טויען באַהאַנגען,
קיין גרעזל, מיט זונשיין באַבלענדט.

כ׳האָב לאַנגשוין מיט בערג ניט געפרייט זיך,
מיט גרינקייט פון טאָל און פון לאַן,
מיט הימלען מיט הייכע און ברייטע
(אין בלויקייט אין צאַרטער ביז ראַנד).

כ׳בין לאַנגשוין אין וואַלד ניט געוועזן,
מיט ביימער שוין לאַנג ניט פאַרבראַכט,
קיין פויגל געטראָפן, קיין העזל, —
אויף בלעטער, אויף מאָכן, אויף סכך.

גוטמאָרגן, בעריאָזעס און קליאָנען,
צעוויגטע אין דופטיקן ווינט!
איך קוק אייך באַנייעס אין פנים —
מיט זומער מיט העלן באַשפּינט.

איך קוק לאַנג ארום זיך — פול חידוש,
ביז פייכט ווערט און זאַלציק מיין אויג . . .
איך זע דיך, באשעפער, היינט ווידער, —
אין גראָז דאָ אין יעדן — געבויגט;

אין בלעטל אין יעדן — צעהוידעט,
אין זשוקל אין יעדן, וואָס קריכט — —
צעעפנסט אויפסניי דיינע סודות
פאר מיר דאָ — אין שאָטן און ליכט — — —

ב

איך זע דיך, באַשעפער, היינט ווידער,
איך הער היינט באַנייעס דיין קול:
אין פייגל — פאַרשיידן — צעלידערט
אין וואַלד דאָ, אויף באַרג און אין טאָל.

אָט בין איך פון וואַלד שוין אַרויסעט,
איך שפּאַן שוין אויפסניי אום אין פעלד:
ווי הערלעך, מיין גאָט, איז דיין דרויסן,
ווי שיין און ווי רייציק — דיין וועלט!

אָט פלאַטערט אַ שמעטערלינג — לופטיק,
פון בלימל צו זאַנגל, צו בוים:
ער הויבט זיך אַליין העכער און — רופט מיך
אַהינצו, אין לויטערן רוים.

אָט טראָגט זיך אַ ניגון פון בינען
(מיט גילדערנעם האָניק צעטריפט):
ער זשומעט אַריין אין מיין זינען,
אין האַרצן אין מיינעם גאָר טיף.

אָט זמרט אַ ווינטל — צעזומערט
און — זינגט וואָס אַריינעט אין מיר:
אַ תפילה אַ פריידיקע, פרומע?
אַ ליריש צעפּליסטערטן שיר?

איך זע דיך, באַשעפער, באַנייעס,
איך הער היינט באַנייעס דיין שטים — —
— — — — — — — — — — — —
און — ס׳דרינגט מיך אויפסניי דורך דיין פייער,
און — כ׳וועל היינט, ווי דו, אלוהים! — — —

## און דאָ איז אַזוי שטיל

לא ברעש ה׳.
מלכים א, י״ט.

עס רוישט אצינד אין שטאָט —
אויף אַלע האַרטע גאַסן;
מיט קאַר און באַס און טראָט
פון איילנדיקע מאַסן

(נאָך זעט און בעט און גליק,
נאָך גאָלד און מאַכט און כבוד;
מיט גיריקייט אין בליק,
מיט גלוסטונג אין מחשבה) — —

עס קאָכט אצינד — אויף מערק,
אין קראָמען, אין פאַבריקן;
און האַר זיין רייכקייט מערט,
און קנעכט, ער טוט זיך שטיקן

מיט האַרעוואַניע — האַרב,
מיט נויט און פיין און — קינאה
(און קוקט ארויף צום האַר
מיט שווערדיק שאַרפער שינאה) — — —

מע יאָגט אַדאָרט אצינד —
אויף אַלע ענגע ראָגן
(און יעדערער איז בלינד
צום אַנדערנס געפלאָגן);

און גאָט, ער זיצט דאָרט ווו
פארשריגן און פארשטויסן
(און הערט זיך ווייפול צו
צום רוישיק-ווילסטן דרויסן) — —

און דאָ איז אַזוי שטיל —
אויף אַלע גראַמע מיילן;
א פויגל נאָר, א גריל
עס טוען פייפן, פיילן;

און זון פון בלויעם רוים,
א גאָלדיק-העלע, בלענדעט
אויף גרין פון גראָז און בוים —
ביז אלע פרייע ענדן — —

איך שפּאַן ארום באזאכט,
באטראכט א יעדן גרעזל;
און אויער מיינער — וואַך
צום שאָרך פון יעדן העזל;

און אויג מיינס — פול מיט שיין
פון יעדן טוי — צעפינקלט;
איך שפּאַן און הער זיך איין
אין שפּיל פון יעדן ווינטל.

און — גאָט אַצינד איך שפּיר —
אין בוים, אין זאַנג, אין בלימל;
איך פיל דאָ זיין באריר,
איך זע אים, הער זיין שטימע.

ער רעדט צו מיר מיט רייד —
ווי וואָרקעניש פון טויבן;
און — העלט מיך אָן מיט פרייד — —
און — קוועלט מיך אָן מיט לויבן — — —

# אין וואַלד

גערענקסטו נאָך, מיין מיידל,
דעם טאָג אין זון-געבלענד,
וואָס האָט אונז דאָרט ביידן
צונויפגעבראַכט, באַקענט?

בין דאָן אהער געקומען —
א יונגער, פול מיט ליד, —
פון גאַסיקן געטומל,
פון שטאָט אין שטיין געשמידט.

פאַרנאַכט איז דאָן געווען,
אינהייך — א בלויער רוים,
און גאָלד — אויף יעדן גרעזל,
און גרין — א יעדער בוים.

און דו אין וואַלד אין גרינעם,
מיט פנים — בליאיק, פריש,
א בויגיקע, א דינע,
אויף גרינגע, שלאַנקע פיס.

איז וואַלד געוואָרן היימיש
פון ערשטן בליק און טראָט;
און נאָכדעם האָבןביימער
געוווסט שוין אונזער סוד;

און אויבעט מאָכן, גראָזן, —
אויף יעדן קער און שפּאַן;
און וועווערקעס, און האָזן,
און פייגל — אין געזאַנג — — —

געגאַן זענען מעת-לעתן
אַדאַ, מיט דיר, — אין גליק;
איך בין געווען באַזעסן
פון דיין אַ יעדן בליק.

געגאַנגען זענען וואָכן
אַדאַ, מיט דיר, — אין פרייד;
די זון האָט אונז מיט ברכות
אויף יעדן טראָט באַגלייט.

די זון און די לבנה,
ביי טאָג און ביידערנאַכט;
דיין בליענדיקער פּנים
געהאַלטן האָט מיך וואַך;

דיין גוף דיין בליאיק-יונגער
געצויגן האָט מיך אַלץ;
און — כ׳האָב מיט דיר, אין וווּנדער,
א פרילינג אָפּגעשטראַלט — —

די ליפּן דיינע — וואַיניק,
די צערטלענדיקע הענט;
און — כ׳האָב מיט דיר, אין תענוג,
א זומער אָפּגעברענט — —

אוועק זענען חדשים,
און יאָרן פיל — אוועק;
צום געלן וועלק פון אָסיען
עס פירט א יעדנס וועג;

צו אָסיען און צו ווינטער,
צו דאַרבונג און פאַרגיי:
צו בלעטער אָפּגעגרינטע,
צום ווייסן שיין פון שניי — —

און איצט מיר זענען אלט שוין,
מיט פּנימער — צעקאַרבט:
און ס׳איז אין יולי קאַלט אונז,
ניט נאָר אין יאַנואַר:

און ס׳בלייבן נאָר זכרונות
פון ווייטע, העלע טעג, —
דעם צער מיט זיי באַקרוינען
ביים אויסלאָז פונעם וועג — — — —

# ווי אַלט איז דער שטיין

ווי אַלט איז דער שטיין, ווו איך זיץ אַט אצינד,
זיין פּנים זיין גאָרער — צעגעסן פון ווינט,
פון רעגן צעשאָבן, פון שניי אויסגעקאָרבט,
א שטיין אזא גרויסער — אויף בארגישן קאַרק?

ווי אלט איז דער בארג, ווו עס ליגט אָ-דער שטיין,
א בארג אזא הויכער — אן ערדיש געביין,
מיט גראָז אויפן רוקן, מיט וואַלד אויפן קאָפּ
(ווו ס׳רוישן די ביימער צו מיר איצט אראָפּ)?

ווי אלט איז די ערד — אונטער בארג אויסגעשפרייט,
און ניט נאָר ארום אים — אויף גאָרער איר ברייט,
דער כדור דער גאַנצער, פון ענדע ביז ענד, —
אין נאַכטישן פינצטער, אין זוניקן בלענד?

ווי אַלט איז די זון אינעם הימלישן בלוי,
וואָס העלט איצט אראָפּעט אויף קוויט און אויף טוי,
אויף בוים און אויף גרעזל, — אין ווינט אויפגעריירט,
אויף בארג און אויף נידער, אויף שטיין און אויף מיר?

ווי יונג בין איך, מענטש, — א מיליאָן יאָרן בלויז
פון זינט בין פון זומפּ אויף יבשה ארויס;
געשטיגן פון פישל און פויגל און אַף,
געוואָרן צווייפיסיק, פול פילן און גאַף,

פול טראַכטן און נייגער, פול שטרעבן און שטרייט,
און — קריג זיך פון דאן אָן מיט גאָט און מיט לייט,
און — ריים זיך פון דעמאָלט אינווייט און אינהייך,
און — בין ניט באנוגנט מיט העכסטן דערגרייך,

און — זוך רק ארומעט — אין זיך, אין ארום,
און — פרעג אָפט, ווי איצטער: ווי אַלט איז די זון,
דער שטיין דאָ ווי אַלט איז, די ערדקויל — ווי אַלט,
און וואָס איז דאָס לעבן, דער ניט-זיין און — אַלץ? — — — — —

## קאַנאַדע

### א

די בערג מיט שניי, די קעלטן — בייז און שניידיק,
די ליכט פון אייז, וואָס אין דיין פּענצטער פינקלען, —
דו קענסט זיי ניט אין אַ־דעם לאַנד פאַרמיידן,
דו קענסט פון זיי אין הויז נאָר זיך פאַרווינקלען:

ווי אין א תפיסה, זיצן א פאַרשפאַרטער,
אַן אַרעסטאַנט, פון אַלעם אָפּגעריסן:
דער ווינטער איז א לאַנגער דאָ, א האַרטער
און פונעם פרילינג מאַכט ער זיך ניט וויסן.

עס ציען זיך מאָנאַטן טונקל־גרויע,
דו זיצסט אין שטוב אין בענקשאַפט א פאַרשפינטער:
דו פאַנטאַזירסט פון רוימען זיבער־בלויע,
דו פאַנטאַזירסט פון ערדן פון צעגרינטע.

ווי וויל איז איצטער אויף די העלע מיילן
פון די מיאַמיס, פון די קאַליפאָרניעס;
וואָלסט גערן איצט געלאָזט זיך קיין איטאַליע,
וואָלסט קיין ישראל גערן איצט געפאָרן.

דיין גוף, ער איז דאָ הונגעריק נאָך זונגאָלד,
דיין זעל, זי דאַרשט נאָך זומערטעג צעשטראַלטע:
נאָר ווינטער חוזקט פון דיין דאָרשט און הונגער
און — האַלט דיך פעסט אין קלעמען זיינע קאַלטע.

און קומט שוין פרילינג, שטעלט זיך שוין דער זומער, —
איז קורץ אַזוי דאָ זייער גרינער דויער — —
און — ווידער שפרייט זיך געלער אָסיען־אומעט,
און — ווידער שטרעקט זיך ווייסער ווינטער־טרויער — — —

דו זיצסט אויפסניי אין היים דיינער — פאַרווינקלט,
דו קוקסט אויפסניי צום פראָסטיק־שטרענגן דרויסן
און — ווידער זעסטו ליכט פון אייז — צעפינקלט,
און — ווידער הערסטו זאַווערוכעס רוישן — — —

ב

אַזויפיל טעג — נאָר וואָלקנס, רעגנס, ווינטן,
און אויבעט קעלט — אין סאַמע מיטן זומער;
די שטוב דיינע אין טונקל איינגעשפּינט איז,
אויף יעדער זאַך עס הויערט אַזאַ אומעט.

דו שפּאַנסט אַרום, דו קוקסט אין גאַס אַרויסעט;
עס קען דיך דאָרטן אפשר וואָס דערפרייען?
נאָר רעגן גיסט אַלץ, הערט ניט אויפעט רוישן,
און נאַס — די הייזער, דורכגענעצט — די גייער.

איז נעמסטו עפּעס לייענען — אַ צייטונג,
צי אַ זשורנאַל — פון אויסלאַנד ערשט געקראָגן;
נאָר דיין געמיט, ער ווערט פון זיי ניט הייטער,
און אין דיין האַרצן הערט ניט אויפעט נאָגן.

איז עפנסטו די ראַדיאָ אויף אַ ווײַלע:
אַ פרוי עס זינגט דאָרט — מיט אַ שטים אַ פיינער;
נאָר איר געזאַנג, ער טוט דיך קנאַפּ פאַרווײַלן,
און פון איר שטימע שעפּסטו ווייניק תענוג.

איז זוכסטו זיך אין טעלעפאָן אַ רעטונג:
רופסט אָפּעט וועמען, נעמסט אַביסל ריידן;
נאָר קענטיק, אַז דער צרהדיקער וועטער —
ניט נאָר אויף דיר ער שווערט אַזוי — אויף ביידן.

איז נעמסטו מעסטן אויפדאָסניי דיין צימער,
און ביי דעם פענצטער שטעלסטו אויפדאָסניי זיך;
פאַרצווייפלט קוקסטו צו דעם גרויעם הימל,
צום טריבן דרויסן, צו די נאַסע הייזער — — — —

# פייערלעך אין די בערג

א

איך ליג אַן שלאָף און קוק ארויס
אין נאַכטישן סוף זומער-דרויסן:
א בלויער הימל — פעלדיש גרויס,
א גרינע ערד (פול גריל-געזוישן):

און בערג ארום — אין וואַלד געהילט
(מיט פייערלעך צעווישן ביימער):
איך קוק צו זיי — צעלויכטן שטיל
(ביי פויערישע שטילע היימען)

און — בין מקנא יעדע היים
מיט אירע מענער, קינדער, פרויען:
זיי שלאָפן איצטער — גרויס און קליין,
זיי רוען איצט, אין נאַכט אין בלויער.

בלויז איך בין וואַך, מיט אומרו פול,
מיט זאָרג און שרעק ארומגענומען:
אויך דאָ, אין שטילן פעלדער-גבול,
אויך דאָ, אין רינג פון בערג פון פרומע.

איך בין אַדאָדערט בלויז א גאַסט —
געקומען אויף די זומער-וואָכן:
געבראַכט מיט זיך דעם רויש פון גאַס,
די שטאָטישע, די האַרטע יאָכן:

די זאָרג פאר דאַך, פאר העמד און ברויט
(אפילו איצטער, אויף דער עלטער):
די שרעק פאר עלנט, קרענק און טויט,
פאר יעדן טאָג, וואָס ווערט אַלץ קעלטער — — —

איז ליג איך דאָ אין שפעטער שעה
און קוק ארויסעט (פול מיט קינאה)
צו פייערלעך (אַדאָרט, אַדאָ)
אין גרינעם פעלד, אויף בערג אויף גרינע — — —

ב

איך בין מקנא אָ-די ערד,
מיט אירע מענטשן — פאַרמער שטייפע;
מיט מי געזונטער לייכט באַשווערט,
באַלוינט מיט גרינסן, פרות רייפע;

פאַרשטאַמט אַדאָ שוין דורות-לאַנג —
א שנור פון זיידעס, טאַטעס, קינדער;
באקרייזט מיט עופות — פול געקלאַנג,
מיט בלעקנדיקע שאָף און רינדער.

ווי זיכער איז דאָ זייער טראָט,
ווי פריי דער בליק ביי יעדן איינעם;
א יעדערער זיין אָרט עס האָט —
אויף קעפ פון בערג, אויף האַרץ פון פליינען;

א יעדער איינער — ווי א בוים:
פארשטעקט אין גרונט, געשטרעקט אין הימל
(מיט פריש צעגרינטער בלעטער-קרוין —
אין זון צעהעלט, אין טוי צעשימערט).

בלויז איך בין דאָ א גאסט, א גר,
א ווינט אין פעלד, וואָס בלאָנקעט אומעט;
אָן אייגן רוים, אָן אייגן ערד,
באלייגט מיט נויט און פיין און — אומעט.

מיין היים, זי איז פונלאנגשוין וויסט, —
דורך מענטשן-חיות ווילד פארשניטן;
די טייערסטע — פארמעקט, פארוווישט,
מיט רויך אוועק, אויף אַש צעביטן — —

און איך, דער לעצטער, וואָגל אלץ,
דורך לענדער, שטעט, — וווהין? ביז וואַנען?
איך בין דאַך גרוי שוין, בין שוין אלט, —
איז נאָך א היים פאר מיר פאראנען? — —

ג

אין צווייטן צימער שלאָפֿט מיין פֿרוי,
זי אָטעמט שווער און — קרעכצעט אונטער;
זי איז נישט יונג שוין, היפּשלעך גרוי,
און לעצטנס איז זי נישט געזונט אויך.

מיר זענען ביידע היפּשלעך אַלט,
אַרומגעלייגט מיט מחלות הָאַרבע;
נאָר טיף אין מיר אַ ליד נאָך קוואַלט
און — וויל נישט אויסגיין, וויל נישט שטאַרבן.

איז ליד איך אַלץ, אָט ווי אַצינד
און — וואַרט נישט מער, מע זאָל מיך הערן;
איך זינג אַצינדער פֿאַרן ווינט,
איך זמר איצטער פֿאַר די שטערן — — —

מיין פֿאָלק אַדאָ, ער דאַרף נישט מער
קיין יידיש ליד, קיין וואָרט אויף יידיש;
און אַז איך שרייב נאָך (ווען ער הערט),
באַטראַכט ער מיך מיט שטוין, מיט חידוש:

פֿאַר וועמען שרייב איך — פֿאַרן שטויב
אויף פּאָליצעס אין ביבליאָטעקן?
אַז אַלטער דור — שוין בלינד און טויב,
און יונגער דור — אין אַלדי העקן — — —

נאָר איך — איך פֿאָלג נישט — ווייטער שרייב,
אַ זמר טוט נאָך מוט מיר געבן,
אַ ליד מיין יאוש פֿון מיר טרייבט
און — לייכטער מאַכט מיין שווערן לעבן.

איז ליד איך אַלץ און וואַרט נישט מער,
אַ יידיש אויער זאָל דערהערן — — —
איך זינג אַצינדער פֿאַר די בערג,
איך זמר איצטער פֿאַר די שטערן — — — —

ד

די פייערלעך, זיי פינקלען אלץ
(און טיף אין רוים די שטערן פינקלען):
און אויף די בערג, אין פעלד, אין וואַלד,
דער גרילן-כאָר עס טוט אַלץ קלינגען.

דער גרילן-כאָר און — אויך א ווינט,
וואָס „זינגט" אריין צו מיר אין שטיבל:
איך ליג אלץ וואַך — ארומגעשפינט
מיט טראכטענישן האַרבסטיק טריבע.

עס איז שוין אלול אויף דער וועלט,
עס דאַרבן שוין די ביימער-בלעטער:
און זייער דאַרבונג, זייער ווערלק, —
איך שפיר זיי איצט, אין שעה אין שפעטער.

איך שפיר זיי איצט, ווייל וועלט און איך, —
בייביידן שוין איז אלול איצטער.
ביי ביידן שוין. און אפשר גיך
ביי ביידן קען שוין ווערן פינצטער.

מיר דרייען זיך נאָך אלץ ארום
אין ענדעלאָזן הימל-חלל:
פול וועלענישן — זינדיק, פרום,
פול ראַנגלענישן, ארבעט, חלום — —

נאָר ס'לוגט שוין לאנג אויף ביידן אונז
(פון מזרח? מערב? צפון? דרום?)
א בלינדער סוף — אין בלענד פון זון,
א הייסער אויסלאָז — אָן שום קברים — — —
— — — — — — — — — — — — —

און טיף אין רוים, ווי אָט אצינד,
אין נאַכט פון אלול — דופטיק, וואַיניק, —
די שטערן — רויט און ראָז און גרין —
זיי וועלן ווייטער פינקלען, שיינען — — —

# עכאָם אין די בערג

א

ווי ווייט ער איז שוין, יענער זומער,
ווען איך און דו — געווען יונג;
געריסן דאָדערט יאַגדעס, בלומען,
געשפּילט זי דאָ מיט ווינט, מיט זון.

ארומשפּאצירט אַדאָ צוזאמען,
מיט יעדן אבר — פול געזאַנג;
אויף אָ־די היי־באדעקטע לאַנען,
אויף אָ־די פעלדער — אָנגעזאַנגט.

אין ליבע־שפּיל ארומגעשפּילט זיך —
א יעדן טאָג, א יעדע נאכט;
אויף אָ־די בערג — אין גרין געהילטע,
אין אָ־די וועלדער — פול מיט סכך.

ווי יונג און מויד אין פריע צייטן,
ווען פּרימיטיוו איז אַלץ געווען,
געפּירט זיך דעמאָלט גאָר ניט לייטיש:
א גאַנצן זומער — „אָפּגעברענט״.

ב

איך זע דיך איצט, אין אונזער אָסיען,
ווי דאַן, מיט יאָרן פיל צוריק;
דו ביסט מיין כלה, איך — דיין חתן,
און ביידנס אויגן — אָנגעגליקט.

און — כ׳ליב דיך אלץ — אין וואָר אין יענער,
אין יענעם פּנים, יענעם גוף
(פון איצטיקן — פיל יינגער, שענער,
פול מאַי־צעבלי, פול יוני־דופט).

איך ליב דיך אלץ נאָך — אין מיין חלום,
איך בין אלץ פול מיט פרילינג־לעכץ;
און בין ניט גרייט נאָך מאכן שלום
מיט אָ־די אלטע טעג און נעכט.

## ג

— פארוואָס אויך איצטער ליבע־גארונג,
ווען ביידנס קעפ — שוין היפש פארגרויט?
— ווייל פרוי און דיכטער מערער צערן
צוליבן אָסיענס געל און רויט.

— פארוואָס אויך איצטער לעכץ נאָך תענוג,
ווען ווינטער וועבט שוין ביידן איין?
— ווייל פרוי און דיכטער שארפער פיינען
צוליבן ווינטערס ווייסן שיין.

— פארוואָס אויך איצטער טרוים פון פרילינג,
ווען ס׳ווערט אלץ קירצער ביידנס וועג?
— ווייל פרוי און דיכטער טיפער פילן
דעם אָנקום פונעם לעצטן ברעג.

## ווינטער אין די בערג

### א

די וועלט איז שיין, אפילו איצט, אין ווינטער, —
אין היגן לאַנד, אין נאָרדישן, אין קאַלטן;
אַ שאַרפֿע קרירה, עסנדיקע ווינטן
און — סקריפּ פֿון שניי אין זון אין בלאַס צעשטראַלטער.

מיר שפּאַנען דאַ באַניים צוזאַם ארומעט,
א קלאָרער טאָג, א הימל — בלוי צעזויבערט;
די בערג ארום — אין קיטלען ווייסע, פֿרומע,
די בערג ארום — אין ציכטיק-ווייסע הויבן.

אָט איז א בארג מיט סקיערס פֿול מיט יונגע —
אין געלער, גרינער, צונטערער הלבשה
(נאָך ווינטער-ספּאָרט געזונטן אויסגעהונגערט,
מיט פרילינגדיקער גבורה אָנגעגאָסן).

זיי טראָגן זיך — באַזונדער און איניינעם —
אראָפּ דעם בארג, אהער צו אונז, אין נידער;
זיי טראָגן זיך, ווי זאַווערוכעם קליינע
און אָן שום אָפּרו — קלעטערן שוין ווידער.

צי ווילסטו ניט זיך סקיען, מיין געליבטע, —
מיט זיי צוזאַם, פֿון אָ-דעם בארג דעם הויכן?
דו לאַכסט פֿון מיר — אַ פּלוצימדיק באַטריבטע
(און פֿון דיין מויל א פּאָרע גראָב עם רויכערט).

דו לאַכסט פֿון מיר, דו לאַכסט פֿון אונז פֿוןביידן
(און אויגן דיינע, אומעטיק זיי שיינען):
— מיר זענען ביידע דאָך שוין אַלט, אַן עדות —
דאָס גרוי אויף קעפּ — אויף מיינעם און אויף דיינעם — — —

ב

אַ זייטיק שטעגל — ווייטלעך פונעם שטעטל,
קיין מענטש, קיין קאַר, קיין גאַסיקער גערויש;
עס איז פאַרנאַכט. אויף שניי אויף קלאָר צעבעטן
דער טאָג אין פאַרבן שקיעהשע גייט אויס.

די קרירה שטאַרקט זיך — מיט אַ יעדער רגע,
זאָגט אָן א נאַכט — פול ברענענדיקער קעלט;
מיט טונקלעניש באשפּונען שוין דער שטעג איז,
אין בלויעם רוים א שטערן זיך צעהעלט.

אָט איז א וועלדל — הוילע דעמבעס, קליאָנען
(פארשטעקט ביז לענדן אינעם הויכן שניי);
אין קאָפּ אין מיינעם וועקט זיך א דערמאנונג
(און אינעם האַרצן וועקט זיך אזא וויי):

מיר זענען דאָדערטביידע שוין געגאַנגען —
אמאָל, אַמאָל, מיט יאָרן פיל צוריק;
די הערצער דאַן — פול פרילינגשע פארלאנגען,
די אויגן דאַן — פול יונגטלעכן גליק.

ס'איז זומער דעמאָלט רונדארום געווען —
פול בלי און ליכט און פייגלשן געצוויטש;
און מיר — ווי זומער: בלעטערדיק, צעגרעזלט,
און מיר — ווי ער: פול דופטנדיקן צווייט.

איצט גייען מיר דאָ אויפדאָסניי איניינעם —
פאַרטוליעטע, אין בריענדיקן פראָסט;
מיט לייבער אלטע, שלאַבעריקע ביינער
(ווו געלער אָסיען זייט אלץ מער זיין ראָסט) — — — —

ג

ביינאַכט. ניט-ווייט דאָ שלאָפֿן טאָלן, בערג, —
אין קאָלדערעס אין שנייאיקע געהילטע;
און נענטער נאָך, אויף שטעטלדיקער ערד,
די גאַסן אלע ליגן שוין פֿאַרשטילטע.

נאָר איך און דו, אין צימערל, אין בעט —
מיר וואַכן אלץ, — מיט ליבשאַפֿט אָנגעטרונקען;
איך קוש דיין מויל, דיין יעדן גליד איך גלעט,
דיין גוף דיין גאַנץ — פֿול מיט פֿייער-פֿונקען.

איך טרינק היינט בראַנפֿן פֿון דיין גאַנץ גוף
און — אָנגעשיכורט ווער פֿון אים אלץ מערער:
איך הער אין דיר היינט, ווי אַמאָל, א רוף —
פֿול פֿרילינגדיקער, זאַפֿטנפֿולער יערונג.

דורך שויבן קוקן שטערנדלעך זיך צו,
ווי מיר דאָביידע, לאַנגשוין ניט קיין יונגע,
צערירן אלץ די נאַכטיש טיפֿע רו
מיט פֿרישן ברויז אין לייבער — אויסגעהונגערט.

זיי קוקן אַלץ — פֿון קאַלטן הימלבלוי,
נאָר כ׳שעם זיך ניט (און אויך ניט דו, מיין מיידל);
זאָל עדות זאָגן אויף די קעפּ דאָס גרוי,
אז פֿרילינג ליגט שוין ווייט אהינטערביידן;

זאָל עדות זאָגן מיין און דיין געזיכט,
אז אָסיען זייט שוין לאַנג אין אונז זיין דאַרבונג;
דו ביסט היינט ווידער פֿול מיט צוויט און ליכט,
און ס׳איז די ליבע — שטאַרקער נאָך פֿון שטאַרבן — — —

# ים

א

דו ביסט מיר נאָענט פון מיין פרילינג,
פון לאַנג פאַרוויטע טעג און יאָרן:
האָב דאַן געהאַט א היים א שטילע —
אין קליינער ליטע — גרוי און אָרעם.

האָב זי פאַרלאָזט און בין אוועקעט
אין גרויסער וועלט, אין לענדער — גביריש;
געטראָגן זיך אויף דיינע שטרעקעס
פול העלן חלום, ראָזער שירה — —

איצט בין איך, ים, באַניים געקומען
צו וואַסערן צו דיינע גראַמע:
נאָר ס׳פעלט א דריטל פון מיין אומה
און ס׳פעלן: ברידער, שוועסטער, מאַמע — — —

און איך בין אלט שוין — אָנגעלאָגלט
מיט האַרבע ליידן ביז די ברעגן,
און מיד פון עלנט, נויט און וואָגל,
און — פול מיט ענד פון אלע וועגן — — — —

ב

נעם אויפעט, ים, א פריינט אַן אלטן,
אין פרי אין קלאָרן, ביי דיין ראַנד:
שטרעק אוים צו מיר א זון-צעשטראַלטע,
אַ וואַרעם-ווייכע וואַסער-האַנט.

איך בין אהער פון שטעט אנטרונען,
פון זייער טומל, שטויב און רויך, —
צו ווערן דאָ מיט דיר פאַרשפּונען,
ווי דיינע מעוועס אינדערהויך.

כ׳וואָלט וועלן, ים, דאָ זיין א מעווע —
מיט ברייטע פליגלען אויסגעשפרייט:
צעשיידט מיט מענטש און מיט זיין טבע:
צו טויטן מענטשן זאַטערהייט.

כ׳וואָלט וועלן, ים, אין זון צעבלענדעט,
א מושלע זיין דאָ אויף דיין זאַמד,
און ליגן דאָדערט שוין אויף שטענדיק —
ביז ראַנדן פול מיט דיין געזאַנג.

ג

א גאנצע נאַכט האָט ווינט געבלאָזן,
געקלאַפּט מיט רעגן אין די שויבן:
און ים, צעכוואַליעט, אויפגעבלאָזן,
האָט אַלץ געריושט — ביז צום פאַרטויבן.

און איך, ביים ברעג, אין שטוב אין קליינער,
בין וואַך געלעגן — ווייט פאַרטראָגן:
געהערט אין שוידער: קינדער וויינען,
געהערט אין אימה: מאַמעס קלאָגן.

געזען מיט אויגן מיט פאַרמאַכטע:
מע טרייבט זיי דאָרטן צו די גריבער:
פאַרהונגערטע, פון דאָרשט פאַרשמאַכטע:
א גאנצע שטאָט, אויך מיינע ליבע — —

נאָר איצט, אין פרי, באַנייעס „גוט״ איז:
די הייך — מיט בלויקייט אָנגעגאָסן,
און ים, ער זוניקט א בארוטער,
און רואיק זונט אויך די יבשה.

ד

א שיף א ווייסע שווימט אינווייט
אויף וואַסער-מיילן אויף געריזמע;
אינהייך א זון א העלע שיינט,
אינהייך זיך טיפן בלויע רוימען.

איך שטיי ביים באָרט און קוק פאַרגאַפט
צו רחבותן פון ים און הימל;
ווי הערלעך, גאָט, איז דיין באַשאַף
אין אָ-דעם טאָג — פול בלענד און שימער.

דער ים, ער גאָלדיקט און ער גרינט,
און שוימען סיווע פון אים שפריצן;
ער הוידעט זיך גאָר היפּש אין ווינט —
מיט וואַסער-טאָלן, וואסער-שפּיצן.

דער ים, ער ברויזיקט און ער ברומט,
און אויך אין מיר עס ברויזט און ניגונט;
מיט יעדער כוואַליע, רונדארום,
איך טו זיך איצטער הוידען, וויגן.

ה

א קליינער אינזל — נאַנטוקעט,
א שטעטעלע — מיט גאַסן, ליקן;
פארלאָזן אלע גרויסע שטעט,
פארלאָזן אלע שיינע גליקן

און — דאָ שוין בלייבן — ביז דער ענד,
אין היץ און קעלט, אין שניי און רעגן;
אין שטערנשיין, אין זונגעברען,
ארומגיין דאָדערט ביי די ברעגן;

ביים ים דאָ זיצן — איינאַליין
און — שנירלען שורות, קייטלען סטראָפן;
ניט נאָר פון ליידן און פאַרגיין,
נאָר אויך פון פריידן און פון האָפן;

ניט נאָר פאַר זיך — פאר וועמען נאָך
אין נויט, אין עלנט, אין יסורים:
זיי זאָלן זיין אים אין זיין בראָך
א יאַמישער, א לייכטונג-טורעם — — — —

## ביים וואַסערפאַל פון ניאַגאַראַ

פון גאָרער וועלט מע פאָרט, מע פליט אַהער, —
בין אויכעט איך צו דעם „יאַריד” געקומען;
איך שטיי אַדאָ, איך קוק זיך צו און הער,
ווי וואַסער פאַלט אַלץ, הערט ניט אויפעט ברומען.

וועל איך ניט זוכן בילדער איצט פון ווו —
מיט זיי פאַרגלייכן וואַסערדיקע גבורה;
איך ווייס איצט איינס: ניט נאָר אין שטיל פון רו
איז גאָט פאַראַנען — אויך אין רויש פון שטורעם.

אָט שטיי איך דאָ, מיט יונג און אַלט, און — טראַכט:
וואָס זענען מיר לגבי אָ-דעם כוח?
בלויז פלאַטערלעך איינטאָגיקע, ביז נאַכט,
און נאָכדעם — אוים: מיט לייב און זעל און מוח — — —

און אָ-דאָס וואַסער — וויפל יאָרן שוין
עס פאַלט אַזוי — צען טויזנט? הונדערט טויזנט?
(אין גרינעם גלאַנץ, אין שנייאיק-ווייסן שוים,
מיט פאַרע-שלאָג, — צעקאָכיקט און צעברויזיקט) — — —

---

ס'איז זומער איצט, א טאָג אין העלן ליכט,
נאָר פונעם וואַסער שפּריצן טראָפּנס דינע;
באַנעצן מיר דעם קאָפּ און דאָס געזיכט,
און אויף די הענט און אויף די בגדים רינען.

א רעגנדל אין מיט פון העלן טאָג,
עס פליסטערט מיר מיט טראָפּנדלעך אין אויער:
— ניט גרוים זיך, מענטש: ווען דו ביסט לאַנג ניטאָ,
איך, רעגנדל, — איך דויער אַלץ און דויער — — — —

## אויפן לעיק שאַמפּלעין

פון ברעג צו ברעג, אזוי — א לעבנלאַנג,
ביז ווייזן וועט זיך לעצטער ברעג מסתמא:
דערווייל, פּאַעט, זיי ממשיך דיין געזאַנג —
אויף וואסערן אויף ליכטיקע און גראַמע.

א טאָג אזאַ! אזא מין הימלבלוי!
(און בערג אינוויינט — מיט בוים און גראָז באַגרינטע):
די לופט אַדאָ איז קיל און פריש, ווי טוי,
און גאָרער לעיק אין זונגאָלד איינגעשפּינט איז.

דו שטייסט אליין ביים באָרט פון קליינער שיף
(וואָס שווימט באַזאַכט — באַגלייט פון מעוועס ווייסע):
דו קוקסט צום וואַסער, צו דער הימלטיף
און אַלץ ארום דיר — דאכט זיך דיר — א מעשה.

ווי קומסטו דאָ, אויף אָ-דער וואַסערפלאַך?
וואָס טוסטו אויף דער אַזערע דער ברייטער?
האָט דיך דיין אומרו היינט אַהער געבראַכט,
און מאָרגן וועט זי ווייטער דיך באַגלייטן.

דו האָסט געזען שוין לענדער אלערליי,
און אַזערעס אין אָ-די אלע לענדער;
נאָר ס׳טרייבט דיך אַלץ אַן אויסוועגלאָזער ווײ
(און וווּ דו קומסט, פאַרבלייבסטו אַלץ א פרעמדער).

פאַרוואָס א פרעמדער — דאָ און אומעטום?
אויף דעם קיין ענטפער קענסטו זיך ניט געבן — — —
טאָ קוק-זשע ווייטער צו דעם לעיק ארום,
און צו די מעוועס, אינדערהייך וואָס שוועבן:

און צו דער שיף, וואָס ציט זיך אינדערוויַיט
(מיט הימלבלוי און זונענגאָלד באַמאָלן) — — —
און זאָל דיין רייזע אויפן וואסער היינט
קיין וואָר ניט זיין — א מעשה בלויז, א חלום — — — —

# כ׳האָב זיי געקענט

לזכר די אומגעבראַכטע
סאָוועטיש־יידישע וואָרט־
און בינע־קינסטלער.

כ׳האָב זיי געקענט, ניט איין מאָל זיי באַגעגנט,
אין שטעט — געהילט אין רעוואָלוציע־פלאַקער:
דעם גלויבנדיקן זינגער פון „ביי וועגן״,
דעם האָפערדיקן שרייבער פון „אַטאַקע״.

כ׳האָב זיי געקענט, ניט איין מאָל זיי געטראָפן:
מיכאָעלסן, דאָברושינען, דעם נסתר;
אין טעג אין יענע, פול מיט העלן האָפן:
עס קומט אַן ענדע צו דער צייט דער וויסטער.

עס קומען אָנעט שיינענדיקע יאָרן —
פול „רויטן שטורעם״, „ווי און מוט״־געזאַנגען;
אין יעדן קאַנט פון רוסלאַנד — ניי־געבאָרן,
פון מערב־ברעגן ביז די מזרח־ראַנדן — —

איך גופא האָב דאַן אזא טרוים געכאָוועט
אויף רוסלאַנד־ערד, באַפרייטער פון די צאַרן,
און זיך געפרייט צוזאַם מיט ליטוואַקאָוון:
א פרישער גרין פון אומעטום טוט שפּאָרן — —

זי איז מיר טייער, יענע ערד, געווען
(ווו ס׳רוט מיין טאַטע, פיר פון מיינע ברידער);
האָב דאַן געליבט איר יעדן בוים און גרעזל,
האָב דאַן געליבט איר יעדן באַרג און נידער.

האָב אָפטמאָל דאַן געמאָסטן אירע שטחים —
אין גרויעם רייסן, אויף אוקראַינע — זוניק,
און ערשטע לידער, פולע מיט בטחון,
אין יונגן האַרץ אין ברויזיקן געשפּונען:

דאָס לאַנד פון לענין וועט שוין ניט אַנטוישן
(ווי ס׳האָט אַנטוישט דאָס לאַנד פון די ראָמאַנאָוום):
זיי ווייזן זיך שוין: מענטשלעכקייט און יושר,
גערעכטיקייט, זי טוט אַלץ נענטער שפּאַנען — —

נאָר ווײ, פאַרשווונדן יענער טרוים איז איצטער:
אויך לאַנד פון לענין פול מיט טייכן בלוט איז;
ווי די פּאַלאַצן פון די צאַרן — פינצטער,
אויך „העלער" קרעמל פינצטערט מיט ניט-גוטע.

פון ביילישן ביז בילבול אויף דאָקטוירים
איין קייט עס ציט זיך — אייזן-שווער געפלאָכטן;
פון שוואַרצע לערעס ביז דער רויטער תורה —
מיין יידיש פאָלק, ער ווערט אַלץ דאָרט געשאָכטן.

דער מאַסנמאָרד פון זומער צוויי און פופציק,
ער וועט מיר שטענדיק נאָכגיין שוין — אַ שאָטן
(ווי קעשענעוו פון פרילינג — צוויטיק-דופּטיק —
מיט יידישע חללים אָנגעשאָטן) — — —

„נאָך אלעמען". ניטאָ זיי מער, די דיכטער
פון „ניט געדאגהט", „ליכטיקע רואינען":
מען האָט זיי דאָרטן ווי די הינט פאַרניכטעט
פאַר סטאַלינען געטריי און ערלעך דינען.

נאָך אלעמען. ניטאָ זיי מער, די שעפער
פון „לייב און לעבן", „לעבן זאָל דאָס לעבן":
זיי האָבן דאָרט, סיי כאַריק און סיי פעפער,
אַ שוואַרצן געץ דאָס לעבן אָפּגעגעבן.

נאָך אלעמען. אויך בערגלסאָן ניטאָ מער —
דער פּראָזע-מייסטער מוסטערהאַפטער, אלטער:
פאַר גיין „אין שפּאַן" מיט גוף און מיט נשמה
ער ליגט אַדאָרט אָן קבר-שפּור באַהאַלטן.

זיי ליגן דאָרט אָן שפּור פון קברים אַ ל ע ,
זיי ליגן דאָרט אָן סימן פון מצבות — — —
— — — — — — — — — — — — —
און דראָענדיקער, בלוט-פאַרטריפטער חלף —
ער נישטערט ווייטער — ווו א יידיש אבר — — — —

## דער צלם

א גרויסער צלם קוקט אריין אין מײַנע שויבן,
בייטאָג — פאַרלאָשן, אינדערנאַכט — אין העלן ליכט;
ער קוקט אַריינעט פון א בארג, פון סאַמע אויבן,
מיט אויגן — שטעכיק, מיט א פיינטשאַפט אין געזיכט.

בייטאָג איך פּרוּוו אים אויסמיידן, ניט זען זיין פּנים,
נאָר אינדערנאַכט, ווען ס׳קומט ניט אָפּט קיין שלאָף צו מיר,
דערזע איך אים אין העלקייט זיינער אָנגעטאָנען
און — גאָר זיין שינאה צו מיין וועזן איך דערשפּיר.

איך נעם צו אים דאַן אָן א שטימע ריידן, טענהן:
— וואָס ווילסטו אַלץ? איז ניט גענוג צוויי טויזנט יאָר
פון וואַלדישע פאַרפאָלגונגען, פון ווילדע פּיינען, —
אין יעדן לאַנד, אין יעדער שטאָט, אין יעדן דאָרף?

דורך קרייצצוגן, דורך אינקוויזיציעס, דורך פּאָגראָמען, —
פון רוים ביז מאַינץ און קעשענעוו, בערלין און קעלן;
דורך גזרות וויסטע אַלערליי, עלילת-דם׳ען, —
ביז זעקס מיליאָן, געטריבענע אויף בראַנד און „שמעלץ״?

פאַר וועלכע שולדן, זאָג מיר, צלם, אזא עונש,
פאַר וועלכע זינד פאַרדין איך עס אזא מין שטראָף:
מיט קינד און זקן זיך עקן אין נאַצי-בוינעס,
אין מאַסן-גריבער, לעבעדיק, דערזען דעם סוף?

פאַר דעם לא תרצח קומט עס מיר מיין מאַמען גאַזן
און אָפּווישן פון ערדן-פלאַך מיין גאַרן שטאַם?
פאַר די חזיונות פון ישעיה קומט מיך האַסן
און אומברענגען דורך האַק און תּליה, שווערד און פלאַם?

פאַר העלפן בויען דיינע לענדער קומט מיך מאָרדן —
דורך טאָרקוועמאַדאָ, רינדפלייש, גאָנטע, קרושעוואַן;
דורך „פאָלק פון דענקער און פון דיכטער״ — אַריש, נאָרדיש,
דורך די כמעלניצקים, די פּעטליורעס, — ווו א קאַנט?

דו רעדסט דאָך, צלם, אַלץ פון ליבע צו דעם צווייטן,
פון הימל-מלכות, פול מיט מיטלייד, אויף דער ערד:
ווו איז דיין ליבע צו א שכן — דורכגעווייטיקט?
ווו איז דיין מיטלייד מיט א וואָגלער, מיט א גר? — — —

אזוי איך רעד און טענה אַלץ, און ער — ער הערט מיך
מיט אויגן — שטעכיק, מיט א פנים — בייז, צעררייצט:
און וואָס א רגע, פּנים זיינער בייזער ווערט אַלץ;
און פּלוצים ווערט ער אויסגעקרימט — אַ האַקנקרייץ.

— פאַרפלוכטער יודע! — פול רציחה, נעמט ער ברילן,
און ווי א שפּין א ריזיקע, ער איילט אַראָפּ
פון באַרג פון היכן צו מיין צימער צו מיין שטילן
און — טוט א כאַפּ מיך פאַר די פיס און פאַרן קאָפּ,

און — אויפן באַרג ער נעמט מיך שלעפּן — העכער, העכער
(אין שפּעטער נאַכט-שעה, אין דער שלאָף-געהילטער שטאָט) — — —
— — — — — — — — — — — — — —
און — כ׳הענג אויף אים שוין, איבער הייזער, איבער דעכער,
ווי ברודער מיינער פונעם גליל, — זייער גאָט — — — —

## אין אַ נאַכט אָן שלאָף

די צייט, זי יאָגט, און דאָך ווי לאַנג
א נאכט א וואַכע עס געדויערט:
מיין זייגערל, זיין שטילער גאַנג,
ער פּייקלט איצטער אין מיין אויער.

איך ליג און הער און — קוק דערביי
ארויס אינדרויסן אין צעגרינטן:
ס׳איז פרילינג איצטער, ענדע מאי,
א נאכט א בלויע, — גרינג צעווינטלט.

בין — מיד פון שטאָט און איר געוואַלד —
אַהער, נאָך רו, אראָפּגעקומען:
נאָר אויך אַדאָ, מיט פעלד און וואַלד,
אָן אומרו קלאַמערט מיך ארומעט.

אָט ליג איך איצטער לאַנגשוין וואַך
און — קוק ארויסעט — א פאַרקלערטער:
וואָס קלערט זיך מיר אין אזא נאַכט,
ווען רו און שלאָף איז ניט באשערט מיר?

איז קלער איך איצטער פון מיין היים,
וואָס איז שוין לאַנג פארוויסט, פארשניטן,
און — כ׳זע זי ווידער — אָרעם, קליין,
אין זאמדיקער, אין גרויער ליטע.

איך זע דעם טאַטן, ברידער זעקס,
די מאַמע,שוועסטער, — שטיל און איידל:
און זיך — א יינגל, וואָס זיין וועג
איז קורץ דערווייל, — פון שטוב אין חדר.

דער טאַטע מיינער, טאָג און נאַכט,
האָט אלץ מיט ספרים זיך געחברט:
און אויכעט מיר, די קינדער אכט,
געלערנט האָבן און געדאַוונט.

א פרומע היים ביי אונז געווען,
א חסידישע, פול תורה, תפילה;
האָט זי דער דייטש, מיט טמא הענט,
מיט בלוט פארגאָסן און — פאַרטיליקט.

איך בין געווען דאַן אינדערפרעמד —
האָב איך, דער לעצטער, זיך געראַטעוועט — — —
איז ליג איך איצטער, פול געקלעם,
און — טראַכט פון דעם אין שעה אין שפּעטער:

פארוואָס פארוויסט? פאר וועלכע זינד?
און ניט מיין היים נאָר — אלע שטיבער?
אין ליטע, פוילן, — זקן, קינד,
חתנים, כלות, באָבעס ליבע;

מיליאָנען יידן — יונג און אַלט,
מיט וויסן פול, אין ארבעט פלייסיק;
מיט רחמים, יושר אָנגעקוואָלט,
ביים בוג און ניעמאַן, פּרוט און ווייסל — — —

אָט זע איך אים, דעם ליטע-ייד,
פון שטאָט און שטעטל, — פול מיט תמימות:
געלערנט אלץ און — זיך געמיט,
געהעפּט, געבונדן ערד מיט הימל;

געווען צו גאָט און — אויך צו לייט,
געהאָלפן ווייטע, נאָנטן שכן;
און אויף א זוניק-העלער צייט
געוואַרט אלץ דאָרטן — פול ביטחון.

געוואַרט אלץ דאָרט און — זיך דערוואַרט:
ניט נאָר דער דייטש — אויך דער ליטווינער
זיין חיה-האָס האָט ניט געקאַרגט
און שטעטל, שטאָט, — מיט טויט פאַרכלינעט;

געווילדעוועט אין אימה-שניט,
געבושעוועט אין שוידער-שחיטה:
פארמעקט זאָל ווערן שכן-ייד
נאָך זיבן הונדערט יאָר אין ליטע — —

נאָר ס׳נעמט קיין סוף ניט אויכעט איצט
צו די געפלאָגן פון מיין אומה:
געמיינער פיינט, מיט ציין-געקריץ,
ער לויערט ווייטער — אומעטומיק.

אַט האָבן מיר שוין אונזער לאַנד —
נאָך מי אזויפיל און קרבנות:
איז גרייט זיך דאָרט א נייער בראנד —
פון נייע נאַצים, נייע שונאים,

וואָס לויערן מיט בליקן — גאַל,
פון קאָפּ ביז פּיס באַלייגט מיט וואפן,
און רייסן זיך פארניכטן אלץ
וואָס פאָלק מיינער האָט דאָרט געשאַפן;

פאַרשניידן נייע צוויי מיליאָן,
ניט שאַנעווען קיין זקנים, קינדער,
פאַרטרייבן זיי אין וואַסער-תהום,
פאַרשליידערן אין טיפן בלינדע — —

און וועלט בכלל ווו האַלט אצינד —
נאָך אלע טויטן, אלע גרוילן?
איז גרייט זי איצט אזא צעצינד,
וואָס וועט שוין  א ל ץ  ביז גרונט פאַרקוילן.

זי גרייט אים איצט, אָ-דעם געפלאַם —
אין מערב דאָ, אין מזרח דאָרטן,
פאר יעדן לאַנד, פאר יעדן ים,
פאר דאָרף און שטאָט, פאר פליין און גאָרטן;

פאַר עוף און פיש, פאַר וואָלף און מענטש,
ניט אחרית-צייטן פון ישעיה,
נאָר פלייצנדיקער הידראָגען,
נאָר שטראָמיקער אַטאָמען-פייער — — —

און איך, דער יחיד אויף דער וועלט,
וואָס ליג דאָ וואַך, מיט אויגן — אָפן
און קוק צום הימל — אָנגעהעלט
מיט שטערנגאָלד פון די אין-סופן;

און קוק צום טויאיק-פרישן גרין
אויף בארג און טאָל, אויף לאנען-רחבות; —
אויך אזא פראגע נאָגט מיין זין:
וואָס איז דאָס אַלץ און וואָס — דער תכלית?

וואָס איז דער גאָרער אוניווערז?
און וואָס — דער שכל פון זיין תקומה?
און מענטש אַדאָדערט, אויף דער ערד, —
צו וואָס איז ע ר אהער געקומען?

צו ליידן בלויז? פון וויג ביז גרוב?
דורך גאָר זיין לעבן, גאָר זיין דויער?
ווי איר אצינדער, דאָ אין שטוב,
אין אַ-דער נאַכט-שעה אין דער בלויער? — — —

אָט בלעטער איך מיין זיין אצינד:
א גאנג דורך יאָרן — פול יסורים;
פון זינט איך בין געוועזן קינד
און, מן הסתם שוין, ביזקל קבורה;

א ראַנגלעניש מיט קרענק, מיט נויט,
א שטרייט מיט מענטשן האַרטע, בייזע;
און זאָרג פאַר מאָרגן, שרעק פאַר טויט;
און — קיין ישועה, קיין דערלייזונג — — —

און ניט נאָר איך — א ריזן-צאָל,
אין אלע ווינקלען פונעם קיילעך;
מיט מערער נויטן אָנגע׳עול׳ט,
מיט מערער הונגער אין די מיילער;

אָן היים אינגאַנצן, באָרוועס, הויל,
פון גאָט פארזען, פון לייט פארשטויסן;
אין וויסט, אין עלנט, פול געהויל,
ווי בלודנע הינט אין הפקר-דרויסן — — —

די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיי,
און — כ׳זע זיי איצט, אין נאַכט אין וואַכער;
און — כ׳קלייב אין האַרצן זייער וויי —
פון אלע פליינען, אלע שליאַכן;

פון אונטער יעדער בריק אווו,
פון הינטער יעדן פלויט און טויער,
וואָס ליגן איצט, ווי איך, אָן רו,
מיט טריבן טראַכטן אָנגעטרויערט — — — —

## קום נאָכאַמאָל

קום נאָכאַמאָל צוגיין צו מיר, מיין היים אין ליטע,
פון קינדעריאָרן שטילע, פרומע, לאַנג פאַרפלאָסן;
צעבלי באַניים זיך פאר מיין בליק שוין באלד פארבליטן,
צעזון אויפסניי זיך אין מיין אויג — שוין פול מיט אָסיען.

. . . דער טאַטע לעבט נאָך, אויך די מאַמע, שוועסטער, ברידער,
און גאָט באַוואַכט אונז פון זיין הימל פון זיין טיפן;
א יעדער טאָג איז פול מיט חומש, רש״י, סידור,
און אויך אין ברייטן תלמוד-ים איך טו זיך שיפן.

א יעדן טאָג איך גיי אין שטיבל מיטן טאַטן,
אינדרויסן ווינטערט, עס איז פראָסטיק, עס איז שנייאיק;
נאָר אין מיין זעל א זומער-פרייד א הייסע פלאַטערט:
אין דאַוונען-לערנען העלע שעהן עס פארגייען.

אָ, יענע ווינטערס קינדיש-ווייסע, יינגלש-קלאָרע, —
אין קאָוונע-שטאָט, ביי דער ווילִיע, ביי דעם ניעמאַן;
האָב דאן פארבראכט ניט נאָר מיט חומש, מיט גמרא, —
אויך מיט די טייכן מיט די צוויי — אין אייז-געקלעמען:

האָב אויפן אייז ארומגעגליטשט זיך מיט חברים,
האָב אויפן שניי ארומגעשטיפט מיט זיי צוזאַמען
(הגם געדעכנט האָט זיך עס פאַר אַן עבֿרה
און קרום אויף דעם געקוקט עס האָבן טאַטע-מאַמע) — —

און אָט אָ האָלט שוין ביי זיין סוף דער שטרענגער ווינטער,
ס׳איז חנוכה שוין לאַנג אוועקעט, פורים — אויכעט;
אינדרויסן ווייען פרילינגדיקע לינדע ווינטן,
דער פרילינג נעמט אלץ מער זיך אָן מיט יונגע כוחות.

אויף ביידע טייכן קריעס גרויסע רוישיק שווימען,
די לופט, זי שמעקט מיט מעד און מצה, נים און ראָסל;
און אלץ ארום, פון שווארצער ערד ביז בלויעם הימל,
מיט פסח-זון מיט גאָלדענער איז מילד פארגאָסן.

אַ, יענע פרילינגס יינגלש-בלויע, קינדיש-גרינע,
מיט יום טוב פּסח, טעג פון ספירה, ל״ג בעומר;
ניט נאָר מיט לערנען פול געוועזן איז מיין זינען —
אויך מיטן דרויסן, מיט די גראָזן, מיט די בוימער.

האָב אויף די בערג ארום מיין היימשטאָט אָפט געקלעטערט,
האָב אין די טאָלן זיסע יאַגדעס אָפט געריסן;
זיך אָנגעטרונקען מיטן דופט פון קווייטן, בלעטער,
זיך אָנגעקוויקט מיט ווינטלעך מילדע, טויאיק-פרישע.

און אָט קומט זומער: נאָך שבועות, גרויסע היצן
באפאלן אַלטשטאָט, אירע גאַסן שמאָלע, קרומע;
די זון, זי בראָט; און אָפּטמאָל נעמט דער הימל בליצן,
און — דונערן מיט בייזער גבורה זיך צעברומען.

און ס׳גיסט און מבולט אויף די גאַסן אויף די ענגע,
און אין ישיבה, ווו איך לערן, לאָמפּן פינקלען . . .
נאָר ס׳רעגנט אָפּ און — ווידער קלאָר; די כמאַרעס-מענגעס,
ניטאָ זיי מערער: ליכטיק איז אין אַלע ווינקלען . . .

דאן גייען מיר — פארנאכט איז שוין — צו דער ווילִיע,
מיר באָדן זיך, מיר שווימען לאנג, באַווייזן קונצן;
דאָס וואסער שפּיגלט מיט קאָלירן פון דער שקיעה;
ביז דער פארנאַכט, ער נעמט זיך לעשן, — אויבן, אונטן — — —

אזוי דער זומער טוט זיך קייטלען — אין מעת-לעתן,
און אָט זעגען די טעג די ניין די אומעט-פולע;
ס׳איז תשעה באב; נאָר איך, א יינגל, מעג היינט עסן;
די עלטערע, זיי פאַסטן אלע, — בלייכע, שטילע . . .

אויף קאָוונער מערק באווייזן דאן זיך פרישע פרוכטן,
די לופט, זי נעמט מיט ערב אָסיען שוין פארשמעקן;
מע זעט שוין אָפּטמאָל שפּינגעוועבסן אינדערלופטן;
און אויף די ביימער, דאָ און דאָרטן, — געלע פלעקן — — —

און אַטאַ קומען טעג פון אלול קיל פאַרטראַכטע,
די קאָוונער שולן ווערן פול מיט שופר-קלאַנגען
(און ענדע חודש אין די בלינדע ביידערנאַכטן, —
מיט סליחותדיקע זאַגערייען האַרציק-באַנגע).

דער טאַטע פאָרט דאַן צו זיין רבין און די קינדער —
באַפרייט מיר זענען פון ישיבה: בין הזמנים;
איז גייען מיר ארומעט ליידיק: כאָטש א זינד איז
אין טעג אזעלכע שלינג און שלאַנג ארומצושפאַנען.

אָ, יענע טעג, די פאָרכטיק-שטרענגע: ראש השנה
און יום הדין, ווען גאָט, ער משפט יעדן איינעם:
מיט פחד פול איז יעדנס בליק, א יעדנס פנים, —
פון מאַן און פרוי, פון יונג און אַלט, פון קינדער קליינע — — —

דערפאַר ווערט פריילעך, ווען עס ווייזט זיך יום טוב סוכות,
הגם דער דרויסן איז שוין דעמאָלט היפש פאַרטרויערט:
פוןביימער פאַלן וועלקע בלעטער — דאַר און טרוקן,
און אָפטמאָל רעגנט פון די רוימען פון די גרויע.

אין סוכה אָבער לוסטיק איז — פון אתרוג-לולב,
פון יום טובדיקע מאכלים און געטראַנקען;
און מער נאָך לוסטיק איז אין שטיבל: אַ הילולאַ
געפּראַוועט ווערט דאָרט יעדן אָוונט שעהן לאַנגע.

מע זינגט אַדאָרט, מע טאַנצט, מען האָפּקעט, — בגילופין;
א ראַד פון חסידים — מיט התלהבות אָנגעקוואָלן;
און איך העלף אונטער — מיט מיין גאָרן זעל-און-גופל;
א חסידיש יינגל, אַכט-ניין יאָריק, פול מיט חלום — —

אזוי זענען געגאַנגען דעמאָלט טעג און יאָרן —
אין שטילער היים, אין חסידים-שטיבל, אין ישיבה;
געפרייט עס האָבן: סידור, חומש און גמרא,
געפרייט אויך האָבן בוים און גראָז פון היימשטאָט-סביבה.

א יעדער טאָג איז גאַנץ געווען — מיט גאָט, מיט מענטשן,
א יעדע שעה איז פול געווען — מיט טרוים, מיט גלויבן;
א פרומע קינדהייט, פול מיט קדושה, פול מיט בענטשונג,
באַהיט פון ליבסטע אויף דער ערד, באַוואַכט פון אויבן — — —

און איצט איז מער קיין היים ניטאָ, קיין טאַטע-מאַמע,
קיין ברידער-שוועסטער; אלע זיי — אין תהום פארשוונדן;
און איך אַדאָ, אַן איבערבלייב פון נאַצי-פלאַמען,
בין פול מיט פּיינען ביזן ראַנד, בין פול מיט וווּנדן.

איך זע זיי אָפט דאָ אין מיין עלנט אין מיין וויסטן,
איך זע מיין פאָלק פון שטעט און שטעטלעך אין דער ליטע:
פארמעקט פון מערדער, אויסגעראָטן פון סאַדיסטן,
מיט רויך אוועק, אין גרונט פארשאַרט, אויף אַש צעביטן — — —

איך זע זיי אָפט דאָ אין די נעכט אין מיינע בלינדע,
איך זע זיי אָפט אין טעג אין מיינע אין די טריבע
און — כ׳בענק נאָך זיי, און — אויך נאָך דיר, מיין ווייטע קינדהייט,
נאָך גאָר מיין היים — פארשאַטן ווו אין מאַסנגריבער — — —

קום נאָכאַמאָל צוגיין צו מיר, מיין היים אין ליטע, —
פון קינדעריאָרן שטילע, פרומע, — לאַנג פארפלאַסן;
צעבלי באַניים זיך פאר מיין בליק שוין באלד פארבליטן;
צעזון אויפסניי זיך אין מיין אויג — שוין פול מיט אָסיען.

# צו אַ ווערבע

מ. י. מענדלסאָנ׳ען

לעם פענצטער מיינעם שטייסטו איינגעבויגן,
אַ האַרבסטיקע, אין וועלקונג איינגעהילט;
איך קוק צו דיר אָפּט און פאר מיינע אויגן
א לאנד באווייזט זיך — אָרעם, גרוי און שטיל.

דאָס לאַנד, ווו ס׳האָט מיין מאַמע מיך געבאָרן,
דאָס טונקעלע, דאָס קליינע ליטע-לאַנד;
איך האָב אַדאָרט, אין מיינע יונגע יאָרן,
געוואנדערט פיל, — מיט אויטאָבוס, מיט באַן.

אדורכגערייזט אין יענעם לאנד אין קליינעם
א יעדן ווינקל, יעדן שטעג און שליאַך;
צעווישן פלאַכע, מאָנאָטאָנע פליינען,
צעווישן וועלדער — אומעטיק פארטראַכט.

און — שוועסטער דיינע האָב איך אָפט באַגעגנט
אויף יענער פלאַכער, מאָנאָטאָנער ערד;
ס׳איז ליטע רייך מיט ווערבעס ביי די וועגן;
זיי שטייען דאָרט, ווי דו דאָ, מיד פארקלערט;

זיי שטייען דאָרט, ווי דו דאָ, איינגעבויגן,
אריינגעטאָן, פאַראומערטע, אין זיך;
מיט וואָלקנשער פארוויינטקייט אין די אויגן,
מיט האַרבסטיקער פארטריבטקייט אין געזיכט.

זיי זענען דאָרטן נאָענט מיר געוועזן,
האָב ליב געהאַט צו טרעפן זיך מיט זיי;
אין זומערטעג — צעבלעטערט און צעגרעזלט,
אין ווינטערטעג — פאַרשאָטענע מיט שניי.

האָב זיי געליבט — ווי גאָרע ערד אין ליטע,
ווו דורות פיל געוואָרצלט האָט מיין פאָלק;
אין גרויע שטעט, אין שטעטלעך אין צעגרינטע —
באַשווערט כסדר מיט פרנסה-עול.

האָב אים געקענט — אין קאַנט אין יעדן דאָרטן,
געקומען אָפּט מיט אים דאָרט אין באַריר:
ניט זאַט מיט ברויט, מיט חומר כל הסאָרטן,
דערפאַר אין וויסן גאָר א היפּשער גביר.

דערפאַר אין מידות — אײדל, שיין, — אָן עושר,
מיט ערלעכקייט און אָפנקייט געבענטשט;
מיט רחמים פול, מיט יידיש-אַלטן יושר,
מיט האַלטן הויך די ווערדע פונעם מענטש — — —

האָב אים געקענט — פון רעכט און לינק און מיטן,
פון שול און קלוב, פון קרעמל און וואַרשטאַט;
א האַרציקער, א ליבער „שבט ליטע",
מיט קאָפּ מיט קלוגן, מיט א שכל — גראד — — —

---

און היים מיינע — אין קאָוונע-שטאָט פאַרשטאַמיקט,
אין יאַטקע-גאַס, מיט הייזער — אלט און קרום;
די שטילע, פרומע, צניעותדיקע מאמע,
די ברידער-שוועסטער — ווי די מאמע פרום.

(דער טאַטע מיינער איז אין יענע יאָרן —
נאָך ערשטן וועלטקריג — מער שוין ניט געוועזן;
נאָר אינדערהיים, אין דירה — ענג און אָרעם —
מען האָט זיין דרך אַלץ געפילט, געזען.

מיט תורה-תפילה האָט די שטוב געאָטעמט,
מיט שבת וויסן, יום טוב — העל פאַרשפּרייט;
די היימישע, מיט נויט און זאָרג באַשאָטנט,
אין אָ-דעם ליכט געפונען האָבן פרייד;

און אַלץ געפירט זיך טאַטעדיק, פאַרצייטיש, —
פול האָפענונג אויף טעג מיט מערער שיין:
עס וועט משיח קומען נאָך צורייטן,
דאַן וועט דעם יידן לייכטער, בעסער זיין) — — —

---

נאָר מיך האָט שוין די נייע צייט געפאַנגען —
א צייט פון אויפבלויז אויף דער קאָוונער גאַס;
א צייט פון פרילינג, יוגנטלעכע דראַנגען, —
מיט טרוים באַהויכט, מיט אויפטוען צערעשט.

האָב איך זיך דאַן פארבונדן מיט חלוצים,
אוועק מיט זיי אין מעמלשן געביט;
מיט אייפער פיל געמיט זיך אין א קבוצה,
געשפירט דערביי: איך ווער א נייער ייד — —

דערנאָך, געשיקט פון ליטווישן „החלוץ״,
געוואַנדערט האָב איך איבער שטעטלעך, שטעט;
גערעדט פאר יוגנט וועגן גרויעם גלות,
און וועגן „ארץ״ ליכטיקן גערעדט:

מע בויט אַדאָרט, אין העל-צעזונטן „ארץ״,
מען אַקערט דאָרט, מע פלאַנצט, מע זייט מע שניידט — — —
איז דאַרפן מיר דעם גלות אָ-דעם שווערן
פארלאָזן גיך — כל-זמן עס איז נאָך צייט — —

אַזוי האָב איך איז ליטע דאָרט געפריידיקט —
פול הייסן גלויבן, יוגנטלעכן פלאַם;
און זיך אליין געגרייט אלץ מער, צעפריידיקט,
צו עולה-זיין אין אונזער אייגן לאַנד — —

נאָר יענער טרוים פאַרוואָרט איז ניט געוואָרן,
דערוואַרט עס האָט מיך גאָר אַן אַנדער וואָר:
איך בין פון ליטע טאַקע אָפּגעפאָרן,
נאָר ניט קיין „ארץ״ — קיין קאַנאַדע גאָר — —

---

און אָט בין איך אין היגן לאַנד אין רייכן,
אויף ערד אויף היגער — גרוים אזוי, געראַם:
און האַרבע יאָרן נעמען דאָ פאַרשלייכן,
אין נויט, אין קרענק און — אין א נייעם טרוים.

איך האָב אַדאָ געחלומט אָפּט פון קומען
באַניים קיין ליטע — אָרעם, גרוי און קליין;
געפינען נאָך די היים מיינע די פרומע,
געפינען נאָך א יעדע יידן-היים;

געפינען נאָך די שטעטעלעך די גרינע —
מיט פאָלק מיט מיינעם תמימותדיקן פול,
וואָס מיט זיך שווער און טוט אלץ גלויביק שפּינען
זיין גייסטיקייט — אין ביבליאָטעק, אין שול — —

איז צווייטער וועלטקריג אויסגעבראָכן בלוטיק,
פארפלייצט, פארכלינעט גאָרע ליטע-ערד;
און דייטשן-שדים, ליטווישע ניט-גוטע,
באַוואָפנטע מיט פייער און מיט שווערד,

פארשניטן האָבן אלע יידן דאָרטן,
סיי מאַן, סיי פרוי, סיי זקן און סיי קינד;
פון כל המיני ריכטונגען און סאָרטן;
צעאַשט זיי אלע און — צעווייט אין ווינט — —

און ווען איך טראַכט: וואָס איז פון זיי געוואָרן,
וואָס איז אַדאָרט געוואָרן פון מיין היים,
ווערט פול מיין האַרץ מיט ברויזנדיקן צאָרן,
ווערט פול מיין זעל מיט שניידיקן געוויין:

פארוואָס פארוויסט? פארוואָס פארמעקט, פאַרטיליקט?
א גאנצע אומה — אומשולדיק און מילד?
מיט אַרבעט פול, מיט תורה און מיט תפילה, —
דורך דייטש און ליטווין, — חיהדיק און ווילד — —

און האַסן נעם איך גאָר די וועלט — גזלניש,
וואָס האָט געקוילעט, אַדער צוגעזען,
ווי אַש עס ווערט פון יעדן יידיש פּנים
און, פול מיט פרייד, — געריבן זיך די הענט — —

און האַסן נעם איך ליטע-לענדל קליינעם,
ווו ס׳איז מיין יוגנט האָפּערדיק אוועק;
און פרעמד מיר ווערן זיינע לאנען, פליינען,
זיין יעדע ווערבע — ווו דאָרט ביי א וועג — — —

לעם פענצטער מיינעם שטייסטו איינגעבויגן,
א האַרבסטיקע, מיט צווייגן — באַלד שוין הויל;
איך קוק צו דיר אָפּט און פאר מיינע אויגן
א לאַנד באַווייזט זיך — פול מיט מאָרד און גרויל — — — —

# אַמאָל אין אָ־די טעג

ה. ראַג׳ן

אַמאָל, אין אָ-די טעג
די אלולדיקע, פרומע:
עס קלייבט זיך שוין אין וועג
דער אָפּגעגרינטער זומער:

ער זעגנט זיך מיט אונז
אַ יעדן טאָג אלץ מערער:
עס העלט שוין קיל די זון
און וואָלקנס גרויע, שווערע

פּאַרציִען אָפּט דעם רוים
און — רעגענען זיי נעמען
אויף ערד, אויף הויז, אויף בוים, —
אין אָנהייב אָסיען-קלעמען — —

דער טאַטע איז דאָן ווייט —
אין קוידענאָוו, ביים רבין:
ס׳איז בין הזמנים-צייט,
פאַר יינגלעך — קליין — אַ „לעבן״.

איך דריי ארום זיך דאַן
אין אַלטשטאָט-גאַסן — יאָגיק:
פאַרנעם דעם שופר-קלאַנג,
וואָס טוט פון ווו זיך טראָגן.

און צו די טייכן צוויי —
דער ניעמאַן, די ווילִיע, —
אין אָ-די טעג איך גיי:
דאָרט קוקן, ווי זיי ציען

אינווייט אַוו — פאַרטראַכט
(אַצינד — נאָך מער פאַרחלומט);
פון הויכע בערג באַוואַכט,
באַהיט פון טיפע טאָלן.

איך קלעטער אויף די בערג
מיט חדר-ייִנגלעך פלינקע
(אַמאָל — ביז אָוונט ווערט
מיר יאָגן דאָרט, מיר שפּרינגען).

די מאַמע מוסרט מיך
(ניטאָ איצטער דער טאַטע):
איך רייס אומזיסט די שיך,
די בגדים איך צעפּטר;

צי שרעקט מיך גאָרניט גאָט?
ער וועט מיך דאָך באַשטראָפן! — — —
נאָר ס׳פּיבערט אַלץ מיין טראָט,
איך וואָלט רק אומגעלאָפן.

עס ציען, רופן אַלץ
די בערג ארום, די טייכן;
די גאַסן — ניי און אַלט,
סיי אָרעמע, סיי רייכע;

די מערק מיט פּרות — פריש,
אין פאַרבן אַלערלייע;
די דופטן — האַרב און זיס,
די הענדלערשע געשרייען;

דער שחיטה-שטיבל-קאָך,
די הענער-הינער-קולות
(צו זייער גרויסן בראָך —
מע טוט זיי איצט מער קוילען):

די קראָמען — אָנגעפּראָפּט
מיט סחורות כל המינים:
די קונים — קאָפּ אויף קאָפּ,
א יעדנס קער און מינע — —

איז דריי איך זיך און לויף
דורך גאַנצע טעג ארומעט,
בין „פּול" אין יעדן הויף,
אין יעדן געסל קרומען.

און שעפּ פון דעם ארום
די ריחות, די קאָלירן,
די רייד און בליקן — פרום,
די גאַרע אלול-שפּירונג.

און ווער אויך אָנגעפולט
מיט סליחותדיקע טענער
פון יעדער קאָוונער שול
אין אלול-טעג אין יענע.

און זאַפּ זיך אויכעט אָן
מיט קאָוון, ווייַנטרויב, האָניק,
וואָס מאַמע קויפט דאָן אָן
לכבוד ראש השנה — — —

## אין אַ־דעם טאָג פון יאָר

אין ערשטן טאָג פון זומער,
דעם צוואַנציק צווייטן יון,
איז נאַכט נאָך אייך געקומען, —
צעפּראַלט פאר אייך איר גרונט.

דער טאָג האָט העל געשפּרייט זיך —
מיט גרין און בלוי באַמאָלט;
מיט בלום אין פעלד געפּרייט זיך,
מיט גראָז אויף בארג און טאָל;

געשמעקט עס האָבן בוימער,
געדופטעט — היי און זאַנג;
און די צעזונטע רוימען —
פול פייגלשן געקלאַנג — —

נאָר דייטש איז שוין געגאַנגען —
מיט האַרטע שטיוול־טריט;
און ווי מע קאָסיעט זאַנגען,
געקאָסיעט ליטע־ייד;

ישובים אָפּגעשאָבן
מיט מעסער זיינעם — ברוין;
און לעבעדיק באַגראָבן —
אויף יעדן וועג און פּלוין;

אי עופעלעך, אי זקנים,
צוזאַמען, אין איין גרוב;
ניט אויסגעמיטן קיינעם,
ניט אויסגעלאָזט קיין שטוב — —

אָ, מאַמע! כ׳זע דיין פּנים
אין יענעם טאָג פון גזר —
פול אימה פאר די שונאים
אין חיהשן געוואַרג.

אָ, ברידער מיינע! שוועסטער!
כ׳זע ווידער אייער בליק —
פול שוידער פאר דער בעסטיע —
אין גרוילנדיקסטן קריג.

איך זע די היים די פרומע,
די אָרעמע, — פארגרויט;
אין יענעם טאָג פון זומער —
פארמשפט שוין צום טויט.

איר קוקט ארום זיך אלע,
איר הערט זיך צו צום גוואַלד:
עס גייט אויף אייך, באַ׳חלפ׳ט,
אזא געדיכטער וואלד!

און לויפן ווו — ווי קענט איר:
אַן הילף, אָן שוץ און — שוואַך?
(און גאַנצע לאַנד עס ברענט שוין,
דער פיינט — אויף יעדן שליאַך) — — —

זענט איר אַדאָרט געבליבן —
אויף ליידן און פארלענד:
און אין די מאַסנגריבער
געפונען אייער ענד — —

ווי קען איך עס פארגעסן
אין אַ-דעם טאָג פון יאָר?
אין אלע יאָר-מעת-לעתן?
אין גאָר מיין וויסטער וואָר? — — — —

## מאַמע

א

דו קומסט צו מיר נאָך — אין מײַן חלום,
איך בין דאַן ווידער אינדערהײם,
אין גרינער קאָפּטע — באַרגיק, טאַליק;
איך בין אַ קינד נאָך — דאַר און קלײן,

און — טוליע אָפּט זיך צו דײַן פאַרטוך,
און — עסן מאָן, און — גראָשנס מאָן — — —
דו קוקסט צו מיר מיט בליקן צאַרטע
און — מוסרסט מיך מיט מילדן טאָן:

— רק עסן, גראָשנס, נאַשערייען,
און — וווּ איז חדר? וווּ איז שול?
אַ ייִדיש קינד איז ניט קײן חיה,
וואָס חלומט נאָר פון שיסלען — פול!

אַ ייִדיש קינד. בין עס געוועזן.
געלערנט פיל. געדאַוונט פיל — —
נאָר ס׳האָט געגלוסט זיך אויכעט עסן
אין הײם אין פרומער — אָרעם, שטיל — — —

ב

איך זע דיך, מאַמע, אַ פאַרזאָרגטע:
דער שבת שטײט שוין אויפן שוועל;
אַ גאַנצע וואָך אין קראָם געבאָרגט אַלץ
און ווײַטער באָרגן — איז שוין שווער.

אַ וואָך אַ גאַנצע — האַלב געהונגערט,
נאָר שבת מוז מען זײַן דאָך זאַט — —
איז טאַקע וווּנדער איבער וווּנדער:
אויף שבת האָט מען אַלץ געהאַט.

זיך אָנגעקוויקט מיט ווייסער חלה,
מיט קידוש-ווײַן, מיט פלייש און פיש:
און טריבע דירה — זוניק, שטראַליק,
א יעדער ווינקל — ציכטיק, פריש.

די מאַמע שמייכלט — מיד, פארמאַטערט:
דער שבת — פול מיט זעט און רו — —
און נאָך א יעדער סעודה זאַטער
זי זעצט זיך צו א ספר צו.

ג

אָ, מאַמע מײַן! עס איז דײַן לעבן
אין גניט אוועק, אין זאָרג פארגאַן:
נאָר אויך אין פרייד פון צדקה געבן —
מיט גינציקער, מיט גוטער האַנט.

און אויך אין האָפן, אויך אין גלויבן:
עס וועט דער מאָרגן בעסער זײַן:
פאראַן א גאָט — אַדאָרטן, אויבן, —
ער וועט פארענדן יעדע פּײַן.

איז זי געקומען, אָ-די ענדע,
נאָר ניט קיין גאָט האָט זי געבראַכט:
עס האָט א טײַוול דיך פארלענדעט,
מיט אלע קינדער אומגעבראַכט.

בלויז איך, דורך צופאל, בין געבליבן, —
א לעצטער צווײַג פון גאָרן בוים:
און אין מײַן איצט מײַן וויסטן, טריבן
דו קומסט צו מיר נאָך — אין מײַן טרוים.

# ליטווישע יידן

יוליוס ראָזענפעלדן

ליטווישע יידן אין שטעטלעך — קליין —
ביי דער וויליע, ביים ניעמאַן דעם ווייסן;
שטעט און ישובים ביי וועג און ביי פליין
פון עזשערענע ביז ראַנדן פון פרייסן.

ליטווישע יידן — איך האָב זיי געקענט,
קרעמער, כלי-קודש און בעלי-מלאכה;
האָב זיי אין עול פון פרנסה געזען,
האָב זיי געזען אויך ביי תפילה און ברכה.

אָרעם אין קמח, נגידיש אין גייסט,
פול מיט רחמנות, צו העלפן געגרייטע;
ליטווישע יידן, סיי יונג און סיי גרייז, —
טרעגער פון תורה און יושר-פארשפרייטער.

ליטווישע יידן — סיי פריי און סיי פרום,
אהבת ציון און חובת הלבבות;
ניגון פון תלמוד און יידיש-געזשום,
יצחק אלחנן און בעל-מחשבות;

חלוץ און קלויזניק, פאָלקיסט און בונדיסט,
לערנער פון מוסר און מאַן פון השכלה — —
ליטווישע יידן — פון ערד אָפּגעווישט,
חרוב ומוחרב דורך נאַצי-עמלק.

ס׳האָט אויף סלאָבאָדקע פארלייגט זיך בערלין,
מינכען און דרעזדען — אויף טעלז אויפן אלטן;
ליטווישע יידן — צעשטויביקט אין ווינט —
פון ווערזשבאָלאָווע ביז ברעגן פון באַלטיק.

ס׳האָט חיה רעה פארלייגט זיך אויף מענטש,
חושך און שנאה — אויף זונליכט און ליבע;
קעלם און זשאַגער — צעשאָסן, פארברענט,
קאָוונע און שאַוול — פאַרטאָפּטשעט אין גריבער — — — —

# צו מיין חרובער היים

סעם עדלשטיינ׳ען

דו ביסט היינט ווידער אַנגעשוואָמען
פון איבער יאַמען, איבער לענדער;
באַווייזן זיך א שטילע, פרומע,
אַ ליכטיקע, ווי א לעגענדע.

באַווייזן מיר א יעדן ווינקל
פון יעדן אָרעם-ענגן צימער;
מיט אַלטן נוסח אָנגעפינקלט,
מיט נייעם דרך אָנגעשימערט.

די טאַטע-מאַמע — פול מיט חסידות,
מיט יום טוב העלן, שבת ווייסן;
די ברידער-שוועסטער — פול מיט יידיש,
מיט רייזען-לידער, פרץ-מעשיות.

אַ, היים פון תורה און פון תפילה,
אַ, היים פון חלום און פון דיכטונג,
אַ שנאה — בלינד — האָט דיך פארטיליקט,
א וויכער — ווילד — האָט דיך פארניכטעט.

און בלויז דיין אָנדענק איז געבליבן,
א הייליקער, — ביז ענדע מיינער;
און אין מיין וואָר מיין איצטיק-טריבער,
אין טעג — פארקלעמט, אין נעכט — פאַרפייניקט —

איך רוף ארויס דיך אין זכרון
פון תהום אַן דנאַ, ווו ליגסט פארשניטן
און לעב אויפסניי אויף בלויע יאָרן
אין וויטער, קליינער, גרויער ליטע — —

דו ביסט היינט ווידער אַנגעשוואָמען
פון איבער יאַמען, איבער לענדער,
באַווייזן זיך א שטילע, פרומע,
אַ ליכטיקע, ווי א לעגענדע.

# פיר חורבן־לידער

יעקב ראבינאָוויטש

## א. דער פינגער

א פינגער פון איר טאַטן —
געטוויט אין א פּאַגראָם:
ער ליגט ביי איר אין וואַטע
אין קלאָרער אָנגעטאָן.

ער ליגט ביי איר שוין יאָרן
אין שאַכטעלע — פאַרמאַכט:
אן עדות — לזכרון —
פון יענער שוידער-נאַכט.

דער דייטש איז דאַן באַפאַלן
דאָס קליינע ליטע-לאַנד
און — יידן באַלד געחלפט
מיט קוילערישער האַנט.

און ס׳האָבן אים געהאָלפן
(מיט גיר נאָך רויב און מאָרד)
ליטווינער — חיה׳ש, וואָלפיש, —
אַ האָרדע נאָך א האָרד.

באפאלן אויך איר ישוב,
אריין אויך אין איר היים
און — גליד נאָך גליד געריסן
פון ליבסטע — גרוים און קליין.

געפּאַכעטט איבער גופים
מיט האַק, מיט מעסער-גלאַנץ — — —
און זי נאָר, על-פי צופאל,
איז דאַן געבליבן גאַנץ.

און דעמאָלט — אירע ליבע —
געלעגן שוין אין גרוב —
האָט זי, מיט ווייי צעפיבערט,
באמערקט אין פוסטער שטוב

דעם פינגער פון איר טאַטן
(מיט בלוט זיינעם באַפלעקט);
האָט זי אים גלייך אין וואַטע
אין קלאָרער איינגעדעקט.

און פון דאַן אָן זי היט אים
אין שאַכטעלע — פאַרמאַכט:
א זכר פון דער שחיטה
אין יענער אימה-נאַכט.

און פון דאַן אָן זי נעמט אים
פון צייט צו צייט אַרויס,
און פאר איר בליק צעקלעמטן
איר פאָטער וואַקסט באַלד אויס;

איר צניעותדיקער פאָטער,
וואָס איז א רב געווען,
און גאָר זיין לעבן האָט ער
געפּלעגט אין זיך דעם מענטש;

און האָט זיין גאַנצן לעבן
געלערנט און „געזאָגט״:
און צדקה שטיל געגעבן
פון קאַרגלעכן פאַרמאָג;

און יעדן אויפגענומען
מיט שעצונג, איידלקייט;
א ייד אַן ערלעך-פרומער,
א מענטש — צו גאָט און לייט — — —

איז היט זי אלץ זיין פינגער,
צעשיידט זיך ניט מיט אים:
ס׳איז ניט פון פלייש א פינגער —
אַן אצבע אלוהים — — — —

## ב. צוויי ברידער

א נייע סעלעקציע אין לאַגער:
פון שקלאַפן פון יידישע — קראַנק:
מיט לייבער — ביז ביין אויסגעמאָגערט,
מיט דאַרע גזיכטער — אין צאַנק.

מע וועט זיי, די דאָזיקע שקלאַפן,
פארנעמען נאָך היינט פאַרן גאַז
(און נאָכדעם — אין אויוון זיי וואַרפן,
פאַרברענען, פאַרוואַנדלען אין אַש).

איז טרייבן דאָ נאַצי-באַנדיטן
(מיט שטעקן, מיט קאַנטשיק, מיט פויסט)
די יידן די קראַנקע, פול ציטער,
פון קאַלטע באַראַקן ארויס.

ווערט אויכעט יהודה געטריבן
(פון פויסטן, וואָס טרעפן אים שווער):
פון גאַרער משפחה געבליבן —
אן עלטערער ברודער און ער.

דעם טאַטן, די מאַמען, דריי שוועסטער
עס האָבן פונלאַנגשוין פארברענט
צווייפיסיקע אַרישע בעסטיעס
מיט בלוטיקע אויגן און הענט.

און ער דאָ, און עלטערער ברודער, —
זיי קנעכטן אין לאַגער פונלאַנג:
נאָר לעצטנס ער איז שוין, יהודה,
ביז גאָר אויסגעמאָגערט און קראַנק.

איז טאָר ער ניט לעבן שוין מער דאָ
און וועט מיט די קראַנקע היינט גיין
אהינצו, ווו ס׳גרייטן די מערדער
זיין לעצטע, זיין אַשיקע היים — —

נאָר יוסף, דער עלטערער ברודער, —
ער וויל אים ניט לאָזן אהין:
— ביסט יינגער פון מיר דאָך, יהודה, —
וועל איך גיין אנשטאט דיר אהין:

און דו, ברודער מיינער, פּרווו ווייטער
זיך ראַנגלען, זיך ווערן אַדאָ;
וועסט אפשר זיך רעטן פון שייטער,
דערלעבן פון פרייהייט די שעה — — —

וויל יינגערער ברודער ניט הערן:
— דיין אויסזען, ער איז נאָך ניט שלעכט;
איז קענסטו דאָ גיכער זיך ווערן
ווי איך — א ניט-נוציקער קנעכט — —

שטופּט יוסף אים אָפּ פון די קראַנקע
(א לאַנגע פארמשפּטע ריי):
— איך קען ניט, מיין ברודער מיין קראַנקער,
דיך לאָזן אהינצו מיט זיי;

און שטעלט זיך אָנשטאָט אים אוועקעט
אין ריי אין דער לאַנגער — שוין גרייט;
און טריטלט מיט אלע אוועקעט
אהינצו, צום גאַזיקן טויט — — —

## ג. צען יידן צו הענגען

ס׳איז פּורים פון יאָר צוויי און פערציק
אין געטאָ אין שטעטלשן — קליין:
די יידן — שוין קנאַפּ. נאָר מען הערט נאָך,
דאָ, דאָרטן, א שוואַכן געוויין.

דער דייטש האָט כמעט זיי פארטיליקט —
דורך שרפה און הונגער און בליי — —
נאָר ס׳איז ניט גענוג אלץ די „שפּיל״ אים —
איז גאַרט ער נאָך „שווישפּיל״ אויפסניי.

און היינט איז א יום טוב ביי יידן —
דאַרף ייד היינט באַצאָלן מיט בלוט:
רייבט גזלן די הענט זיך צופרידן:
ער וועט היינט „פארברענגען״ גאָר גוט.

הייסט ראש פון געשטאַפּאָ באלד ברענגען
דעם עלטסטן פון געטאָ צו אים:
— שטעל צו מיר צען יידן צו הענגען —
באַשטראָפונג פאר המנ׳ס צען זין.

הערט אוים אים דער עלטסטער פון געטאָ
(א יידישער דאָקטער — נאָך יונג:
א היילער פון קינדער אין שטעטל,
א היטער פון זייער געזונט)

און — ענטפערט געלאסן דעם קוילער,
וואָס וואַרט מיט רציחה אין בליק
(און שמייכל, פול סם, ארום מויל אים
דעם חיה׳ש צעשפּרייטן עס בליט):

— איך קען אייך צען יידן ניט געבן,
איך קען אייך נאָר צושטעלן פיר:
מיין פרוים און מיין אייגענעם לעבן,
און — מיינע צוויי קינדער מיט מיר.

צעלאַכט זיך טייוולאָניש דער מערדער
(מיט מערער רציחה אין בליק):
— פאר דיינע די דאָזיקע ווערטער
דיר קומט טאַקע, יודע, אַ שטריק — — —

---

די יידן, די צען — אויפגעהאנגען
(אָן צושטעל פון עלטסטן דערביי):
מען האָט זיי אויפגיך אויסגעפאַנגען
פון געטאָ — כמעט שוין פאַרביי.

געבראַכט זיי, די צען פונעם געטאָ,
אויף מאַרק פונעם שטעטל — געפאַקט:
זאָל זען דאָ דאָס גאַנצענע שטעטל
פון יידן-באַשטראָפונג דעם אַקט — —

איז הענגען זיי — קאַלטע שוין אלע,
אָן ריר מיט א פוס, מיט א האַנט:
און ראש פון געשטאַפּאָ — צעשטראַליקט —
אויך ער איז אַדאָדערט פאַראַן.

ער שטייט דאָ, דער ראש פון געשטאַפּאָ,
(מיט העלפער א גאַנצענער ריי)
**און — רייבט זיך, צופרידן, די לאַפּעס:**
— דער דאָקטער, אויך ער הענגט מיט „זיי" — — — —

## ד. זיבן הונדערט שטולן

אין קאָוונע-שטאָט אין גרינער,
אויף שיינער לייסוועס-גאַס,
דער דייטש, פול יידן-שינאה,
האָט צוגעגרייט אַ „שפּאַס״.

ס׳איז ניט גענוג דעם נאַצי,
דעם ברוינעם קאַניבאַל,
צו אויסראָטן, ווי ראַצן,
די יידן — יונג און אַלט.

איז וויל ער, דער רוצח,
א „פיינע סצענע״ זען:
מיט „יודן-שאַנד״ זיך פרייען
(און רייבן זיך די הענט).

האָט ער געבראכט צופירן
אהערצו יידן פיל,
זיי זאָלן דאָ מאַרשירן,
א יעדער — מיט א שטול

(מיט זיבן הונדערט שטולן
אויף זיבן הונדערט קעפּ:
דורך אלע לייסוועס-גבולן —
באַגלייט פון שפּאָט און קלעפּ).

מאַרשירן זיי, די יידן,
מאַרשירן אלט און יונג:
פארהונגערטע און מידע:
אין הייסער זומערזון.

מאַרשירן דאָ געזונטע,
און קראַנקע — פון שפּיטאָל:
מיט בערד — אי גרוי, אי צונטער,
און אָן בערד — אָפּגעגאָלט.

מאַרשירן דאָ ציונים,
פּאָלקיסטן, יידן סתם;
„באַצירט" מיט שטולן-„קרוינען" —
א לאנגער קאַראַוואַן.

מאַרשירן זיי שוין שעה'ן —
אין תמוזדיקער היץ;
באַוואַכט פון חיות רעות,
באגלייט פון שפּאָט און שמיץ.

„פארוויילן זיך" טעווטאָנען
פון ביידע זייטן גאַס;
— מע זעט קיין קעפּ ניט אָנעט,
נאָר שטולן — אָט א שפּאַס!

„פארוויילן זיך" ליטווינער —
צעשטעלטע רונדאַרום
(מיט הירזשעריי פאַרכלינעט,
מיט וואַלדישן געברום).

פארגייט א שעה א נייע —
פאלט איינער שוין אוועק;
נאָר ניט געגנוג דער חיה —
צעברילט זי זיך — א שרעק:

— מאַרשירן ווייטער, גנידעס!
דער טאָג, ער איז נאָך לאַנג!
און זינגען וואָס, אויף יידיש, —
וועט „גרינגער" זיין דער גאַנג! — — —

„„פארוויילן זיך" טעווטאָנען,
„פארווילט זיך" ליטע-קריסט:
— מע זעט קיין קעפּ ניט אָנעט,
נאָר שטולן, גופים, פּים — — — —

# דריי לידער וועגן דער וועלט

## א. מע פליט שוין אזוי ווייט

מע פליט שוין אזוי ווייט,
מע טוט אלץ ווייטער פליען;
עס יובלט שוין די צייט
פון קאָסמישע נסיעות.

לבנה איז שוין גרייט
(מסתמא גאָר פּאַראַדיש)
מקבל-זיין מיט פרייד
די געסט פון אונזער כדור.

און מאַרס און ווענוס אויך
מסתמא גרייט שוין זענען
צו אויפנעמען גאָר הויך
די ערדיש-בראַווע מענער.

נאָר דאָרטן, אויף דער ערד,
איז אלץ, ווי גאַל, נאָך ביטער;
דאָס לעבן — שטייניק-שווער
און פול מיט זאָרג, מיט ציטער

צוליב א לעבל ברויט,
צוליב א שוך, א בגד;
און ס'דראָט נאָך אלץ דער טויט —
א יעדע שעה און רגע.

און מענטש, ער איז נאָך אלץ
א ווילדע, בייזע חיה;
און פנים זיינער שטראַלט
פון צווייטנס בראָך, לוויה.

און וועלט זי איז אלץ פול
מיט קנעכטעריי און תפיסה,
מיט שינאה אָן א גבול,
מיט רויב און בלוט-פארגיסונג.

און ס׳לוגט א נייער קריג —
פון יעדן לאַנד און לענדל:
אויף גרייז, אויף קינד אין וויג,
אויף א ל ע ם — צו פארלענדן.

א קריג — פול הידראָגען,
א שעכטונג פול אַטאָמען,
וואָס וועט שוין ניט נאָר מענטש
פארטרייבן אין די תהומען:

וואָס וועט שוין אלץ, וואָס לעבט,
פארשניידן און פארווישן:
די פייגל אין געשוועב,
די שווימענדיקע פישן:

די חיות אינעם וואַלד,
בהמות אויף די פליינען:
אוןביימער — יונג און אַלט,
און גרעזעלעך — ביז איינעם — —

און אין די הימלען — טיף,
אויף שכנהשער פלאַנעטע,
א פליער אין זיין שיף
(זיך פון דער ערד געראַטעט), —

ער וועט פון דאָרט אהער
מיט וויי אין האַרצן בליקן:
באדויערן די ערד,
וואָס דרייט זיך שוין אָן תיקון

ארום דעם זונען-ראַד
אין פראַסטיק-שטרענגן חושך, —
א שטראָף — גאָר האַרב — פון גאָט
פאר זינד אירע די גרויסע — — —

## ב. די פירער פון דער וועלט

די פירער פון דער וועלט,
זיי פאָרן רק ארומעט
מיט בייטלעך, פול מיט געלט
פאר יעדן לאנד און אומה.

מע קומט מיט סוויטעס אָן,
מיט ווייבער און מיט קינדער,
מיט אויסקוקער, שפּיאָן,
מיט אינטריגאַנט און צינדער.

מע וויל געווינען פריינט
פאר אינטערעסן — אייגן —
אַקעגן קעגנער, פיינט,
וואָס לאָזט זיך אַלץ ניט בייגן.

איז קומט מען פונעם נאָרד,
פון מזרח, מערב, דרום;
די וועלט הענגט אויף אַ האָר,
עס לויגן — קברים, קברים — — —

איז וויל מען רעטן זי
דורך — זיך פארשטאַרקן מערער
(דורך כל המיני זינד
פון אָפּנאַרער, פארשווערער).

איז טרינקט מען און מען עסט
ביי אויפנאַמעס — גרויסאַרטיק:
א מושל פון דער וועסט,
א האַר פון קרים ביז אַרקטיק.

איז דעקלאַרירט מען וואָס
(פאר ראַדיאָ, טעלעוויזיע):
פון אַפריקע אַ באָס,
אַ „לינקער" גאָט פון אַזיע.

איז שמייכלט מען דערביי
(פאַר פּאַטאָס אין גאַזעטן);
די פירער — אַלט און ניי —
מע פּרוּווט די וועלט אַליין רעטן — — —

נאָר פול איז זי, די וועלט
(מיט פירער אירע אַלע),
מיט גזלן און געוואַלט,
מיט מעסער און מיט חלף.

נאָר פול איז זי ביז ענד
מיט פאַלשקייט און מיט ליגן;
און פלינקע טייוול-הענט —
זיי גרייטן נייע קריגן.

און ייד איז אַליין אינמיט
(איז אַליין נאָך די כפרה);
די שינאה צו אים גליט
אין מזרח און אין דרום;

דער האַס צו אים, ער ברויזט
אין מערב און אין צפון;
מיט ייד מוז ווערן אויס!
מע זאָגט עס אָפט — גאָר אָפן — — —
— — — — — — — — — — — —

נאָר דאָסמאָל אויב א קריג
אויף מערדער-וועלט וועט קומען,
וועט ווי אין האַרבסט א פליג,
קראַפירן  י ע ד ע  אומה.

די גאָרע ערד, ביז ראַנד,
וועט אויפגיין דאַן אין פייער — — —
ס׳עט אחרית קומען דאַן,
נאָר ניט ווי ביי ישעיה — — —

ג. קווא וואדיס, וועלט?

ניט לאַנג צוריק, אין קינדעריאָרן מיינע,
בעפאָר דער ערשטער וועלטישער פאַרלענדונג,
האָט מען געהאָפט: עס וועט זיך גיך צעשיינען
די זון פון יושר איבער אַלע לענדער.

ס'עט פרידן זיין: ס'עט פרייהייט זיין און — ליבע,
ס'עט ווערן וואָר די וויזיע פון ישעיה:
ניט הערשער מער, ניט קנעכט (אין גויט אין טריבער),
ניט קנאה מער, ניט האַס און קריגערייען — —

ניט לאַנג צוריק און — וואָס איז, וועלט, געוואָרן
פון אלע דיינע שיינע אידעאַלן?
איז ליגן זיי אין די טרעבלינקע-קברים —
צעאַשיקטע פון נאַצי-קאַניבאַלן.

דיין ערשטער קריג, מיט צען מיליאָן חללים,
דיין צווייטע גרויסע, שוידערלעכע שחיטה, —
צעשטויבט זיי האָבן גאָר דיין הויכן חלום
און — גרייטן איצט אַ וועלט-פארלענד א דריטן.

זיי גרייטן אים — פון כינע ביז מצרים,
פון ערד — סאָוועטיש — ביז קאַלאַמבוס-באָדן;
אַ באָד פון בלוט א גרויליקע א נייע —
מיט הידראָגען מיט פלאַמיקן באַלאָדן.

דו ביסט, מיין וועלט, ביז אלע דיינע ברעגן,
נאָך פולער איצט מיט פיינטשאַפט און מיט רשעות:
און מענטש אין דיר, אווו אַ קאַנט, אַ געגנט, —
ער ווייס שוין ניט, וואָס איז אַזוינס געוויסן.

אין לאַנד פון פושקין, פון טאָלסטאָי און טשעכאָוו
(געפירט אצינד לויט לענינשע געבאָטן), —
דאָרט הערט מען ווייטער סטאַלינישע עכאָס,
דאָרט ווערט אויך איצט מיין ברודער-ייד געטראָטן.

אין לאַנד פון באַך, פון בעטהאָווען און געטע
(און אויך פון היינע, אויך פון מענדעלסאָנען), —
דאָרט בענקען פיל אויך איצטער נאָך קאַצעטן, —
פול יידישע פארפייניקטע קרבנות.

און אויך אין לאַנד פון לינקאָלן און וויטמאַן,
ווו דעמאָקראַטיע איז נאָך שטאַרק און מאַכטיק,
נאָך מערער שינאה און רציחה ציט מען,
נאָך מער געוואַלט און מער פארפאָלגונג — נאַכטיש — — —

קוואָ וואַדיס, וועלט? ווהין, צו וועלכע וויטן
דו טוסט אצינדער שפּאַנען אזוי ראַשיק?
צי איז עס טאקע צו דעם ריזן-שייטער,
וואָס וועט דיך שוין ביז לעצטן פונק צעאַשן? — —

# נח יצחק אין תיבה

(שפּאַסיקע פּאָעמע)

מענדל קאַצקער האָט געזאָגט:
פון דער וועלט אַן אַוויר טראָגט זיך.
איז עס אמת: יעדן טאָג —
רק מע קריגט זיך און מע שלאָגט זיך.

איז עס ריכטיק: יעדע נאַכט —
רק מע קינאה׳ט און מע שינאה׳ט:
ווו א דאָרף און ווו א כרך,
ווו א קאַנט און — א מדינה.

ס׳איז א וועלטל — אָך און אוי,
פול מיט גנבה און מיט גזלה;
פול מיט בייז — אין מאַן און פרוי,
פול מיט פוילונג — אַ נבלה.

דרייסט זיך אין די שטעט ארום,
ווי אין דזשאָנגלס אין געדיכטע;
אויף די גאַסן, אין געברום, —
מע באַפאַלט דיך מע פארניכט דיך.

אומעטום — נאָר רויטע זינד,
אומעטום — נאָר שוואַרצע טומאה;
ס׳איז לית דיין ולית דין,
אוים מיט אורים און מיט תומים;

אוים מיט קלויסטער און מיט קלויז,
אוים מיט יושר און געוויסן;
ווו דו שטייסט נאָר, הערסטו בלויז:
שעכטן, ווערגן, קעפּן, שיסן.

ווו דו טוסט נאָר שטיין און גיין —
מיטן לעבן ביסט ניט זיכער — —
איז שוין בעסער איינאַליין
אין א נאָרע ווו פארקריכן.

האָב איך טאַקע זיך פֿאַרשטעקט
אין מיין קאַמער, אין מיין „נאָרע״;
קומען מעג אויף אַלץ אַן עק,
אויף דער ערד-קויל אויף דער גאָרער;

איכל ליגן אויף מיין בעט
און — א טרוים א העלן וועבן:
פֿון אן ערלעכערער וועלט,
פֿון א מענטשישערן לעבן — —

ליג איך מיר אזוי איינמאָל,
ס׳וואַקסט מיין חלום, ווי אויף הייוון, —
ערשט איך הער פֿון גאָט א קול:
— גרייט זיך, נח, צו דער תיבה!

ס׳איז די וועלט שוין — כולה-רויב,
ס׳איז דער מענטש שוין — כולו-חיה;
גיי איך מאַכן פֿון זיי שטויב
דורך א מבול דורך א נייעם — —

אז מען הערט אזוינס פֿון האַר,
דאַרף מען אים, פֿאַרשטענדלעך, פֿאָלגן;
בין איך גלייך אוועק אין מאַרק,
זיך געקויפֿט א פֿערד-און-וואָגן;

אָנגעלייגט מיין גאָרע גוטס:
ברויט א זאַק, א פּאַק מיט ספרים;
מיינע ווערק — א גאַנצן טוץ
און — בין תיכף אָפּגעפֿאָרן.

מעסט איך שוין דעם לאַנגן וועג
צום אַררט-באַרג צום וויטן,
וווּ די תיבה איז פֿאַרשטעקט
פֿונעם ערשטן מבולס צייטן.

קום איך אַן דאָרט — וואַרטן שוין
מענגעם ברואים אלערלייע,
פון א יעדן וואלד און פּלוין:
טיגערס, ציגן, סאָלאָווייען;

וועלף און לייבן, קי און פערד,
פּאָפּוגייען, שלאַנגען, טכוירן;
העלפאנדן — אַזוי-אָ שווער,
היפּאָם — אַז עס כאַפּט א מורא — — —

א געפילדער, א געוואַלד,
א יאַריד א הויך צערעשטער:
אלע, אלע, יונג און אַלט,
שטופּן זיך ארום דעם „קאַסטן".

האָב איך זיך געטאָן א שטעל,
איינגעשטילט אָ-דעם געטומל
און — געגעבן א באפעל:
— פּאָרווייז, ברואים! אַן מהומה!

ס׳איז אן אָרט פאר יעדן גרייט,
מ׳עט פון דאַן ניט רירן אַן אים;
זיך דערשראָקן פארן טויט?
שעמען מעגט איר זיך, פּחדנים!

האָט מען זיך פארשעמט פאר מיר,
אויפגעהערט צו מעקען, ברומען
און ארייַנעט דורך דער טיר —
ממש ווי די פיש די שטומע.

איז ארייַן שוין לעצטע פּאָר —
הויבט אָן גיסן פונעם הימל;
רירט זיך תיבה פונעם אָרט
און — זי פאָרט שוין, טוט שוין שווימען.

שווימען מיר אין דעם געפליין,
הויבט זיך וואַסער העכער, העכער;
זענען הייזער שוין פארפלייצט,
זעט מען נאָר די שפּיצן דעכער.

שווימען מיר אליין מער און מער —
זינקען וואָלקנקראַצערס איינעט;
זעט מען שוין נאָר שפּיצן בערג:
הימאַלאַיען, אלפּן, — שאַיניק . . .

איז פארשווומען נאָך אַ טאָג —
זעט מען שוין קיין שפּיצן אויך ניט;
אוים מיט אלעם, מער ניטאָ;
בלויז די תיבה פייפט און רויכערט;

בלויז די תיבה טראָגט זיך אום
אויפן וואַסער אויפן ברייטן;
און אין תיבה — אַ געברום,
און אין קאַסטן — מע „טרומייטערט";

אלע, אלע, גרוים און קליין,
דאַנקען גאָט פאר בלייבן לעבן;
אויכעט איך, אין פרייד-געוויין,
טו מיט דאַנק א לויב אים געבן — — —

נאָר איך גיב א כאַפּ זיך באַלד:
— כ'בין דאָך עפּעס קאַפּיטאַן דאָ!
שטיל איך איינעט דעם געוואַלד
און — איך רייד זיך שטרענג פאַנאַנדער:

— הערט איר, ברואים, אוים מיין וואָרט
און — פארקריצט אים אויף די שטערנס:
ס'איז אין תיבה אונזער וואָר
ניט קיין גרינגע — גאָר א שווערע.

ווער קען וויסן וויפל צייט
וועלן מיר דאָ מוזן פאָרן:
דאַרף מען פירן זיך, ווי לייט, —
ווי סע שטייט אין פרומע ספרים.

איז דאָס עסן — קאָלעקטיוו,
און אזוי — דער גאַנצער סדר:
און דער עיקר — ניט „געשטיפט",
פירן זיך אי פיין, אי איידל.

און וועט ווער ניט פאָלגן מיר,
וועט ער ווערן האַרב געמשפּט! — —
האָבן אלע ארום מיר
אָפּגעענטפערט: נעשה, נשמע — — —

האָט א לעבן זיך געשטעלט
אין דער תיבה — א מחיה:
איידל, מענטשלעך, קולטורעל,
גאָרניט ווי ביי ווילדע חיות.

יעדן פרי, מע פרישטיקט אָפּ, —
נעמט מען גלייך זיך צו די ביכער:
זיצט מען, לערנט מען, — מיט קאָפּ:
יידיש, ענגליש, טערקיש, גריכיש — — —

נאָכדעם עסט מען נאָכאַמאָל,
נאָכדעם לערנט מען ביז אָוונט:
און — קיין פּיפּס ניט פון א וואָלף,
קיין געשריי ניט פון א סאָווע . . .

האָבן ברואים אלץ געקנעלט —
אייפעריק, מיט פיל התמדה,
זיך מיט וויסן אָנגעקוועלט
און געוואָרן — מלומדים.

איז געגאַן אַזוי די צייט
אינעם מבול אינעם גרויסן;
רונדאַרום — דאָס וואַסער שטייגט,
און דער רעגן — טוט אַלץ רוישן — — —

ביז אַ טאָג האָט אָנגעיאָגט,
ווען קיין שפּייז האָט ניט געסטאַיעט — — —
האָבן פייגל זיך צעקלאָגט,
האָבן זיך צעיאָמערט חיות.

איז געוואָרן ביטער, שלעכט
אינדערמיט פון אַ-דער פליייצונג;
האָב איך ניט געשלאָפן נעכט
ביז — געפאַלן אויף אַן עצה:

— מ׳שווימט דאָך עפּעס זייער הויך,
מ׳קען דעם הימל אַזש דערלאַנגען;
און אַ לייטער האָט מען אויך:
איז — געשטעלט זיך און — געגאַנגען,

אויפן דאַך אים אויפגעשטעלט
און — אויף אים, און — אָנגעריסן
שטערנדלעך אַ גאַנצע וועלט —
„קאַרשן״ רייפע, זאַפטיק-זיסע.

האָבן ברואים זיך געקוויקט
מיט די „קאַרשן״ מיט די ווילע
(און פאַרביסן מיט אַ שטיק
„קעז״ געשמאַקן פונעם מולד).

איז אָבער געשען אַ בראָך
(מ׳איז דאָך ניט פון שטיין, פון אייזן):
האָט דער מאָגן שלעכט געקאָכט
פון אַ-די-אָ הימל-שפּייזן.

האָבן איינמאָל, טיף אין נאַכט,
אויפגעוועקט זיך אַלע חיות
מיט אַ דונער, מיט אַ קראַך,
מיט געשרייען, מיט אַי-אַי-ען

(און מיט טענות — האַרב — צו מיר:
כ׳קוילע זיי דאָ אָן אַ מעסער!
אַט האָט איינער שוין קראַפּירט — —
און סכנה ווערט אַלץ גרעסער — — ).

האָב איך ווידער לאַנג געקלערט
און — געמאָלדן גאָר דעם קאַסטן:
— ביז עס וועט זיך ווייזן ערד —
וועלן מיר דאָ מוזן פאַסטן! — —

פאַסטן מיר — אַ טאָג און צוויי
(בין איך שוין געוווינט צו פאַסטן . . .):
אָבער זיי, די ברואים, — זיי
האָבן ווידער זיך צערעשט דאָ:

— גיב איך ברויט, איז גוט, אַז ניט —
שלאָגן זיי מיט מיר כפּרות;
פרעסן אויף — מיין יעדן גליד
און — אַ סוף צו מיינע יאָרן! — —

האָט, פאַרשטענדלעך, מיך אַ שרעק
פון דער דראָונג דורכגעדרונגען:
ס׳קען דאָך טאַקע זיין מיין עק
צווישן ברואים — אויסגעהונגערט!

האָב איך לאַנגשוין ניט געקלערט —
אָנגעצייגט אויף מיינע ספרים:
— נאַט אייך, ווילדע! פרעסט און ווערט
„זאַט״ מיט זיי — צו אַלדי יאָרן!

זענען זיי באַפּאַלן באַלד
אַלע ביכער — דיכטונג, פּראָזע
(ווי אויף לעבנס אין אַ וואַלד,
ווי אין פעלד — אויף הייען, גראָזן)

און פאַרשלונגען — ווו אַ בלאַט,
ווו אַ שורה — אויפגעפרעסן:
ראַוויטש, רייזען, ראָזענבלאַט,
אַש און זינגער, שוואַרץ און ליעסין:

גלאַטשטיין, לייוויק, רובאַשאָוו,
שניאור, מאַנגער, פרוג און פּרץ,
אָפּאַטאָשו, קושניראָוו:
ביכער גרינגע, ספרים שווערע:

אַלץ פאַרשלונגען — קליין און גרויס,
אָפּגעווישט דאָס גאָרע שאַפן
(ווי דאָס קענען ברואים בלויז:
אָקסן, כלבים, בערן, אַפּן — — ).

נאָך דעם דאָזיקן „רעוואָלט"
איז געוואָרן ענג אין תּיבֿה:
האָט זיך מיר שוין ניט געוואָלט
קאַפּיטאַן זיין — מוחל טובֿות!

האָט מיך מער שוין ניט געאַרט
גאָר דער סדר אינעם קאַסטן:
און פאַרבענקט זיך האָב איך שטאַרק
נאָך אַ באָדן נאָך אַ פעסטן:

— שווים אַלץ אויפן וואַסער-תּהום!
טראָג זיך אַלץ — אָן ענד, אָן ברעגן!
פעו! עס טויג ניט אַזאַ סדום,
אַזאַ חיהדיקער לעבן!

**האָב איך לאַנג געטראַכט, געטרוימט,**
אַלץ געבענקט נאָך לאַנען, פּלוינען,
ביז דערמאָנט זיך אָן דער טויב:
ס׳איז דאָך דאָ פאַראַן א „יונה״!

האָב איך זי באַפוילן באַלד:
— פלי אַרויסעט, ליבע טייבל,
און א קוק טו, ווי עס האַלט, —
דאָרט, אינדרויסן, — מיטן מבול!

איז זי אָפּגעפלויגן גלייך
און — צוריקגעקערט זיך שפּעטער
מיט אַ בלעטל — גרינלעך-בלייך:
זעט מען ערד שוין, גראָזן, בלעטער — — —

האָב איך זיך גאָר שטאַרק דערפרייט
און — די תבה גלייך פאַרגעסן:
אַלע ברואים, קינד און קייט
(מיטן פאַסטן, מיטן עסן — — ).

בין אַרויסעט אויף דער פריי,
האָב דערזען א וועלט א נייע
(מיט א פרילינג — פונקיק-ניי:
צוויטיק, דופטיק — א מחיה).

אַזא שפּאָגל-נייע וועלט
(מיט א שטילקייט אַזא גרויסע . . .):
דאָ און דאָרט, ביז הימל-שוועל, —
קיין געשאָרך ניט, קיין גערויש ניט . . .

שטיי איך, קוק איך, שטאַרק פאַרכאַפּט,
און פון שמחה — ווילט זיך וויינען . . .
נאָר איך גיב זיך באַלד א כאַפּ:
כ׳בין דאָך איצט געבליבן — איינער!

דארף איך צוגרייטן אויפגיך
(פאר די דורות אויף להבא)
א געהעריקן באריכט
פונעם נייעם — צווייטן — מבול!

האָב איך זיך א זעץ-געטאָן
מיט א פעדער — שארף און שפיציק
און — „גענומען״ ערשטן „טאָן״:
אלה תולדות נח--איציק

— אלה תולדות. עד, אַ וואָר, —
בלוי און גרין, — אויף אלע מיילן;
כ׳בין דאָך איצט איין דיכטער נאָר
אויפן גאָרן ערדן-קיילעך!

כ׳בין דאָך איצטער נאָר איין ייד
אינעם קאָסמאָס אינעם גאָרן! — —
— — — — — — — — — — —
זינג און קלינג, מיין יידיש ליד, —
ווי אַמאָל, אין יונגע יאָרן!

## צו מאַמע־יידיש

צוויי גוטע מאַמעס האָבן מיך באַוואַכט:
די ערשטע מאַמע, וואָס האָט מיך געבאָרן,
און דו — די צווייטע; אויף א יעדן שליאַך
מיין טראָט באַגלייט — פון סאַמע פריסטע יאָרן.

איז ערשטע מאַמע (מיט מיין גאָרער היים)
געוואָרן רויך — אין אָרעם־גרויער ליטע;
מיט יידן אלע — יונג און גרייז און קליין —
פון טמא הענט פון דייטשישע פארשניטן.

ביסטו געבליבן איינע מיר אצינד —
א לעצטע טרייסט אין יאָרן מיינע אלטע;
א טרייע מאַמע צו א טריבן קינד —
אין קלעם פון זאָרגן צוליב דיר געהאַלטן.

אָ, מאַמע מיין — פון בערגלסאָן, פון אַש,
פון פרצן פון „איינקל״, פון „זיידן״,
עס מיידט דיך אוים די סנאָביש־הויכע גאַס,
און אויכעט „עמך״ וויל דיך מער ניט ריידן.

אָ, מאמע מיין — פון רייזען, מאַני לייב,
פון לייוויקן, פון גלאַטשטיינען, פון מאַנגער,
די פּראָזע דיינע וועלגערט זיך אין שטויב,
און הפקר זענען אויך דיינע געזאַנגען.

אָ, מאַמע מיין פון שטעטל און פון שטאָט,
פון שול און חדר, פון וואַרשטאַט און קרעמל,
מע קוקט אויף דיר איצט מיט געקרים, געשפּאָט,
מע טוט דיך איצט פאַרלאַכן און פאַרשעמען.

אָ, מאַמע מיין פון אונזער גלות — גרוים,
געהייליקטן אין אוישוויץ, אין מאַידאַנעק,
מע יאָגט דיך איצטער פון א יעדן הויז,
מע טרייבט דיך איצטער פון א יעדן גאַניק.

עס יאָגן דיך די אייגענע, די זין,
עס טרייבן דיך די נאָענטע, די טעכטער;
און זייער קינד אינגאַנצן איז שוין בלינד
צו דיין פאַרמעג פארוואָרלאָזטן, פאַרשוועכטן.

איז בלאָנקעסטו אין די ניו יאָרקן אום
אַן עלנטע — ביז אלע קאַלטע ענדן;
און אין דעם הארטן, רוישיקן ארום
דו ווייסט ניט, מאַמע, ווו זיך קערן, ווענדן.

אָ, קום מיט מיר — ווי דו, איך בין פאַרלאָכט,
ווי דו, איך בין פארחוזקט און פארשטויסן;
מיר וועלןביידע מיט א שטילן שליאַך
זיך לאָזן ווו אין פעלדישן אינדרויסן;

מיר וועלן ביידע אין א וואלד אריין,
זיך זעצן דאָרט אין ראָד פון זיינע בוימער:
אינהייך עס פינקלט העלער זונענשיין,
אינהייך עס בלויען פרילינגדיקע רוימען;

און רונדאַרום — א פריש צעגרינטע וועלט,
מיט גראָזן, בלעטער — דופטיק און באַטויאיקט;
באַוועבט מיט קווייטן — וויים און ראָז און געל,
באַשפּינט מיט מאָכן סיווע, ברוינע, גרויע.

איך וועל אדאָרטן, מאַמע גוטע מיין,
באַניים דיר זינגען פאָלקסלידער אין יידיש,
דערציילן דיר א פאָלקס-מעשה — גאָר פיין,
אויפסניי דיר לעזן סיגאַלס, קולבאַקס לידער;

פון „מאָטל פּייסים" לעזן דיר אויפסניי,
פון „שלמה נגיד", פון די „דריי מתנות";
און זען: דיין בליק — ער צוויטעט אויף מיט מאַי,
און פרילינגדיק עס ווערט דיין גאָרער פּנים.

דו זיצסט און הערסט אלץ — אָנגעזונט מיט פרייד,
און ס׳הערן אויכעטביימער, מאָכן, גראָזן;
דער וואַלד דער גאָרער — אויף זיין לענג און ברייט,
מיט אלע זיינע פייגל, ווערוריקס, האָזן — —

און פונדערוויטנס הערן אויך זיך צו
(סיי מאַן, סיי פרוי, סיי אַלט, סיי קינדער קליינע)
די זעקס מיליאָן, פארשוואונדענע אוו, —
מיט מאַמען מיינער, גאָר מיין היים איניינעם — — — —

# איך בין אַ נשאר

איך בין א נשאר פון די יידן,
וואָס נאַצי-דייטשלאַנד האָט פארשניטן
(אין גרינעם פוילן — פול מיט חסידות,
אין דער מתנגדיש-גרויער ליטע).

עס פעלט מיר נאָר א באָרד-און-פּאות,
כ׳זאָל אויסזען, ווי מיין פרומער טאַטע,
וואָס האָט א לעבן (לאַנג פארווייעט)
אין רוים פון תורה אומגעפלאַטערט;

וואָס האָט א לעבן אָפּגעתפילה׳ט,
וואָס האָט געדינט רק צו דער שכינה;
מיט תיקון חצותן, יומען תהילים,
מיט סליחות, מחזור, זמירות, קינות — —

איך בין א נשאר פון די יידן —
אין די טרעבלינקעס אויסגעוואָרגן;
די מיילער — פול מיט לשון יידיש,
די הערצער — מיט א העלן מאָרגן;

געקעמפט אַקעגן נויט און אומרעכט —
אין רויש פון שטעט, אין שטעטלעך שטילע;
געטרוימט פון פריי — פאר יעדער אומה,
אָן ראַסנהאַס, אָן קלאַסן-חילוק;

פון לינק און רעכט, פון בונד און ציון,
פון קאַרל מאַרקס און פון נבואה;
אין ערלעכן, אין שווערן מיען, —
מיט דער „התקוה״, מיט דער „שבועה״.

איך בין א רעשטל פונעם עבר,
וואָס איז אויף אייביק שוין אוועקעט, —
אַדאָרט, אין היים פון מיינע אבות,
אויף זאַמדיקע, אויף פלאַכע שטרעקעס;

אַדאָרט, אין לאַנד אין אָרעם-קליינעם
(דורך זיבן הונדערט לאַנגע יאָרן); —
פארוויסט פון בייזע אַריער-שכנים
(מיט חיהשן, מיט ווילדן צאָרן):

פאַרמעקט מיט שול, מיט קלוב און פאָנע,
מיט שבת-יום טוב, ערשטע מאַיען;
מיט פרום געזיכט, מיט וועלטלעך פנים,
מיט גאָרן שטייגער — אלטן, נייעם — — —

איך בין אַ רעשטל און איך בלאָנקע
פארלאָרן אום אין היגע לענדער
צעווישן יידן שוואַרצע, בלאָנדע
מיט פנימער — פאַרגויישט-פרעמדע.

אָן שבת-יום טוב, בוך און ספר,
אָן מאַמע-לשון, — קאַלט און טרוקן,
וואָס טוען זיך נאָר היים, מיט אייפער
צו עולם הזה נויגן, בוקן.

איך בלאָנקע אום צעווישן זיי דאָ
אַ ניט-פון-איצטער, ניט-פון-דאַנען,
אָן איבערבלייב פון באָבע-זיידע —
פארגאַזט, פארברענט אין די מאַידאַנעקס — — — —

## מיין פֿאַרמעגן

מיין פֿאַרמעגן — דרייצן ביכער:
לידער, מעשיות און קריטיק;
איז מיר פּירסום שוין פֿאַרזיכערט,
אויכעט עולם הבא-גליק.

נאָר מע לעזט ניט מיינע לידער,
אויך די מעשיות לעזט מען ניט:
ס׳דאַרף אַ ייד ניט מער קיין יידיש —
ניט קיין מעשה, ניט קיין ליד.

ליגן אַלע מיינע ספרים
(דאָ אין שטאָט, אין הייזער פֿיל),
ווי אַ טויטער אין זיין ארון:
טויב און בלינד און קאַלט און שטיל.

ליגן זיי דאָרט און זיי וואַרטן
אויף אַ טאַטנס פֿיינעם קינד,
וואָס וועט זיי אינדרויסן וואַרפֿן
צו דעם רעגן און דעם ווינט.

קומט לסוף אַ מאָרגן אָנעט —
וואַרפֿט מען טאַקע זיי אַרויס
(צו דער זון און דער לבנה,
צו די שטערן — קליין און גרויס).

ליגן זיי שוין, מיינע ביכער,
ערגעץ אין אַ ברודנעם „לעין״:
קומט צו זיי אַ שפּין צוקריכן,
קומט צו זיי אַ הונט צוגיין;

קומט אַ קאַץ און — גיט אַ גראַבל,
זשומט אַ פֿליג אָן — טוט אַ שמעק:
און אַ ייִנגל — אַ מחבל —
מאַכט פֿון זיי דאָרט — גאָר אַן עק — —

ליגן זיי אין יעדן וועטער,
ראַיען יינגלעך זיך אין זיי:
רייסן טאָוולען, פליקן בלעטער — — —
ביז עס הילט זיי איין א שניי — — —

הער איך אין מיין הויז מיין אָרעם
ווי זיי קלאָגן זיך פאר מיר:
זע, וואָס איז פון אונז געוואָרן;
ווייי צו אונז און — וויי צו דיר.

האָסט אויף אונז דאָך שווער געמיט זיך —
טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר:
איבער יעדן וואָרט געציטערט,
זיך געפרייט מיט יעדן וואָרט;

ליגן מיר אין שניי אצינדער,
שוין ניט גאנצע — שטיקער בלויז;
ס'האָבן אונז פארשליידערט קינדער
פון א יידנס רייכן הויז — — —

הער איך אוים זיי טיף צעפייניקט,
הער איך זיי פארצווייפלט אוים — — —
און גאַנץ ווייט פון היים פון מיינער,
אינעם יידנס רייכן הויז,

טאַשט א טאטע פלינק די קאָרטן,
טאַנצט א טאָכטער „ראק-ענד-ראָל”:
און א זון א פיינער דאָרטן
„טשאַ-טשאַ” זינגט מיט זיג אין קול — — — —

## עם הקאָרטן

הון און ווייסע חלה,
וויין און געלער טאָרט;
לעבן זאָל דער דאלער,
לעבן זאָל די קאָרט.

טאַשט מען זיי, די קאָרטן,
ביי א יעדן טיש
פאר און נאָך די סאָרטן
קוגל, פלייש און פיש.

פרויען — קי פון בשן,
מענער — איבערזאַט;
ניט קיין מאַמע-לשון,
ניט קיין בוך, קיין בלאַט;

ניט קיין שבת-יום טוב,
ניט קיין „שטאָט" אין קלויז;
פרוי — אין מענער-אָנטאָן,
מאַן, ווי גוי זעט אויס.

מענערישע פרויען:
הויזן, פּאַפּיראָס — —
יידן — ווי די גויים:
גאָלף און יאַגד און כוס — — —

ליכטיקן האָטעלן
הילכן מיט מוזיק;
קלינגען לעפל, טעלער:
שעפּ וואָס מערער גליק!

זיצט מען אָנגעבויגן,
שפּילט מען אלץ — מיט ברען;
גיריקייט אין אויגן,
זשעדנעקייט אין הענט.

פאר די זיסע פישן,
נאָך די קוגלען — פעט — —
רוישן אלע טישן
ביז נאָך האַלבנאַכט שפּעט.

דברט מען „ענגאַליש"
(וואָס א וואָרט — א גרייז):
לאָקן קוואָדערס, דאָלערס,
רייצן צענטלעך, טייז — —

זיצט דער עם-הספר,
פאָלק פון געטלעך וואָרט,
און ער דינט מיט אייפער
צו דער געצקע — קאָרט — — — —

## צו מיין ליד

איך אייל צו דיר פון אלערלייע פּלאָגן,
פון נויטן — הארב, פון מחלות — אזוי שווער;
ווי ס׳איילט א קינד, וואָס האָט זיך ווו צעשלאָגן,
צו מוטער זיינער, — פול געוויין, געטרער.

איך אייל צו דיר פון ליידן כל המינים,
פון עלנטקייט, פון קעלט אויף יעדן טראָט;
ווי ס׳האָט מיין טאַטע יעטווידן באַגינען
געאיילט אין שול — מתפלל זיין צו גאָט.

איך אייל צו דיר פון קרעמערשע מעת-לעתן,
פון מאַרקישן געליאַרעם רונדארום;
ווי ס׳האָט מיין מאַמע שבת נאָכן עסן
געאיילט זיך צו איר קב הישר — פרום.

איך לויף צו דיר פון ברודער מיינעם — אייגן,
וואָס האָט זיין שפּראַך פארשטויסן פון זיין שוועל
און דינט צום דאלאר, ווי אמאָל צום עגל,
און עולם הזה איז — זיין גאַרע וועלט.

איך לויף צו דיר פון יידנגאַס פון היגער,
וואָס קערט איר קאָפּ אליץ מער פון גייסט אוועק
און טוט אליץ מער מיט חומר זיך פארוויגן,
און ווערט אליץ מער מיט גוף און פעטס באַדעקט.

איך לויף צו דיר, מיין ליד אויף לשון יידיש
(פארשניטענעם אין געטאָ, אין קאַצעט)
פון אלע היגע שרייאיקע יאַרידן, —
אין איינזאַם שטילן וועבן מיין געבעט:

האַלט פעסט מיך צו דאָ — ביז מיין לעצטער רגע,
באַשיץ פון אליץ, וואָס נישטיק איז און הויל;
און זאָל איך קענען פון דער וועלט אוועקגיין
מיט קלאַנגען דיינע — הייליק — אין מיין מויל — — — —

## דריי קינדהייט-לידער

### א. דור פון מיינע אבות

דור פון מיינע אבות, האַלטסט שוין ביים פאַרגיין.
כ׳טרעף אַמאָל נאָך אַנעט — אין א שול, אַליין,

ביי א ספר — אָפן — זיצן א געשטאַלט,
מיט אַ באָרד א סיווער, מיט א פּנים — אַלט.

זיצט פאַרטאָן אין לערנען, אויסגעטאָן פון גאַס
(מיט איר וואָך-געטומל, מיט איר שבת-רעש).

כ׳שטיי דאַן א פאַרבענקטער, קוק דעם יידן נאָך,
ביז דער גאָרער איצטער גיט זיך א צעבראָך

און — איך זע זיך ווידער אין מיין קינדערצייט
אין דער היים דער אַלטער — גאַנץ מיט גאָט און לייט.

זע אויפסניי מיין טאַטן — האָט נאָך דאַן געלעבט
(און אין וועלט פון ספרים נאָכאַנאַנד געשוועבט).

טעג ביי דער גמרא, נעכט ביי תיקון חצות,
בגד, שוך, — ניט וויכטיק, עסן — אַבי וואָס;

וויכטיק איז די תורה, וויכטיק — זיין א ייד;
האָט ער אַלץ געלערנט, אַלץ מיט גאָט געגליט.

איז ביי אונז דער שבת הייליק דאַן געווען,
האָב איך יעדן וואָכטאָג הייליקייט געזען.

האָב איך מיטן טאַטן תהילים אָפט געזאָגט,
אויפן לאַנגן גלותביידערנאַכט געקלאָגט;

און מיט אים איינינעם יעטווידן באַגין
פרום אין שול געגאַנגען — רעגן, שניי, ציווינט;

און מיט אים צוזאַמען טאָג א גאַנצן פרום
אין ישיבה זיינער תלמוד אַלץ געזשומט;

און ווי ער, געשפּירט דאַן: זיין א ייד איז גוט,
כאָטש מע מוז פיל אויסשטיין: האַס און שפּאָט און — בלוט — — —

און ווי ער, געהאָפט דאַן — גלויבנדיק צעשטראַלט:
ס׳עט משיח קומען — כאָטש ער זאַמט זיך אַלץ — — — —

## ב. קינדהייט מיינע ווייטע

קינדהייט מיינע ווייטע, קומסט נאָך ווען צו מיר,
נעמסט אוועק פון דאנען און — איך גיי מיט דיר.

אָט מיר זענען דאָרט שוין, אין דער אלטער היים,
אינעם יאַטקע-געסל, אויפן הויפל — קליין.

ענג איז אונזער דירה, אָרעם אויסגעשטאַט,
אָבער רייך מיט תורה און מיט תפילה זאַט.

טאַטע — ראש ישיבה אין א נאָנטן קלויז,
מאַמע גיט פרום אכטונג אויפן ענגן הויז,

און די זין די זיבן, און איין טאָכטער נאָר, —
פרום ווי טאַטע-מאַמעס, ציט זיך אונזער וואָר.

לערן איך און דאַוון יעדן וואָכנטאָג,
פון באגין ביז אָוונט זיץ איך אלץ און זאָג.

קומט א שבת אָנעט הייליק אויסגעשפרייט,
זוניקט אָן א יום טוב, פול מיט פרומער פרייד:

פסח, צי שבועות, — פרילינגדיק צעבלוּיט,
סוכות-צייט, ווען ביימער שטייען העל און רויט,

חנוכה, צי פורים, ווען די וועלט איז ווייס
(פלעג דאַן אָפט זיך גליטשן אויפן ניעמאַן-אייז:

ס'האָבן דאַן געצויגן אויך א שפיל, א שטיף) — — —
נאָר אָט בין איך ווידער ערנסט שוין, פארטיפט.

זיץ באניים מיט טאַטן אין קצבים-שול
(מיט ישיבהניקעס ניגונדיקע פול).

זיץ באניים און לערן, זמר צו דערביי,
קלער ניט מער פון דרויסן מיט זיין שיינער פריי,

לערן מיט התמדה, טרוים דערביי — צעשיינט:
וועל, ווי טאַטע מיינער, ראש ישיבה זיין — —

קינדהייט מיינע ווייטע, קומסט נאָך ווען צו מיר,
נעמסט אוועק פון דאַנען און — איך גיי מיט דיר.

## ג. ווען דער איצט ווערט טונקל

ווען דער איצט ווערט טונקל, מערער נאָך: ווערט בלינד,
זע איך אויפדאָסניי זיך דאָרטן, ווייט, — א קינד:

דאָרט, אין היים אין אלטער, — אָרעם, גרוי אזוי,
נאָר באַשטראַלט מיט גלויבן, ווי א גראָז — מיט טוי;

נאָר באהעלט מיט האָפן, ווי א בוים — מיט זון;
איז מיר גוט געווען דאָן אין מיין ענגן תחום:

היים און — די ישיבה, וואָך און — שבת-טאָג
(פולע מיט געזאַנגען, פולע מיט געזאָג):

זמר ביי דעם תלמוד, זאָג אין סידור — דיק;
כ׳טרעט אויף אלטער, פעסטער, זיידעדיקער בריק;

כ׳צי אַ קייט פון דורות (פון פיר טויזנט יאָר),
בין א רינג — פארפלאָכטן אין מיין ט א ט נ ס דור;

שפּאַן אין זיינע דרכים, ווייך פון אים ניט אָפּ:
כאַטש עס פלעגט ווען ווערן „שיכורלעך" מיין קאָפּ.

פלעג אַמאָל פארבלאָנקען אויפן „נייעם פלאַן":
מויערן פארפוצטע, קראָמען — רייך און בלאַנק;

מענטשן אין הלבשה — טייער, פונקיק-ניי:
פנימער און אויגן — זאַט און זיכער-פריי — —

כ׳קוק צו אלץ מיט קינאה, קוק צו אלץ מיט גלוסט —
נאָר איך טו א כאפּ זיך: אלץ ארום דאָ — פוסט.

און איך אייל אוועקעט פונעם גאָרן „גליק"
צו מיין יאַטקע-געסל, צו מיין היים צוריק.

און אויפסניי איך זיץ שוין אין קצבים-קלויז,
וויים נאָר פון גמרא, ווייס פון לערנען בלויז;

און אויפסניי איז גוט מיר אין מיין היים — פארגרויט,
ווו אין יעדן קאמער קדושה איז צעבלויט,

ווו פון יעדן ווינקל גאָט עס קוקט אויף מיר,
און איך הער זיין שטים דאָ, שפּיר דאָ זיין באריר — — — —

## דריי לידער וועגן טויט

א

כ׳האָב ווו געליִיענט: פּרץ,
דעם טויט ער האָט געהאַסט;
איז ווילט זיך פרעגן: ווער איז
פארליבט אין אַ-דעם גאַסט,

וואָס קומט און רייסט דיך אָפּעט
פון אלץ און אלעמען,
און אין א גרוב פאַרקאָפּעט,
דו זאָלסט שוין מער ניט זען

די בלאָנדע זון אין הימל,
א גרעזל — גרין — אין פעלד,
אַ חנ׳עוודיקן בלימל —
אין בלוי, אין ראָז, אין העל;

א זאנג אין גאָלד פון זומער,
א בוים אין אָסיען-רויט
(וואָס שטייט אווו פאראומערט
און קלערט פון וועלק און טויט)? — — —

היינט ווו איז ווייסער ווינטער —
אין קאַלטן שלאָף געהילט;
אַ שטעכעדיקער ווינטל
מיט דיין געזיכט „זיך שפּילט״;

מיט טרערן אין די אויגן
(פון קרירהדיקן בראָט)
דו איילסט זיך ווו, געבויגן, —
מיט סקריפּ פון שניי אין טראָט? — — —

און פרילינג-צייט אווו איז,
ווען אלעם איז צעוועקט,
און כל המיני ברואים —
מע פייפט, מע פוילט, מע זעגט?

עס פרייט דיך דאָן דער ניגון
פון לאַרך און ווּיפּורווּיל,
פון אנדערע געפליגל,
וואָס זינגען הויך און שטיל;

דער קלאַנג פון גרויעם שפּערל,
דער זשום פון געלער בין — —
דו ווּעסט זיי דאָך ניט הערן,
ווען ווּעסט אוועק „אהין”!

ווּעסט דאָן בכלל ניט טויגן
צו קיינזאך אויף דער ערד;
ניט נאָר מיט דיינע אויגן,
ניט נאָר מיט דיין געהער;

ווּעסט דאָן ניט קענען לעזן
קיין צייטונג מער, קיין בוך;
ווּעסט מער ניט קענען עסן
קיין ברויט, קיין איי, קיין פרוכט — — —

ווּעסט מער ניט קענען שפירן
דעם דופט פון בעז, פון טוי — —
עס וועט דיך מער ניט רירן
די רייצנדיקסטע פרוי — —

איז ווי־זשע קענסטו ליבן
א גזלן אַט אַזאַ,
וואָס וואַרפט נאָר אין די גריבער
און — ווערט מיט טויט ניט זאַט?

איז האַסטו אים, דעם מערדער
דעם גרעסטן אויף דער ערד,
איז האַסטו שאַרף אים, שווערדיק, —
ווי פרץ און נאָך מער — — —

ב

איך פרעג זיך אָפט: וואָס איז דער פּחד?
מע מוז דאָך שטאַרבן סוף־כל־סוף!
אין אלע וועזנס, אלע זאַכן
איז דאָ אַן אלף און — א תּיו!

עס איז געזעץ — פון אָנהייב סאַמע:
מיר גייען אלע זעלבן וועג:
די ערד אפילו — אונזער מאַמע —
אויך ז י וועט קומען צו איר ברעג.

איז אָבער שווער פאַרלאָזן אלעס,
צעשיידן זיך מיט אלץ אין וועלט:
מיט זון אין הימל — העל און שטראַליק,
מיט שטערן — רויט און גרין און געל:

מיט וואַלד און לאָנקע, פעלד און גאָרטן,
מיט בוים און בלימל, גראָז און זאַנג:
מיט הי און ניט־הי, דאָ און דאָרטן:
מיט יעדן ריח, פאַרב און קלאַנג — —

זיך שיידן מיט דיין היים אויף תּמיד,
מיט יעדער היימיש־נאָנטער זאַך:
מיט ווערק מיט דיינע — פול נשמה
(געכאָוועט זיי דורך טאָג און נאַכט).

זיך אָפּקניפּן פון פריינט פון דיינע,
זיך אָפּקייטלען פון דיינע פיינט:
פון יעדער פּלאָג און יעדן תּענוג,
פון נעכטן, מאָרגן און — פון היינט.

דער טויט, ער וועט דאָך אלץ פאַרלענדן —
דיין קרענק אפילו, עלנט, נויט:
די וואָרן אלע, די לעגענדעס, —
זיי וועלן זיין דאָך ווירקלעך טויט!

איז דיר דאָס אַלץ א שאָד א גרויסער —
א יעדער ווונדער, יעדע ווונד:
סיי רגע׳ם ליכט, סיי יאָרן חושך,
סיי גליק א לעק, סיי בראָך אָן גרונט.

איז קענסטו אַלץ ניט זיך צעשיידן,
איז ווילסטו זיין אַלץ, לעבן אַלץ:
און נעמסט דאָ אָן — אפילו פריידיק —
ניט נאָר דעם צוקער — אויך דעם זאַלץ:

אבי דיין קיום ווייטער ציען —
אַט נאָך א חודש, נאָך א טאָג:
און זאָל ער זיין דאָ, אָ-דער קיום,
אפילו פינצטער, פול געקלאָג — — — —

ג

עס איז ניט גרינג דאָס לעבן,
דאָס שטאַרבן איז נאָך שווערער;
איז וואָלסטו אַלץ געגעבן —
אַבי צו לעבן מערער.

אַבי געניסן ווייטער
פון אַלץ אויף ערד, אין הימל;
פון וואָלקנס און פון ווייטן,
פון בוים און זון און בלימל;

פון פרילינג און פון אָסיען,
פון זומער און פון ווינטער;
פון שנייען, רעגנגאָסן,
פון היצן, קעלטן, ווינטן — — —

עס איז דאָך קורץ דיין דויער,
א קורצער דאָך דיין וועג איז;
איז יעדער טאָג דיר טייער,
איז טייער יעדע רגע;

מיט זיך, מיט פריינט, באקאנטע, —
אין שטאָט, אין דאָרף, אויף לאַנען;
אין הי, אין פרעמדע קאַנטן,
אין באַנען, עראָפּלאַנען — — —

די וועלט איז גרויס אזוי דאָך
און פול מיט שיינקייט, וואונדער;
מיט לענדער — אַלט, פאַר׳סוד׳עט,
מיט לענדער אָפּן-יונגע;

מיט מענטשן אַלערלייע —
אין ארבעט, אין געראַנגל;
פול פּלענער און אידייען,
פול גאַרענישן, דראַנגען — — —

איז ווילסטו פליען, רייזן
און — זען דאָס אַלץ, באַנעמען;
די גאָרע וועלט באַווייזן
צו זען און דורכצונעמען — —

און אויב דו קענסט ניט פאָרן
און מוזסט אין שטוב אַלץ בלייבן
(און שטופּן דיינע יאָרן
אין חלומען און שרייבן);

איז קענסטו כאָטשבי טרוימען
פון אַלע ערדן-ווינקלען;
און אויכעט פון די רוימען
(מיט שטערנדלעך וואָס פינקלען);

צי וועט מען טאַקע גרייכן
די גבולן פון לבנה
און — טיפער נאָך אין הייכן
פון קאַלטן, בלינדן אַנענד?

און וואָס וועט זיין נאָך שפּעטער,
העט-העט, אין ווייטער צוקונפט?
דער מענטש, ער שטייגט דאָך, קלעטערט,
ער רייסט זיך אַלץ — מסוכן — —

איז ווילסטו מיט אים שטייגן,
אַלץ העכער אין די תהומען;
און ניט — אַ טויטער — שווייגן
אין קבר שוין — אויף תמיד — —

איז וואָלסטו וועלן לעבן
צען טויזנט יאָר און — מערער — —
ס׳איז טאַקע שווער דאָס לעבן,
נאָר שטאַרבן איז דאָך שווערער — — —

## זיי שטאַרבן אוים אַלץ מערער

זיי שטאַרבן אוים אַלץ מערער —
דער גאָרער דיכטער-צעך;
זיי לעשן זיך ווי שטערן
אין ענד פון קלאָרע נעכט.

ניטאָ פונלאַנגשוין ליעסין,
יהואש, משה לייב;
אין געלן וועלק פון יעסען
אוועק איז מאַני לייב;

אין פרילינג אין צעגרינטן
האָט רייזען אויסגעצאַנקט;
אין פראָסטיק-ווייסן ווינטער
האָט לאַנדוי „אָפּגעדאַנקט" — —

און — אויכעט איך וועל שטאַרבן.
נאָר וועלן ווילט זיך מיר
ניט אין א פראָסט א האַרבן
פארמאכן לעצטע טיר.

כ'וואָלט וועלן שטארבן זומער,
אין וואַרעמקייט פון יול,
און „וואַרעם", „פריילעך" קומען
אהין, אין לעצטן גבול.

עס איז א טאָג א בלויער —
מיט העלער זון באשיינט;
און העל איז אויך דער טרויער
פון אייגענע, פון פריינט.

וואָס טוען מיך באגלייטן
צום הייליק-ריינעם אָרט
און לאָזן מיך א טויטן
אין בלינדן קבר דאָרט — —

איך ליג אליין אין קבר —
באפרייט פון יעדן יאָך;
נאָך גאַנץ — מיין יעדער אבר
און — קלערן קען איך נאָך.

איז קלער איך — זע זיך ווידער
אין דעם לוויה-זאַל;
באַזעצט, באַשטעלט מיט יידן —
אווו מיין בליק עס פאַלט.

אַן עולם, אַן עין-הרע,
געקומען שיידן זיך;
אין פאָרכטיק-שטומען אָרון
ארויסבאגלייטן מיך.

מיט ערנסטקייט זיי האָרכן
די שבחים וועגן מיר;
ס׳זאָגט איינער צו זיין שכן
(און ווייזט דערביי אויף מיר):

— געווען א גוטער דיכטער,
דער גאָטליב אָטאָ-דער;
זאָל זיין פון איצט אים ליכטיק
די פינצטער-שוואַרצע ערד — — —

און אָט שוין מאכט א „מלא״
דער חזן — מיט געפיל;
און פרוי מיינע — אלמנה —
צעוויינט זיך ווידער — שטיל — — —

דערנאָכדעם, שוין אינדרויסן —
מע פירט מיך דורך דער שטאָט;
די גאַסן האַוועז, רוישן —
מיט אויטאָס, מענטשן-טראָט;

א ווינטל א פאַרשייטער
יאָגט אום — אהער, אהין;
און איך פאָר ווייטער, ווייטער,
צום „פעלד״ — מיט גראָז באַגרינט.

אָט איז שוין דער בית-עולם —
מיט ביימער רונדארום,
מיט צאַרטע פייגל-קולות,
מיט דינעם בין-געזשום.

די גרוב, זי ליגט שוין אָפן —
מיך אויפצונעמען גרייט;
דער סוף פון אלע סופן,
ער קומט צו מיר — אין פרייד — — —

נאָר לאַנג אזוי-אָ קלערן
מע לאָזט מיך ניט אין גרוב:
א קלאפּ עס טוט זיך הערן
אין „טיר״ פון אָ-דער „שטוב״;

א מלאך קומט אריינעט
(היפּש מיד — פון וויטן וועג);
און מיט א פּנים — שאַיניק —
ער — פליט מיט מיר אוועק.

מיר פליען צום גן-עדן
(דאָס קומט דאָך דעם פּאָעט);
מיר פליען לאַנגשויןביידע
נאָך שנעלער פון א דזשעט — — —

נאָר אָט איז שוין דער טויער —
אין קוויטן אויסגעצירט;
און דאָ, אין טאָג אין בלויעם,
עס וואַרטן שוין אויף מיר

פאָעטן א חברותא —
קאָלעגן פון לאַנגאָן
(חברותא, אוי מיתותא —
עס ווערט דאָך ווו דערמאָנט).

נעמט אויף מיך דאָדערט לייוויק
מיט פעסטן דרוק פון האַנט:
— א גאסט אין לאנד פון אייביק!
אין תמיד-זומער-לאַנד!

און סיגאל גיט מיר שלום,
און ראָלניק, לאפין, גראָס,
און ראָזענפעלד — פארחלומט
(אָן בייזקייט, אָן פאַרדראָס),

און אייזלאַנד, און מנחם,
און נאָך — א לאַנגע ריי:
פאָעטן שטאַרקע, שוואכע, —
פון לידער אלערליי — —

זיי קרייזן מיך ארומעט
אין ווייסן אָנגעטאָן,
מיט פנימער — צעזומערט,
מיט הייטערקייט אין טאָן:

— דערצייל, וואָס הערט זיך נייעס, —
אַדאָרט, אויף „פאַלשער" וועלט!
— לוויות בלויז, לוויות, —
אין האַרבסט, אין ווינטער-קעלט,

אין וואַרעמקייט פון זומער,
אין יעדער צייט פון יאָר — —
און אָט בין א י ך געקומען,
איר זעט דאָך — עס איז וואָר! — —

צעשמייכלען זיי זיך אלע
מיט בליקן — ליבע-פול,
און נעמען — זוניק, שטראַליק, —
מיך פירן דורך דעם גבול

פון ליכטיקן גן-עדן
גאַס-איינעט און גאַס-אויס,
און ברענגען מיך צעפריידיקט
אין איין א גרויסן הויז.

זיי זעצן זיך דאָ אויסעט
ארום א לאנגן טיש
(באשטעלט מיט פלעשער, כוסות,
באליגט מיט פלייש, מיט פיש),

און נעמען ווידער פירן
א שמועס — אלט אזוי,
א שמועס וועגן שירה:
איר אינהאַלט, איר געבוי:

וואָס איז אזוינס די דיכטונג
און וואָס — דער תוך פון ליד,
און ווער עס איז א דיכטער,
און ווער ער איז עס ניט — —

איך זיץ מיט זיי אינײנעם,
הער איין זיך אין געשפּרעך
און שפּיר מיט אלע ביינער:
עס איז דאָך גאָרניט שלעכט — — — —

# ווער ווייס, וואָס איז דער זינ׳ען

יעקב גלאַטשטיינען

ווער ווייס, וואָס איז דער זינען
פון לעבן אויף דער וועלט;
ס׳פּרוּווט איינער אים געפינען
אין זאַמלען וואָס מער געלט.

א צווייטער זוכט אין מאַכט אים,
אין פרויען, קאָרטנשפּיל;
א פינפטן טוט זיך דאכטן,
אז עסן איז דער ציל.

א צענטער מיינט, אז טרינקען
דער זין איז פונעם זיין
(און טוט אלץ מער פאַרזינקען
אין טייך פון ביר און וויין).

און איך גלויב, אז דער תּכלית
איז — וואָרט און גראַם און ליד;
און זוך זיי אויף דער רחבות
פון לאַנען — גרין צעבליט;

און זוך זיי אין די וועלדער,
אין טאָלן, אויף די בערג;
אין זומערזון צעהעלטער,
אין ווינטער-ווייסער ערד;

אין פייגלשע געקלאַנגען,
אין זשומען פון א בין;
אין שאָרך פון גראָזן, זאַנגען,
אין פייפן פון א ווינט.

און זוך זיי אויך ארומעט
אין שטעט, אין גאַס-גערויש,
אין מענטשן — „פרייע״, פרומע,
פון ביבליאָטעק, פון קלויז;

פון מסחר און פון פראַצע,
פון פאָרשונג און פון שטרייט;
פון חורבות און פּאַלאַצן,
פון איצט און — אַלטער צייט — — —

איך זוך זיי אַלץ, די לידער, —
ביי טאָג און ביידערנאַכט;
און בין מיט אַלע גלידער
צו יעדער שורה וואַך:

צו יעדן וואָרט אין שורה,
צו יעדן זילב און אות;
מיט פריידיקע יסורים,
אין דיכטערשן צעגאָס

איך טו זיי פיילן, שלייפן
(דורך שעהן — גרינג און — שווער),
ביז ווי א פרוכט א רייפע
א יעדער שיר עס ווערט — — —

אַזוי די טעג פאַרגייען,
אַזוי — די נעכט — אָן שלאָף;
אין שעפערישע ווייען,
אין שירים — אָן א סוף.

א שיר מיין טרוים און וואָר איז,
א שיר פאַר מיר איז — אַלץ;
מיט ליד בין גרוי געוואָרן,
מיט ליד — געוואָרן אַלט — —

— — — — — — — — — — —

נאָר אויך אצינד, ביי שקיעה,
ניט זיכער נאָך איך בין,
אַז אויף דער ערד מיין קיום —
אין ליד עס שטעקט זיין זין — — —

## דו מיט דיינע שורות

דו מיט דיינע שורות:
גרעזל, זאַנג אין פעלד;
ווען אזא געשטורעם
טראָגט זיך דורך דער וועלט.

דו מיט דיינע סטראָפן:
ווינטל, טוי אויף בלום;
ווען אין די אין-סופן
פליט מען שוין ארום.

דו מיט דיינע פערזן:
צווייגל, פויגל-קלאַנג,
ווען אויף אלע ערדן
ברומען באָם און באַן.

ווען עס רוישן כרכן —
אייזן און גראַניט;
בלאַנקעסטו אויף שליאַכן
מיט א חלום-ליד.

ווען עס מאָנען אומות:
פרייהייט, גלייכהייט, ברויט;
שרייבסטו וועגן אומעט,
עלנטקייט און טויט.

ווען אַטאָם עס לויערט
אויפן גאָרן זיין;
זינגסטו: הייכן בלויע,
שטערנדיקער שיין.

אין א צייט א פריער
ניגון דיינער שטעקט,
ווען א ראָזע שקיעה
האָט נאָך וואָס געוועקט.

אין א דור — פאַרפלאָסן —
שטעקסטו מיט דיין טאָן,
ווען דאָס גאָלד פון אָסיען
האָט נאָך וויי-געטאָן.

אין א צייט — פארגאַנגען,
אין א דור — פארווייט:
פול מיט היינע-קלאַנגען,
צאַרטע שעלי-רייד;

פול מיט קיטס און רילקע,
לערמאָנטאָוו און פאָ;
באַרגיש-פרומער שטילקייט,
נאַכט-געהיימער שעה — — —

וועלט, זי לאַכט פון לידער:
טרוים און סוד און גאָט;
ווען אזא יאַריד הערשט —
ווו א קער, א טראָט.

וועלט, זי שפּאָט פון גראמען:
בלום און בין-געזשום;
ווען א גוואלד אזא מין
כוואַליעט רונדאַרום — — — —

# א ליד אין דריי טיילן

פאר ע. ב.

א

אַן מאַן, אַן קינדער, אָרעם, קראַנק,
מיט לייב פארבליטן, קאָפּ פארשנייטן, —
זי שפּינט אלץ פּלענער אין געדאַנק
ווי הילף צו מערן פארן צווייטן.

פאר זיך אליין גאָר קנאַפּ זי דאַרף,
מיט מינדסטן חלק זיך באנוגנט:
דערפאר די וועלט, איר נויט איז שאַרף
און העלפן איר — די העכסטע טוגנט.

איז טוט זי תמיד פאר דער וועלט,
פאר יעדערן אין נויט-געקלעמען:
און גאר איר ווען פרייט זיך, קוועלט,
ווען לייכטער מאַכט זי דעם און יענעם.

ב

פון יונגוויז אַן זי איז אזוי —
וואָלט אַלץ פון זיך אוועקגעגעבן:
אבי צעבלויען יענעמס גרוי,
אבי צעהעלן צווייטנס לעבן.

איר אָרט ביז ביין א יעדנס פּיין,
און גאָר באזונדער — פונעם יידן:
עם דריקן אים אזויפיל פיינט,
זיין טראָט זיין יעדן שטערן, שמידן.

איז קלייבט זי אַלץ — פאר פאָלק, פאר לאַנד
און — גיט אליין אָפּ לעצטן ביסן:
און כאָטש ברייטהארציק איז איר האַנט —
עס פאָדערט מער נאָך איר געוויסן.

ג

וואָס ווייסן מענטשן, ווי זי לעבט
אצינדער, אויף די אלטע יאָרן?
אָן אייגענע, אין נויט פארוועבט,
מיט האַרבער קרענק אין גוף אין גאָרן;

אין קליינעם שטיבל, איינאַליין,
מיט טריבן טראַכטן א באַשווערטע:
איר שטיקט דאָ אָפטמאָל א געוויין,
נאָר קיינער זעט עס, קיינער הערט עס.

און קומט אַמאָל אריינעט ווער,
איז איילט ער זיך: מען איז פארנומען — — —
און ווידער דריקן שטייניק-שווער
די ווענט ארום די שווייגיק-שטומע.

באַניים אליין, זי זיצט און שפּירט:
זי ווערט פון עלנט אויפגעגעסן — — —
— — — — — — — — — — — — —
נאָר אויב די וועלט פארגעסט אין איר —
זי קען די וועלט אלץ ניט פארגעסן — — — —

## קנאת סופרים

וואָס קוקסטו, חבר, אזוי בייז אויף מיר?
(אין בליקן דיינע כ'זע א האַק פאַרהויבן):
געבראַכט איך האָב א בוך א נייעם דיר,
איז ווילסטו מיך — צעזאַמדיקן, צעשטויבן.

א בוך מיט שירים. אויפגעשריבן זיי
(דורך האַרבע יאָרן) ערלעך, איבערגעבן;
זיי אָנגעברויזט מיט עכטן פרייד-און-וויי,
זיי אָנגעגליט מיט אמתדיקן לעבן.

געבראַכט זיי דיר, קאָלעגע, א געשאַנק,
א דעדיקירטע, פריינטלעכע מתנה:
איז קומט דערפאַר מיר אזא „שיינער" דאַנק —
מיט גאַל אין אויג? מיט גיפט אין גאָרן פנים?

דו ביסט פון מיר דאָך עלטער אויף א סך,
און רייכער פיל מיט שאַפונגען, מיט ביכער:
דער נאָמען דיינער קלינגט אויף יעדן שליאַך,
מיט אנערקענונג ביסטו שוין פאַרזיכערט.

און כבוד האָסטו — אין א יעדער שטאָט,
און פריינט א סך, וואָס קומען דיר אנקעגן:
און וואָס א טאָג, אלץ פעסטער ווערט דיין טראָט —
אויף אלע דיינע שאַפערישע וועגן:

פאַרגינסטו מיר ניט מיין באַשיידן וואָרט
(אין נויט און קרענק און עלנט אויסגעפייניקט):
און קוקסט מיך אָן — א טיגער, פול מיט מאָרד,
וואָס גרייט זיך וואַרפן אויפן קרבן זיינעם.

פאַרוואָס, מיין פריינט, אזא מין הייסע ווילד?
פאַרוואָס אזא מין „שרייבערישע קינאה?
א קוק אזא, וואָס גאָר מיין קערפער קילט?
אזא געזיכט — מיט חיה-האָס פאַרכלינעט?

מיין בוך — איך מיין — ער מינערט ניט דיין שם,
און פון מיין זמר ווער איך קנאַפּ נתעשר:
זאָרג ווייטער זיך צוליב א ברויט, א העמד,
זאָרג ווייטער זיך צוליב א לעפל קאַשע.

און פרווו זיך „רעטן" פון די זאָרגן-שלעק
דורך נייע לידער — אויסגעפיינט אין יידיש — — —
נאָר אונזער גאַס איר צורה קערט אוועק
פון לשון אירן און פון זיינע לידער.

דו ווייסט עס, חבר, ווייל אזוי, ווי איך:
די ביכערביידנס (מיינע, דיינע „קינדער"),
אין דיקן, טוכלען שטויב זיי הילן זיך —
פארשליידערטע אין קעלערן אין בלינדע — — — —

## צו . . .

צי טראַכסטו גאָרניט פון אָט יענער שעה,
דער סאַמע לעצטער, ווען דו וועסט זיך שיידן
מיט אַלץ און אַלעם אויף דער ערד אַדאָ
און — גיין אַהין, ווו ס׳דאַרף זיין דער גן-עדן?

צי טראַכסטו גאָרניט, אַז דו וועסט אַהין
קיינזאַך ניט נעמען, חוץ דיין גוף דיין קאַלטן,
וואָס וועט דאָרט ווערן — פּלעווע אינעם ווינט,
אַ רויך אינלופטן, א טוי אין זון צעשטראַלטער?

ווען טראַכסט פון דעם, איז וואָלסטו אפשר דאָן
אביסל בעסער, מענטשישער געוואָרן,
און ניט געקלערט פון זיך נאָר נאָכאַנאַנד,
און ניט געהאַלטן: צווייטער איז א וואָרעם.

ווען טראַכסט פון דעם, איז וואָלסטו דאָן,קען זיין,
געשעצט אביסל אויך דעם צווייטנס לעבן,
און ניט פארשאפט אים ערגערניש און פּיין,
און — עטוואָס מ ע ר פון זיך אים אָפּגעגעבן.

ווען טראַכסט פון דעם, קען זיין, דו וואָלסט אין אים
(ווי אויך אין זיך, ווי אויך אין יעדן וועזן)
דערזען לסוף דעם צלם אלוהים
און — פון דיין בייז געוואָרן דאַן גענעזן.

איז טראַכסטו ניט, איז מיינסטו אַלץ, פארבלענדט:
וועסט אייביק דאָדערט שטאָמיקן און בלומען — — —
נאָר אויך צו ד י ר מוז קומען דאָך די ענד,
נאָר אויך צו ד י ר מוז „יענע״ שעה דאָך קומען————

## דיין קרישל ברויט

בזעת אפיך תאכל לחם,
בראשית, ג, י"ט.

דיין קרישל ברויט, פארדריקט ער ליגט
אין פרעמדער האַנט אין קאַרגער, האַרטער;
א יעדער טאָג א נייער קריג
פאר קארגן קרישל עם דערוואַרט דיך.

א יעדער טאָג אין פיין, אין שאַנד
פאר אים צו שטרייטן קומט דיר אויסעט;
מיט נעגל, ציין פון פרעמדער האַנט
דו רייסט און בייסט אים קוים ארויסעט.

ניט נאָר מיט שוויים פון דיין געזיכט
פון ברויט פון דיינעם טוסט געניסן;
מיט מאַרך פון זיך, מיט בלוט פון זיך
דו צאָלסט פאר יעדן האַרטן קרישל.

## ס׳וואָלט אפשר נאָך

ס׳וואָלט אפשר נאָך געקענט זיין גוט,
אויב ניט אַדאָ, אין ווילדן טומל,
איז ערגעץ אנדערש, ווו בארוט
דיין קורצער דויער וואָלט פארשווומען.

ס׳וואָלט אפשר נאָך געקענט זיין פיין,
אויב ניט אַדאָ, אין איינזאם טריבן,
איז ערגעץ אנדערש, ווו מיט פריינט
דיין זיין דיין שנעלער וואָלט אריבער.

ס׳וואָלט אפשר נאָך געקענט זיין רעכט,
אויב ניט אַדאָ, אין טיפע שנייען,
איז אין א לאַנד, ווו טעג און נעכט
אין ווארעמקייט, אין בלוי פארגייען:

ווו זוניק איז א גאַנצער יאָר,
און פריי דו ביסט פון נויט און זאָרג,
און — לידער קומען דיר אַנקעגן:

פון יעדער זייט, פון יעדן שפּאַן,
פון יעדן בוים, פון יעדן זאַנג,
פון יעדן זעמדל אויף די וועגן — — — —

# דער פּאָעט

מלך ראַוויטשן —
צו זיין יובל השבעים.

די וועלט איז פול מיט חלום,
ווי זוים פון ים — מיט זאַמד,
ווי קאַלטער הימל-חלל —
מיט שטערנשן געפלאַם.

די וועלט איז פול מיט שירה,
ווי זומער-פליין — מיט גראָז,
ווי אָסיען-וואַלד — קאַלירִיק —
מיט געל און רויט און ראָז.

די וועלט איז פול מיט תאווה —
נאָך לייב און גאָלד און מאַכט
(און מענטש איז אָפט א טייוול
א פינצטערער, ווי נאַכט).

די וועלט איז פול מיט שינאה,
ווי חיה — מיט פארצוק,
ווי פעדים-נעץ פון שפינען —
מיט טויט פאר פליג און מוק.

די וועלט איז פול מיט אומרעכט,
מיט הערשער, קנעכט אין שפאַן:
מיט נויט אין יעדער אומה,
מיט פיין אין יעדן לאנד.

די וועלט איז פול מיט שטרייטן —
פון סאמע אָנהייב אָן:
אצינד, אין אלע צייטן, —
נאָר מאָרד און בלוט-געשטראָם.

די וועלט מיט גלויבן פול איז —
אין ליכטיקערער צייט:
מיט גארונג נאָך גאולה,
נאָך ענד פון יעדן שטרייט:

נאָך ברודערשאפט און גלייכהייט,
נאָך מענטשלעכקייט און רעכט;
ניט קבצן מער, ניט רייכער,
ניט מושל מער, ניט קנעכט — —

עס ווייס עס אליין דער דיכטער,
עס פילט עס דער פּאָעט:
און מיט א מוח — ניכטער,
מיט האַרצן — פול געבעט,

ער וועבט פון דעם פון אלעם
זיין ציטערדיקע ליד
(אין שורות — דורכגעשטראליקט,
אין ווערטער — דורכגעגליט).

ער נעמט פון גאַרן לעבן,
ער שעפּט פון אומעטום:
א יעדער ערלעך שטרעבן
א פרייד אין אים צעזשומט;

א יעדנס נויט און מאַטער
(ווען צווייטער זויפט און פרעסט)
זיין זעל און זין צעפלאַטערט
מיט צאָרן און פּראָטעסט.

אים אַרט אַ יעדנס ווייטיק
(פאַרשאַפּט פון צווייטנס בייז):
אין צפון אין פאַרשנייטן,
אין דרום — זוניק־היים.

וואָס טוט זיך דאָרט, אין שפּאַניע?
אין כינע? אין פּערו?
אַ פויגל ווו — געראַניעט —
עס גיט אים ניט קיין רו.

ער שפּירט דעם צער דעם שווערן
פון אַלצדינג אין באַשאַף:
דעם טרויער פון ניט־ווערן —
פון מענטש און הונט און אַף — — —

אַ ווערעמל אפילו,
אַ בלעטל — אָפּגעבליט,
אים רעגן אָן צו תּפילה,
צעוועקן אין אים ליד — —

און ס'מערן זיך די לידער
(פון צאָרן, טרויער, פרייד),
ביז ס'ווערט פון זיי אַ סידור —
פול הייליק־ריינע רייד:

אַ סידור — פול געבעטן,
וואָס אָטעמען מיט גאָט — —
— — — — — — — —
ס'קען יעדער אין זיי בעטן —
ווער נאָר אַ האַרץ עס האָט — — — —

נאָוועמבער, 1963

## איך וועל די טעג

איך וועל די טעג, די יאָרן מיינע אלטע
דערשלעפּן שוין, דערשטופּן ווי עס איז:
זיי וועלן — גלויב איך — לאַנג מיך דאָ ניט האַלטן:
עס פאָלגן אָפּטמאָל ווייניק שוין די פיס;

עס ווערט שוין אָפּטמאָל נאכטיק פאר די אויגן,
א יעדער אבר נויגט זיך שוין צו נאַכט;
דאָס האַרץ נאָר מיינס, עס וויל זיך אַלץ ניט בויגן,
דאָס האַרץ נאָר איז אַלץ, ווי געוועזן, וואַך.

עס גאַרט נאָך אַלץ, עס ציט זיך, ווי געוועזן,
נאָך יעדן זונשטראַל אינעם בלויעם רוים;
נאָך יעדן דינעם, צערטלעך-שוואַכן גרעזל,
נאָך יעדן גראָבן, גיבורדיקן בוים.

מיך ציען אלץ נאָך פעלדער, לאַנען, טאָלן,
מיך ציען אלץ נאָך וועלדער, טייכן, בערג:
איך בין אלץ פול מיט חידוש און מיט חלום,
איך בין מיט פרייד און ליבשאַפט אלץ באַשווערט.

כ׳וואָלט יעדע צווייג ארומגענומען פריידיק
און — צוגעדריקט מיט ליבע צו מיין ברוסט;
כ׳וואָלט יעדן בלאַט, אין גרין, אין געל געקליידעט,
צום מויל גענומען און — עס אויסגעקושט — —

און אויך פאר מענטש, וואָס איז אָפט בייז — א טיגער,
צעעפנט וואָלט איך, ליבנדיק, מיין זעל:
וואָס דאַרפן מיר זיך, ברודער מיינער, קריגן?
מיר זענען דאָך נאָר געסט אויף אָ-דער וועלט!

## די טעג, ווי גיך זיי יאָגן

די טעג, ווי גיך זיי יאָגן,
פארשווינדן אזוי שנעל:
דו טוסט זיך מיט זיי טראָגן
אהין, צום לעצטן שוועל.

די נעכט, אויך זיי פארגייען,
כאָטש ניט אזוי געשווינד:
ליגסט אָפטמאָל וואַך, אין ווייען
און — קלערסט פון דעם „אהין״.

דו קלערסט: ניטאָ שוין קיינער
פון אייגןביין און בלוט:
זיי ליגן „דאָרט״, ביז איינעם,
אין גריבער ווו, — „באַרוט״.

און פריינט כמעט ניטאָ שוין —
פון נאָענט און פון ווייט:
ס׳האָט אלע זיי פאַרקאָסיעט
די שניטערין — די צייט.

און דו ביסט גרוי און אלט שוין,
ביים אויסלאָז פון דיין וועג:
און טריב זענען און קאַלט שוין
די נעכט דיינע, די טעג.

און וואָס איז דיר געבליבן
אצינדער, ביי דיין ראנד? —
דיין פרוים א בליק א ליבער,
א צערטל פון איר האַנט:

א וואָרט פון א באַקאַנטן,
וואָס טרעפסט אַמאָל נאָך אָן:
פון הי, פון פרעמדע קאַנטן: —
פארהאוועט אלץ, פארטאָן:

א בארג אווו א גרינער,
א בוים אווו — אליין;
א ליד, וואָס קענסט נאָך שפּינען
אין פעלד ווו, אויף א שטיין;

א קינדערשע דערמאנונג —
פול זון און הימלבלוי;
א חברישער פּנים
פון יאָרן — ווייט אזוי;

און אנדערע זכרונות
(פון לענדער און פון שטעט),
וואָס קומען נאָך באקרוינען
(ביינאַכט, אין שעהן — שפּעט)

דיין וואַכזיין און דיין קלערן,
אז ביסט שוין אזוי מיד
און יעדער טאָג קען ווערן
די ענדע פון „יאַריד" — —

די טעג, ווי גיך זיי יאָגן,
פאַרשווינדן אזוי שנעל;
די נעכט, אויך זיי זיך טראָגן, —
אהין, צום לעצטן שוועל — — —

## די טעג אַלץ קירצער ווערן

די טעג אלץ קירצער ווערן,
די נעכט זיך ציען אוים:
אָ, קוק נאָר, וויפל שטערן
עס זענען שוין ארוים

אין טיפן רוים אין בלויעם, —
אווו א קער, א ווענד:
זיי שימערן, ווי טויען
אין זוניקן געבלענד

און, סודותדיקע, פּינטלען
(אין גאָלד, אין רויט, אין גרין)
אויף אונז אראָפּ, פאַרשפּינטע
אין נאַכטישן געשפין — —

די טעג אלץ קירצער ווערן —
אויך מיינע, דיינע טעג:
און לאַנגע נעכט זיך מערן
אצינד אויף אונזער וועג.

אָט איז פון זיי דאָ איינע —
אַן אָנהייב-אָסיען-נאַכט:
אויף אָפּגעהוילטע פליינען,
אויף זייטיק-שטילן שליאַך.

מיר שפּאַנען דאָ ארומעט
מיט אלטע, מידע טריט,
פארקוקט אין הייך אין פרומער, —
מיט שטערנדלעך צעבליט.

דו קוקסט און זאָגסט: פאַרפאַלן,
אלץ ענדיקט זיך שוין באַלד:
און אויגן דיינע שטראַלן
מיט קלאָרן טרערן-זאַלץ.

איך גיב עס צו, מיין ליבע,
נאָר וואָס-זשע קען מען טאָן?
די עלטער גרוי איז, טריב איז, —
פון סאַמע אָנהייב אָן;

און ס׳העלפט ניט קיין באדויער,
און ס׳העלפט ניט אויך קיין טרער:
טאָ טרייב פון זיך דעם טרויער,
די דריקונג — אזוי שווער.

דו האָסט דאָך, טרייע מיינע,
אויך גוטע טעג געהאַט:
מיט פרילינג זיך געתענוגט,
מיט ליבע-שפיל — צו-זאַט.

פון זומער פיל געטרונקען,
פון זון און בוים און קווייט:
און צוקונפט האָט געווונקען,
און האָפן האָט באגלייט — —

טאָ דאַנק פאר טעג פאר יענע,
פאַר יעדער גוטער שעה:
און בעסער קוק, ווי שענער
די נאַכט אַלץ ווערט אַדאָ:

אין ראָד פון וועלדער — שווייגיק,
אין רינג פון לאַנען — שטיל:
מיט פויגל-שלאָף אויף צווייגן,
מיט וואַכזיין פון דער גריל,

וואָס הערט ניט אויפעט פיילן
(מיט אַזאַ הייסן גיר)
אויף אלע בלויע מיילן —
מיט שטערנגאָלד באַצירט — — — —

## אינדיאַנער זומער

אויף ביימער-קעפּ אין גאָלד, אין רויט,
מיט געל צעבליט, מיט ראָז צעבלומיקט,
שרייבט אונטער איצט אַן אורטייל: טויט —
דער אינדיאַנער שטרענגער זומער.

אָ, ליכטיקע אָקטאָבער-טעג,
באַדאַכט מיט רוימען זויבער-בלויע!
אויף בארג און טאָל, אויף פּליין און וועג
איר שפּרייט אַצינדער אזא טרויער.

איך שפּאַן ארום און זאַפּ אים איין
פון יעדן בלעטל דאַרביק-שטילן:
ער ציטערט אין מיין האַרץ אריין
מיט יעדן קלאַנגל פון די גרילן.

עס לעשט זיך אַלעם רונדאַרום —
אין היץ אין הויכער, קראַנק, מסוכן — —
אַן אָנגעשפּיצטער שפּאַן איך אום
און — טו אַלץ האָרכן, טו אַלץ קוקן.

די גאָרע ערד — איך זע — איז קראַנק,
די זון אין הימל — אזא בלייכע:
אַט שטייט א דעמב אין לעצטן צאַנק
און — ווידוי זאָגט מיט לעצטע כוחות.

אַט האַלט ביים ענד אַן אַלטער קליאָן,
א טאָג, צי צוויי, — ער שטייט א טויטער
(און גאָר איינגיכן — אָנגעטאָן
אין שניי-תכריכים — וויים און לויטער) — —

די גאָרע ערד: און אויכעט איך
דערשפּיר אלץ מער די ענד-געקלעמען — —
— — — — — — — — — — — —
א ווינטל גלעט מיר דאָס געזיכט:
— עס וועט, מיין פריינט, שוין לאַנג ניט נעמען — — —

## האַרבסטיקע שפּעט

עס האָט שוין גערעגנט
און רעגענען וועט;
אויף פליינען, אויף וועגן
איז האַרבסטיקע שפּעט.

א דרויסן א קאַלטער,
אין גרויקייט פארשפּינט,
מיט בלעטער פארדאַרטע —
געיאָגט פון א ווינט.

מיט ביימער מיט הוילע
אויף דאַרביקן גראָז;
מיט קראָעשע קולות,
וואָס זאָגן אָן פראָסט — — —

דו בלאָנקעסט ארומעט
אליין דאָ אין פעלד
און ס׳קלעמט דיך אן אומעט:
ווי וויסט איז די וועלט!

אין וואָלקנס — דער הימל
און נאָס איז דער גרונט;
מע זעט ניט קיין בלימל
צעשמייכלט אין זון;

ניטאָ מער קיין זאַנגל —
געוויקסיק און שלאַנק;
די פייגלשע קלאַנגען —
פארשטומטע פונלאַנג;

די גרילן אפילו,
מען הערט זיי ניט מער;
זיי רוען שוין, שטילע,
פארשטעקט אין דער ערד — — —

איז גייסטו פארטרויערט
און — בענקען דו נעמסט
נאָך פרילינג נאָך בלויעם
אין צוויטיקן העמד;

נאָך סיוון-פארנאַכטן,
נאָך מאָרגנס אין יון;
אויף לאנען, אויף שליאַכן, —
באגאָלדיקט מיט זון.

ווי גוט איז געווען דאן
ארומגיין אַדאָ
אין שטראַליקער בלענדונג
א שעה נאָך א שעה;

זיך פרייען מיט הימלען
אין זויבערן בלוי,
מיט דופטיקע בלימלעך —
באפינקלט מיט טוי;

מיט בעז פיאָלעטן,
מיט גראָזישן גרין;
מיט זאַנגען, מיט בלעטער, —
געגלעט פון א ווינט;

מיט פרילינג מיט גאָרן,
פול חלום און דראַנג,
פול פייגלשע כאָרן,
פול בינען-געזאַנג — —

אזוי אויף דער עלטער,
געבויגן און מיד,
**ווען ס׳ווערט דיר אלץ קעלטער**
אין יעטווידן גליד;

שוין שוואַך איז די ראיה,
די שמיעה שוין שוואַך:
און קלערסט אָפּט פון שקיעה,
און טראַכסט אָפּט פון נאַכט: —

פארבענקט זיך דיר דעמאָלט
נאָך קינדערשער צייט —
מיט חידוש צעפלעמלט,
מיט וואונדער צעשיינט.

די וועלט דאַן די גאָרע
געוועזן איז יונג:
א העלע, א קלאָרע,
מיט טאַנץ און מיט שפרונג:

מיט זאַרגלאָזן שטיפן,
צעקוועלט און צעלאַכט:
מיט גאַרונג מיט טיפער
נאָך יעטווידן שליאַך — —

ס׳האָט אַלעם גערופן,
געצויגן, גערעגט:
דאָס האַרץ אין דיין גופל
אלץ מערער צעוועקט:

דאָס גאַנצענע לעבן —
געשטאַנען פאר דיר,
די האַנט דיר געגעבן:
קום, יינגל, מיט מיר!

און האָסט זיך געצויגן
אין וועלט — אזוי גרוים
מיט חלום אין אויגן —
פאָרוים און פאָרוים — — — —

## אַ האַרבסט אַ נייער

אַ האַרבסט אַ נייער (אפשר לעצטער)
אויף ביימער-קרוינען ראָזט און געלט;
איך קוק פאַרבענקט אַדורכן פענצטער
צום בלויעם טאָג — מיט זון באַהעלט.

איך ליג אין בעט אַ צוגעקילטער
(מיט הויכער היץ אַדורכגעקוילט);
נאָר ס׳ציט אינדרויסן — צו דער שטילקייט
פון טאָל און לאַן — צעוויקלט הויל.

האָב ליב פון יאָר די צייט אָ-די-אָ,
ווען בלעטער גרינע וועלקן אָפּ
(און בליען אויף, ווי רויטע שקיעות,
און — פאַלן צו דער ערד אַראָפּ).

בין היפּש אַלטמאָדיש (ווי מיין ליד איז);
מיר פאַסן קנאַפּ זיך צו דעם היינט,
וואָס רוישט כסדר — שווער, יאַרידיש,
און פאַר חלומות האָט קיין צייט.

איז מיידן מיר אים ביידע אויסעט,
איז לויפן מיר פון שטאָט-געברום
צום האַרבסטיק-שטילן פעלדער-דרויסן,
צו אָסיען-ביימער — ליכטיק-פרום.

דאָרט לעב איך — מיט מיין זמר — אויפּעט,
דאָרט זינגט מיין זעל אויף טויאיק-פריש;
דאָרט שעפּ איך גינגאָלד פולע הויפנס
פון בלעטער דאַרע ביי די פיס.

דאָרט פריי איך זיך מיט ווינט מיט יעדן,
וואָס ווינט מיר שטיקער מחזור אויס,
און שפיגל זיך אין שפינוועב-פעדים,
וואָס בלאָנקען אום פעלד-איין, פעלד-אויס.

דאָרט קוויק איך זיך מיט גרילן-ניגון,
וואָס קוועלט ארום מיר אזוי העל
(און טוט מיין מידע האַרץ פאַרוויגן
אין יעדן וואַלד, אויף יעדן פעלד) — —

נאָר היינט איך ליג אין בעט א קראַנקער
(אין ענגער שטאָט, אין קלעם פון ווענט);
און קען נאָר זען אין די געדאַנקען
א באַרג, א וואלד אין אָסיען-ברען — —

א האַרבסט א נייער (אפשר לעצטער)
אויף ביימער-קרוינען ראָזט און געלט;
איך קוק פאַרבענקט אדורכן פענצטער
צום בלויעם טאָג — מיט זון באַהעלט.

## וואָס דער ווינט האָט מיר גע׳עצה׳ט

איך בין ארוים אין וועג,
עס איז געוועזן אָסיען:
אויף גאַטס באַראָט אוועק
מיט פעלדער — אָפגעקאָסיעט.

ס׳איז העל געווען ארום,
די הייך — א זויבער-בלויע:
א תישרידיקע זון
האָט קיל אראָפגעטרויערט.

אין נאַקן האָט געווייט
א צפון-ווינט א קאַלטער,
צום נאָנטן וואלד באגלייט
די טריט מיינע די אלטע.

איך בין אין וואַלד אריין,
די ביימער — באַלדשוין נאקעט,
און ערד, אין זון-געשיין,
פול בלעטער — אָפגעפלאַקערט.

געזעצט זיך אויף א שטיין —
מיט מאַכן סיוו באצויגן:
געזעסן לאַנג, אליין,
געקוקט מיט מידע אויגן,

געזען: דער צפון-ווינט,
ער וויגט זיך אויף א גרעזל,
און אָט ער נעמט געשווינד
זיך יאָגן נאָך א העזל:

און פלוצים טוט ער זיך
צו מיר א קער, א הוידע,
פארדריקט אין אָרעמס גיך
און — נעמט אין אויער סוד׳ען:

ווי ס׳קלייבט אצינד די ערד
אין וואַלד אַדאָ די בלעטער,
און פויער אויף זיין פעלד
די לעצטע זאַנגען — זעטיק;

און גערטנער אויף זיין בייט
דעם לעצטן גרינס דעם פרישן;
און בין ווו אויף אַ קווייט
דעם לעצטן נעקטאַר זיסן;

טו אויך אזוי, פּאָעט,
צונויפנעם דיין פארמעגן,
צעזייט אין לענדער, שטעט,
אויף יאַמען, פליינען, וועגן

דורך יאָרן אזוי פיל
אין אומרו און אין וואנדער:
א יעטווידן געפיל —
פארוואנדלט אין א קלאנגל;

א יעטווידן געדאַנק —
אין זילבן אָנגעקליידעט:
א יעטווידן געזאַנג —
פון אומעטן, פון פריידן;

פון אומגליק און פון גליק,
פון פריינטשאפט און פון עלנט,
פון פרידן און פון קריג,
פון אָפּשטויס און געפּעלן;

פון ווילזיין און פון פּיין,
פון יאוש און פון שטרעבן,
פון חושך און פון שיין,
פון אַלעם אין דיין לעבן — —

ס׳איז איצטער העכסטע צייט
פאַר אויפזאַמל, פאַר כינוס;
צונויפנעם יעדן שטרייט,
א יעדע ליבע, שינאה;

א יעדע בלינדע וואָר,
א יעדן חלום — ליכטיק;
דאָס אַלעס, וואָס דיין וואָרט
פאַרוואַנדלט האָט אין דיכטונג.

א לעצטן חשבון מאַך,
צי אונטער לעצטע שורה,
כל-זמן ס׳איז נאָך ניט נאַכט,
כל-זמן ס׳איז נאָך פאַר קבורה — — — —
— — — — — — — — — — — — —

איך בין געזעסן אַליין,
געהערט, וואָס ווינט עס עצה׳ט — — — —
— — — — — — — — — — — — —
די זון האָט קיל געשטראַלט,
געגלעט מיין קאָפּ, מיין פּלייצע — — — —

## סיום־ליד

ס׳וויל יעדערער א שפור נאָך זיך דאָ לאָזן,
א נאָמען — גוט, א טאָוול אויף א וואנט,
א פאָטאָ כאָטש — „גענומען" בחיפזון, —
ער זאָל דער וועלט ניט בלייבן אומבאקאנט.

עס וויל ניט קיינער, ווי א רויך פארשווינדן,
פארלאָרן ווערן, ווי א שטויבל ווו,
איז גיט ער צדקה, ברענגט ער אויפעט קינדער, —
א זכר זיין אים — „דאָרטן", אין זיין „רו".

און איינער פרווט דאָ „בלייבן" דורך פארברעכן,
דורך מאָרד און שענדונג ווערן „וועלט-באַרימט",
דורך הייליקייטן אלערליי פארשוועכן, —
אבי די צוקונפט ריידן זאָל פון אים.

און — אויכעט מיר עס ווילט זיך „אייביק לעבן",
עס זאָל די וועלט געדענקען אלץ מיין שם;
נאָר כ׳האָב קיין געלט אויף צדקה צו צעגעבן —
איך גופא לעב אין נויטן איינגעקלעמט.

און אויך קיין קינד איך האָב ניט פאר א זכר:
איך בין דער לעצטער פונעם גאָטליב-שטאָם;
און ווען די האַנט פון ניט-זיין וועט מיך גרייכן,
וועט גאָר מיין גזע זיין שוין אויסגעשטאָמט.

און טויטן וועמען כדי צו „לעבן תמיד" —
בין איך א ייד און — ס׳עקלט מיך פון בלוט;
און ס׳גרויליקט מיך פון גזלן-הענט פון טמא,
און כ׳ציטער אויפעט פון א האַק, א קנוט — — —

נאָר „בלייבן" ווילט זיך — טו איך שרייבן לידער
(און קלער דערביי: א יעדע ליד — מיין קינד);
הגם איך ספק, צי די מאַמע־יידיש
א קיום האָט אין אונזער וועלט אצינד — —

דאָך ווילט זיך האָפן: ווען איך וועל שוין שטומען
מיט קאַלטער ערד מיט קברשער באַדעקט,
וועט מיין געזאַנג נאָך האָבן דאָ א תקומה,
וועט מען געדענקען: כ'האָב אַדאָ געלעבט — — —

# צווייטער טייל:

## וועגן מחבר

(לויטן אלף־בית)

שרה אייזן

# נ. י. גאָטליבס לידער

(פראַגמענטן פון אַ לענגערער אַרבעט)

אין איינעם אַ זוניקן שבת פרי עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין גאָטליב, נח יצחק גאָטליב, אַזש פון קאָוונע, וואָס רייד איך — פון מאָנטרעאָל.

אָבער עס איז אַלצאיינס. מאָנטרעאָל איז בלויז אויפן פּאַספּאָרט. אַזוי זאָגט ער מיר בשעת איך האַלט נאָך אין אַרויסוויקלען דאָס בוך זיינס פונעם פּעקל צייטונגען און זשורנאַלן, פריש פון דער פּאָסט.

נאָך שטייענדיק אין טיר מיש איך די בלעטער האַסטיק־האַסטיק, להוט צו וויסן, וואָס אַזוינס האָט נח יצחק צו זאָגן נאָך די אַלע יאָרן אַוועקגיין פון קאָוונע אין דעם ווייטן פרעמדן לאַנד. פון בוך זע איך באַלד, אַז גאָטליב איז געבליבן דער זעלבער: ווייך סענטימענטאַל און, דער עיקר, מענטשלעך. פּונקט אַזאַ ווי איך האָב אים געקענט דאָ, ווען ער האָט געלעבט אין גרויסן צווייי־שטאָקיקן הויז, אינעם קרומען געסל אויף דער קאָוונער אַלטשטאָט.

אַט שפּאַן איך ווידער אויף דער שמאָלער לאָווע, וואָס פירט פאַרביי דעם קאַטוילישן קלויסטער מיטן הילצערנעם טויער אין דער מויערוואַנט. הינטערן האַלב־אָפענעם טויער גריסן דיך אַלטע דעמבעס און ווייכע גראָזן. איז זייער גוט צו זיצן דאָרט און צו שרייבן. איך אַליין ווייס פון דער באַ־העלטעניש און האַלט עס בסוד פון אַלעמען. שפּעטער טראָג איך אונטער דאָס אָנגעשריבענע צו דער תמיד שמייכלענדיקער גוטער לאה'ן, פרוי פון שרייבער ישראל קאַפּלאַן, וואָס האָבן געלעבט אין זייער ציכטיק שטיבל קעגנאיבער נח יצחק גאָטליב.

דאָס באַגעגענען גאָטליבן אין זיין לאַנד זיין „לידערשער" איז פאַר מיר געווען אַ פריידיקער סיורפּריז. וואָרעם לעצטנס, לייענענדיק זיינע קורצע סקיצן, בילדלעך, דערציילונגען אויף די שפּאַלטן פון דער היגער יידישער צייטונג, האָב איך זיך במחשבה ביי אים געבעטן: ווו זיינען דיינע לידער, גאָטליב? דיינע צאַרטע בחורישע לידער וועגן „ברוינע אויגן און בערגלדיקע גלידער", פון די ערשטע ביכער — „בלויע גנאָד" און „גאַנג"? זינט דעם דאָזיקן „גאַנג" — זע איך — איז גאָטליב גאַנץ ווייט אַוועק — קרוב צו אַ מנין ביכער.

# נ. י. גאָטליב און „מיר אַליין"

נח יצחק גאָטליב איז געווען אַ פריינט צו יעדן פון אונזער פּלעיאַדע „מיר אַליינקעס". אַזוי האָט זיך גערופן אַ פאַרבאַנד פון יונגע שרייבער אין ליטע: „מיר אַליין". אַזוי אויך דער נאָמען פון אונזער פאַרלאַג. אין די יאָרן 38־30. אַליין נאָך יונג, איז ער שוין געשטאַנען בראש פון דער גרופּע דיכטער.

ווו נאָר אַ „געטלעכער פונק", אָדער אַ סימן דערפון, האָט שוין גאָטליב זיך באַמיט עס צו צעבלאָזן, און געפונען אַן אָרט, אַ בכבודיקס, צווישן אייגענע, פאַרן נייעם. איך אויך בין טאַקע געווען איינער פון די „פונקען". וואָס נח יצחק האָט אַנדעקט אויף איינער פון זיינע העברעאישע שליחות איבער ליטע. „מיידעלע, — זאָגט ער — ווילסט זיך דרוקן, גיב אַהער דאָס ליד". און טאַקע זע! אָפּגעדרוקט און שוין!

זינט דאַן זענען פיל וואָסערן פאַרפלאָסן. פון דער גרופּע „מיר אַליין", וועמענס פאַטער עס איז געווען נתן גרינבלאַט (גורן) ע"ה, זענען געבליבן ווייניק. אַ טייל — פאַרשניטן געוואָרן פון דער היטלער־שווערד און די איבעריקע — צעזייט און צעשפּרייט.

אָבער דאַן אין דער פריער יוגנט אונזערער, איז דער נאָמען „מיר אַליין" געווען בלויז פּרעטענזיע, אַנשטעל, פון ווילטאַק וועגן. וואָרעם מיר זענען ווייט ניט געווען אַליין. ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן, האָבן אַרויסגעשפּראָצט די יונגע שרייבער און דיכטער אין ליטע. אין די יאָרן 38־30 אין ליטע האָבן מיר שוין געהאַט אַ פיינעם „קראַפּ" פון יונגע טאַלאַנטן, אין יידיש און העברעאיש. צווישן די העברעאישע האָט זיך אויסגעצייכנט די שרייבערין און דיכטערין לאה גאָלדבערג, איצט גוט באַקאַנט אין ישראל. (דוד פּראַם, וואָס געהערט צו אַן עלטערע גרופּע, געפינט זיך אין דרום אַפריקע). געווען יהושע לאַצמאַן, אַ דיכטער־זוכער פון נייע סטילן, אליעזר היימאַן, אָריגינעלער דערציילער פון דאָרף און לאה גרינשטיין מיט מער לידער אין האַרץ ווי אונטער דער פּען. זי האָט געשריבן קורצע אינדיווידועלע לירישע לידער און געשפּרייט ווי אַ גוטע שוועסטער אירע וואָרעמע פליגל איבער דעם גאַנצן געזינדל.

ביי די פּראָזאַאיקער איז געשטאַנען בראש און געווען דער פּוסק אחרון דער באַגאַבטער ישראל קאַפּלאַן, וואָס האָט אַחוץ אַלע טעכנישע אַרבעטן און אָרגאַניזאַציע־זאָרגן געטראָגן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס ניט נאָר דעם פאַרלאַג „מיר אַליין" נאָר איז אויך געשטאַנען ווי אַ זייל נעבן יעדן איינעם. אַלעמאָל אַ גוטער ברודער, מיט אַ ווערטל און אַ וויץ. שפּעטער, נאָכן דורכמאַכן אַלע גיהנומס: געטאָ, קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָבן מיר ווידער געהערט פון אים, וועגן זיין דערציערישער אַרבעט צווישן דער שארית הפליטה, ווו ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „פון לעצטן חורבן" אין מינכען, דייטשלאַנד.

צווישן די דיכטער אין יענער תקופה אין ליטע האָבן זיך אַרויסגעהויבן די ברידער גאָטליב — נח יצחק און זיין יינגערער ברודער יעקב, וואָס איז געשטאָרבן אין ראַטנרוסלאַנד. יעקב גאָטליב האָט אין פּרוכטבאַרקייט און פאַרנעם איבערגעשטיגן אונז אַלע, אונז געלאָזט הינטער זיך, פאַרויסגייענדיק, דינאַמיש, פּונקט ווי ער זאָל געווען וויסן, אַז די צייט איז קורץ . . . ניט אַזוי נח יצחק, דער שטילער, בנעימותדיקער דיכטער, דער גוטער חבר, וואָס האָט געהאַט צייט פאַר אַלץ, פאַר אַלעמען און פאַר שרייבן לידער אויך.

און אַט שטיי איך איצט אַזוי מיטן צעעפנטן בוך אין דער האַנט, מיט די שורות, וואָס ציען זיך, ווי שוואַרצע רעלסן און פירן מיך צוריק צום אימה־

דיקן האַלב־פאַרגעסענעם ליטע־לאַנד, אַז וועלכן עס איז אַזוי שווער צו פאַרגעסן און נאָך שווערער זיך צו דערמאַנען, און בילדער טויכן אויף פון די לידער ארויס, און איך בין צוריק אין דער קאַוונער אַלטשטאָט, ווו מע זעט די ווילי־ע — „באַזוימט מיט זאַמדן פון סלאַבאַדקער ברעג, אין זומערדיקע זויבער־בלויע פריען, אין אַסיענדיקע טונקל־טריבע טעג״. דאָרט האָט זיין לעבן אָנגעהויבן נ. י. גאָט־ליב, געשריבן זיינע ערשטע לידער־ביכער — „בלויע גנאָד״ און „גאַנג״.

## ביאָגראַפיע אין ליד

איינגנטלעך וואָלט זיין אַן איבעריקע אַרבעט פאַר גאָטליבס א ביאָגראַפ צו זוכן מאַטעריאַל ערגעץ אַנדערש, ווי טאָקע אין דאָזיקן בוך „מיין לאַנד מיין לידערשע״. דאָ האָט איר פּאַרטיק זיין לעבנס־באַשרייבונג פון א׳ ביז ת׳. איר זעט אים ממש וואַקסן מיט יעדן בינטל פרישע לידער, וואָס איר לאָזט הינטער זיך. דעם אָרעם־בחור׳ל, דעם עקסטערן, דעם סטודענט און פּריוואַטן לערער, וואָס שטאַמט פון א חסידיש־פּאַר׳דבקה׳ט הויז. ער גייט דורך שבעה מדורי גיהנום בשעתן ערשטן וועלטקריג און נאָכדעם. שטופּט זיך דורך א פּאַר־נעפּלטער צוקונפט, מאַכט דורך כל המיני גילגולים אויפן וועג פון ישיבה צום אוניווערסיטעט. ווי פריער געזאָגט, האָט גאָטליב אָוועקגעשפּאַנט אין שטח אַזוי ווייט, אָבער אין מהות איז ער געבליבן דער זעלבער — פּונקט ווי זיין וואַלד.

קאַנאַדער וואַלד גיט אָפּ די זעלבע ריחות און בילדער ווי די וועלדער אין ליטע. אויך דאָרט הנדלט זיך א פּאַזעמקע, אויך דאָרט הויבן די סאָסנעס די שלאַנקע קעפּ צום הימל, אויך דאָרט בלאָנדזשעט ער אויף שטעגן און וועגן און פאַלט אַריין אין התפּעלות פון אַלץ, וואָס וואַקסט און באַוועגט זיך.

ער דערמאָנט א סך אַן קולבאַקן, און דאָך איז ער ניט באַאיינפלוסט פון אים. דאָס זעט מען לויטן סטיל און לויט זייער באַזונדערער וועלט־אַנשוי־אונג. ביידע זענען געקומען צום וואַלד, אָבער ניט מיט דער זעלבער כוונה. קולבאַק איז געקומען אויף א שפּאַציר, אויף א ווייל־ע, א באַאָבאַכטער, א דורכ־גייער. גאָטליב איז דער אמתער תושב פון וואַלד. ער האָט זיך אומגעקערט נאָך א לאַנגן ווינטער צוריק אַהיים און — אים גלוסט זיך ווערן גאָר א תושב פונעם וואַלד:

און אפשר וועט מיר אַזוי לייכט אין וואַלד דאָ,
ווייל ס׳איז מיר ווערגיק־ענג אין שרייענדיקער שטאָט;
און פון די רייד פון מענטש די העפלעך־פאַלשע
איז ליבער מיר די שטיל פון וועלדערישן גאָט?

## סאָציאַלע מאָטיוון

שטאַרק אויסגעוואַקסן איז גאָטליב אין זיינע סאָציאַלע מאָטיוון. זיין ווייטאָק, דער גשמיותדיקער ווי דער רוחניותדיקער, איז א יידישער און א סובּ־יעקטיווער. און אַזאַ שלמותדיקע איז זיין יידישקייט, אַז עס פעלט בלויז ער זאָל הייסן זיינע ביימער דאַווענען, ווי מענדעלע האָט עס געטאָן. דעריבער געהערט נח יצחק צו די, וואָס שרייבן יידיש צוליב דער זעלבער סיבה, וואָס י. ל. פּרץ האָט גע׳עצה׳ט דעם יונגן אַשן: צו שרייבן אין א שפּראַך, וואָס איז

אייך גרינג צו זאגן אלץ, וואס איר ווילט זאגן און מען זאל אייך פארשטיין. אויך גאטליב שרייבט אין יידיש ווי ז י י האבן עס געטאן, מיט א ותחזינה עינינו אויף די ליפן:

אויף וועגט ארום זיך וויגן שאטנס לאנגע;
התמדהדיק א בלאט נאך בלאט זיך מישט
און — פול איז קלויז מיט הילכיקע געזאנגען.

בעצם זעען מיר דא א שטיק השפעה פון ביאליקן, און אויך פרוגן, בעיקר אין די שבת־יום טוב־לידער. אין אט די לידער דערציילט דער דיכטער וועגן דער ליכטיקער דערהויבנקייט, וועגן דער נשמה יתרה, וואס מיר האבן מיטגענומען פון אונזערע חרובע היימען, וועלכע מיר האבן ד א ר ט ן אי־בערגעלאזט. און ווי א גלעטנדיקע האנט פון א מאמען, באריִרט אונז דאס ליד, פון וועלכן מיר ציטירן:

א גאנצע וואך האט אונזער גאס געהאוועט
מיט פישער, קצב, באלעגאלע, שמיד;
נאר אט קומט שבת — צו א יעדן ייד;
דער ברוק איז רואיק, שטיל איז אויף די לאוועס.

און אין חסידים־שטיבל:

אט שטייט שוין טאטע ביי זיין שטיבל־„שטאט",
און איך לעם אים, מיט אונז צוזאמען — גאט.

איבער אלע שורות גייט די שטראמיקייט פון גאטליבס ליד, וואס זאגט און זינגט. און נאך איינס: ער מעסט זיינע כוחות און ווייסט זייער מאס. קיין שיינע ווערטער, וואס דערגייען ניט צו דער נשמה, וועט איר גאר זעלטן ביי אים געפינען. לרוב פאסט ער צו זיינע ווערטער צום כוח פון זיינע עמא־ציעס. און דערפאר, ניט געקוקט אויף דעם וואס ער פילט טיף, געפינען מיר ביי אים, אז די לידער פון לעצטן חורבן קומען ארויס ביי אים בלויז ווי אן עלעגיע איבער א משפחה־קבר.

גאטליב ווייס, אז: „א זינד איז דיכטן היינט לבנהדיקע שורות" . . . „אין טעג אין איצטיקע מען דארף א ליד א נייעס" . . . פונקט ווי עס האבן עס נאך די גרויל־יארן אנדערע דיכטער געוווסט. אבער דאס ווארט איז ניט געקומען — דאס ווארט דאס ביאליקישע.

שיין, וווּנדערבאר שיין זענען גאטליבס לירישע לידער. אין שכנות מיטן נאטור־באזינגער אויפן זעלבן צווייגל זיצט אין גאטליבן דער ליריקער. גאטליב דער ליריקער איז אין זיין עלעמענט אין זיינע שטילע אינטימע לידער, ווען ער פארגעסט זיך צו באקלאגן אויף דער טבע פון מענטש און אויף זיין אייגענעם גורל. און צעטרילט ער זיך אויף דער העכסטער אקטאווע, זעט מען דאן גאטליבן דעם אפטימיסט, וואס באזינגט דאס לעבן, און האט ליב דאס לעבן. די לייד, פונקט ווי די פרייד איז געגעבן דעם מענטשן פון מענטשן באַ־זונגען צו ווערן. כל הנשמה תהלל יה. און נח יצחק טוט עס בלב ונפש, סיי אין זיין נשמה־אויסגוס, סיי אין זיינע תביעות צו דער וועלט. עס איז גוט ווידער צו טרעפן דעם פאעט אין זיין לאנד זיין „לידערשן", ווו ער שטייט מיט די בעסטע פון זיין צייט.

„אפריקאנער יידישע צייטונג", יאהאנעסבורג, תשכ"א.

דוד אפּאַלאָוו

# דער דיכטער נ. י. גאָטליב

שוין מערערע יאָרן ווי עס לעבט אין מאָנטרעאַל אַ יידישער דיכטער, וואָס איז עד היום טיף איינגעוואָרצלט אין דער קליינשטעטלדיקער אָרעמער ליטע. זיינע לידער אָטעמען מיט די פרישע דופטן פון דער צעבליטער נאַטור. אַז מיר לייענען גאָטליבס לידער ווערן מיר איינגעגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער מאַלע־רישער דאָרפישער אומגעבונג, וואָס דער אינטואיטיווער דיכטער שילדערט מיט אַזויפיל ליבשאַפט און האַפט. ניט אומזיסט רופט אַן גאָטליב איינע פון זיינע לידער־זאַמלונגען „זעגלען אין זון". גאָטליב איז זייער בילדלעך. איך וואָלט אים צוגערעכנט צו דער אימאַזשיניסטישער שולע פון פּאָעזיע. ווען איך לייען גאָטליבס נאַטור־לידער, מאַכן זיי אויף מיר אַ טיפן איינדרוק מיט זייער איבער־צייגנדיקייט. איך באַוווּנדער גאָטליבן דעם פולבלוטיקן דיכטער פון זאַפטיקער רויערד.

מיר, יידן, האָבן אַ סך פּאָעטן. אַנדערע יידישע פּאָעטן האָבן שוין אפילו באַוויזן צו שאַפן זייערע אייגענע שולעס. אָבער אויפריכטיקע אוממיטל־באַרע פּאָעטן האָבן מיר ווייניק. דערפאַר איז פאַר מיר אַ גרויסע פרייד צו לייענען די שאַפונגען פון נ. י. גאָטליב. ער זוכט אונז ניט צו פאַרבלענדן מיט פאַלשע אויסדרוקן. ער דאַרף עס ניט. זיין פאַלקסטימלעכער ליטווישער יידיש איז אַזוי קערנדיק און פריש, ווי דער ווייסער בעז. מיט זיין שטילן האַרציקן טאָן באַווירקט ער אונז מער ווי אַ געוויסער סאָרט פון אונזערע „גדולים". לייענענדיק גאָטליבס לידער, דערמאָן איך זיך אָן דעם אומפאַרגעסלעכן רוסישן דיכטער סערגיי יעסענין, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געליבט דאָס דאָרפישע רוס־לאַנד. אָבער גאָטליבס מוזע איז פול מיט אייגענעם יידישן חן. גאָטליב איז געוואַלדיק צוגעבונדן צו דער מאַמע־ערד. ער זינגט:

עד, דו ערד, — אַזאַ גערויִמע,
פול מיט שפּייזן — זים און זעטיק,
ווי מיר ווילט זיך זיך פאַרשטאַמען
אין דיין טיף דאָ אין דיין פעטער.

אַלץ, וואָס שטאַמיק, אַלץ, וואָס שטאַרק איז,
ליב איך ערד שוין פונלאַנגאַנען:
דעמבעס — דיק, מיט האַרטע קאַרקן,
שטייפע סאָסנעס, פעסטע קליאָנען.

ליבן ליב איך אויבעט יעלן,
מיט די נאָדלען — שאַרף און גלאַנציק — —
טראַכט איך טאַקע זיך דאָ שטעלן
גאָר אינגיך אַ וועלדל פלאַנצן.

אַזעלכע ווונדערלעכע מעלאָדישע שורות טרעפן מיר ביי גאָטליבן אַ סך. אפילו זיין אומעט איז אַ וואַרעמער, קאַלירִיק, לופטיק און פריש. און דאָס איז אַ סך. איז גוט וואָס מיר האָבן אַזעלכע פיינפילנדיקע געלייטערטע פּאָעטן,

ווי אברהם רייזען, מאני לייב, נפתלי גראָס, ב. לאַפּין, נ. י. גאָטליב און אַנדערע. גערעכט איז גאָטליב, ווען ער זינגט:

אין אַ טאָג אַזאַ, ווי היינט, אַ טונקל־גרויעס,
ווען אויף שויבן רינען טראָפּנס לאַנגזאַם, דין,
גוט איז זיך אָוועקטראָגן צו טעג צו בלויע,
גוט איז זיך דערמאָנען וואָס פון יאָרן — גרין.

גאָטליבס טעמעס זענען: אינדיאַנער זומער, אין שטילן קעניגרייך פון בערג, אַ שטיבל אין וואַלד א. א. אויסער זיינע סימעטרישע נאַטור־לידער האָט גאָטליב געשריבן אַ צאָל עראָטישע לידער וואָס זענען שטאַרק, ווי קאַלטער וויין. גאָטליב האָט זיך שוין לאַנג איינגעבירגערט אין דער יידישער פּאָעזיע מיט זיין פרישן טאָן, מיט זיינע בילדערדרייכע שטימונגספולע לידער, וואָס שיינען ווי זעגלען אין זון.

„דער יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 1942.

## אַ ניי בוך מיט טיף מענטשלעכע לידער פון נ. י. גאָטליב

מיט אַ צייט צוריק האָט איך רעצענזירט אין טאָראָנטאָר „זשורנאַל" נ. י. גאָטליבס אַ פריערדיקן בוך לידער — „זעגלען אין זון"; איז איצט דער־שינען זיינע אַ נייע לידער־זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם פּשוטן טיטל „נייע לידער". פרייט מיך וואָס אין זיין נייער לידער־זאַמלונג דערשיינט פאַר אונז דער דיכטער מיט אַ סך רייפערע, קרעפטיקערע און טיפערע לידער ווי אין זיינע פריערדיקע ביכער. זייער שיין זענען אַ גאַנצע ריי פון דעם דיכטערס עפּישע, לאַנגאָטעמדיקע פּאָעמעס. זיי פאַרבינדן אונז מיטן איבערגעריסענעם גאָלדע־נעם פאָדעם פונעם פאַרשוווּנדענעם אַמאָל אין דער דאָרפישער ליטע און אין די רוסישע שטעטלעך. איינס פון די לידער אין בוך רופט זיך „ביי דער מצולה". אַ ליד, פול מיט פיינע איינפאַלן און פּאָעטישע שילדערונגען. דאָס ליד איז געווידמעט אברהם רייזענען. עס איז טאַקע אַ דערינערונג וועגן רייזענס געבורטסשטעטל קוידענאָוו. גאָטליב איז דאַן אַלט געווען דרייצן יאָר, געלערנט אין קוידענאָוו אין ישיבה און זיך פאַרליבט אין דער טאָכטער פון זיין רבין. פלעגן זיי אָפט, אין פרילינגדיקע נעכט, זיצן ביי דער מצולה — אַ קליין טייכל אין שטעטל — און ראָמאַנסירן. האָט זיך אָבער דער „ראָמאַן" איבערגעריסן, ווען עס האָט זיי איינמאָל געכאַפּט קושנדיק זיך דעם רבינס אַ צווייטע טאָכ־טער. גאָטליב האָט נאָך יענעם אינצידענט געמוזט פאַרלאָזן קוידענאָוו. און פאַרליבט זיך אין רבינס טאָכטער האָט דאָס דרייצן יאָריקע יינגל נאָכן לייענען רייזענס דערציילונג „אייזן". איז אָט וויאַזוי דער דיכטער דערציילט וועגן דעם:

און איינמאָל, אין אַ נאָכט, אין האַרבסט,
געלייענט האָב אַ מעשה — „אייזן";
און ס'האָט פאַרקריצט זיך אין מיין האַרץ
דער נאָמען פון מחבר — רייזען.

האָב פֿאַרגעדענקט זיין יונגנמאַן —
אין מיידלס בליק אַריינגעפֿאַנגען:
פֿון אייזן־קלייט מיט אים געשפּאַנט,
מיט אייזנוואַרג באַלייגט, באַהאַנגען.

און פֿונעם מיידל האָב געטראַכט,
געווען אין איר פֿאַרליבט אַפֿילו . . .
ביז איינמאָל, אין אַ ווינטערנאַכט,
(אין רבינס קלויז, ביי דער מצולה),

האָב איך דערפֿילט: ס׳איז גאַרניט זי —
ס׳איז גאָר די טאָכטער פֿונעם רבין;
צו איר מיט גאָר מיין זיין איך צי,
פֿאַר איר בין גרייט מיין לעבן געבן.

גאָטליב, דער פּאָעט פֿון זוניקע זעגלען, איז אין זיינע איצטיקע לידער דורכגעדרונגען מיט ציטערדיקע קלאַנגען פֿון ענדלאָזן קומער. ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט דעם טיפֿן צער פֿונעם ליידנדיקן יידישן פֿאָלק און פֿון די ליידן פֿון זיינע נאָענטסטע, וואָס שמאַכטן ערגעץ אין געטאָ. דערמאָנט זיך דער דיכטער אַז דעם בארימטן בילד א. נ. „געטאָ" פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם מאָלער מאַניעוויטש, וואָס ברענגט אים אַרויף אויף טרויעריקע געדאַנקען וועגן אונזער אימהדיקער צייט:

אַריינגעבליקט אין בילד אין דיינעם
און — שווידערן האָט מיך גענומען:
איך האָב דערזען די נאָנטסטע מיינע
מיט געטאָ־ווענט אַרומגענומען.

גאָטליב האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע די דופּטנדיקע פרישקייט פֿון דער מעכטיקער רוסישער ליטעראַטור. אַ גאַנצע ריי פֿון זיינע נייע לידער זענען רחבותדיקע געזאַנגען, וואָס קוויקן דאָס געמיט פֿונעם לעזער. יעדעס ליד האָט זיך זיין אייגענע שיינע מעלאָדישקייט. איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן צוויי קליינע וווּנדערשיינע לידער גאָטליבס — — „מיין לאַנד מיין לידערשע" און „מיך לאָקט נאָך אַלץ". די דאָזיקע צוויי לידער קענען ממש פֿאַרגליכן ווערן צו אַ צאָל לירישע לידער פֿון פּושקין, בלאָק און יעסענין. די לידער זענען אויסגעצייכנט שיין אין זייער איינפֿאַכקייט און קלינגען, ווי תפֿילות. עס אַנטפּלעקט זיך אין זיי גאָטליבס אומבאַגרענעצטע צוגעבונדנקייט צום ברייטן דאָרפֿישן שליאַך, צו די נידעריקע שטיבלעך. ער ליבט „די חלום־שעה, ווען טאָג פֿאַרגייט אין ראָזע שקיעה רויכן" . . . איך ברענג דאָ אין גאַנצן איינס פֿון אָט די צוויי מייסטערהאַפֿטע לידער גאָטליבס און זאָל זיך דער לעזער אַליין קוויקן מיט דער אידילישער מעלאָדישקייט און פֿרישן טאָן פֿון דאָזיקן ליד:

מיך לאָקט נאָך אַלץ די שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכטן
אויף זייטיקע, אויף פֿויערישע וועגן;
אַן אַלטער קליאַן, אַ תּפֿילהדיק פֿאַרטראַכטער,
מיט ראָזן שיין פֿון זונפֿאַרגיי באַרעגנט;

מיך לאָקט נאָך אַלץ די הימלטיף די בלויע
אויף דאָרפּישע, אויף נידעריקע שטיבער;
אַ וואָלקנדל — אַ לעמעלע אַ גרויאינק —
פון פעלדיש־פּרייעם פּאַסטוך־ווינט געטריבן.

מיך לאָקן אַלץ נאָך טרעלן פון אַ פויגל
אין וואַלדישע, אין טויאיקע פּאַרטאַגן;
די קלאַנגלאָזע מוזיק פון רעגנבויגן
אויף גרינע בערג, פון שלאָקסן דורכגעצוואָגן.

מיך לאָקן אַלץ נאָך לידער גאָלדיק־העלע
פון קלאַסישע לאַנגאַניקע פּאָעטן;
די שורות, ווי די פרילינג־בייטן קוועלן,
די פערזן, ווי די זומער־פּרוכן זעטן.

נאָכדעם ווי מען לייענט איבער גאַנצע פּעק פון געקינצלטע, שווערע און טרוקענע לידער פון אַ צאָל פון אונזערע מאָדערניסטן, ביי וועמען דער פּאָע־טישער געשמאַק איז שוין לאַנג אַטראָפירט געוואָרן, איז באמת אַ דערפרישונג צו לייענען די פיינע סימעטרישע לידער פון נ. י. גאָטליב, דעם דיכטער, וואָס שאַפט גוטן קלאַסישן סטיל, וועמעס פערז איז ביז גאָר בייגעוודיק.

געוויינלעך זענען פאַראַן אין בוך עטלעכע שוואַכערע לידער. דאָס צייט־ליד „העמדלעך" איז, לויט מיין מיינונג, דאָס שוואַכסטע אין בוך. פאַראַן אויך אין געוויסע לידער פּראָזאאישע אויסדרוקן. דערפאַר אָבער זענען די מערסטע לידער, סיי די לירישע און סיי די צייט־לידער, פול מיט אינטואיציע און קרעפ־טיקייט פון אויסדרוק. אַ מערקווירדיק שטאַרק צייט־ליד איז „משא איראָפּע", וואָס אָטעמט מיט טיפן האַס און פאַראַכטונג צו דער „הונישער היטלערישער האָק". יעדער פערז איז דאָ ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט:

אָ, איידעלע, מאַנירלעכע איראָפּע,
אין לאַק־שיך, אין צילינדער און אין פראַק,
אויף הענקער־קלאָץ אַראָפּגעהאַקט דיין קאָפּ ליגט
פון הונישער, פון היטלערישער האָק.
— — — — — — — — — — — — —

אין שטרענגע, אין גערעכטע טריבונאַלן
דיין גדולה די געמיינע וועט פאַרגיין
און גלידווייז ווערסט, איראָפּע, זיך צעפאַלן
ביים טיבער, ביי דער סענע און ביים ריין.

פאַרענדיקנדיק דאָס אַרטיקל וועגן גאָטליבס נייעם לידער־בוך, וויל איך נאָכאַמאָל אויסדריקן מיין באַוווּנדערונג פאַר זיינע בילדערדרייכע פּייזאַזשן און נאַטור־שילדערונגען, וואָס אָטעמען מיט אייגנאַרטיקער שיינקייט און טיפן ליריזם. גאָטליב, וואָס לעבט אין דער גרויסער שטאָט, וואַרט אויפן פרילינג צו קומען ווידער אין באַרירונג מיט דער דאָרפּישער שיינקייט. ער זינגט וועגן דער שטאָט ווייטיקדיק:

מיין היים ביי דיר — אַ הינטישע קאַנורע,
מיין ביסן ברויט — מיט ביטערניש באַשמירט;
און שווער עס איז מיר שרייבן ראַזע שורות
אין קראַנקן־הייזער, פול מיט וויי, ביי דיר.

דערפאַר איז אים גוט אין וואַלד:

איך בין באַניים אין וואַלד, אין ראַד פון בוימער,
אין רינג אין גראַזיקן, אויף מאַכעדיקן גרונט;
דורך צווייגישן געפלעכט עס בלויען רוימען
און — שפילן אַרום מיר מיט העזעלעך פון זון.

באַזונדערס רירנדיק זענען די סטראָפן פון ליד „מיט ביימער ווו", אין וועלכע דער פּאָעט, וואָס איז לעצטנס אַפּט קראַנק, רופט זיך אָפּ מיט אַזויפיל צערטלעכקייט צו זיין ליבער פרוי — זיין חברטע אין לעבן. איך שליס מיין אַרטיקל מיט די לעצטע סטראָפן פון דאָזיקן ליד:

די פרוי מיינע — ווי איך, אַ פיין־באַשווערטע,
עס טרעפט, ביינאַכט, זי וועקט זיך אויף אין שרעק
און לאָזט זיך אייליק צו מיין בעט — אַ הער־טאָן:
צי לעב איך נאָך, צי, גאָט באַהיט, „אַוועק".

זי קלאַמערט זיך אין מיין געביין אין ציטער,
ווי איך אין אירן — פול מיט שרעק און זאָרג;
ווען ניט די בלויע פרילינגס די צעבליטע,
מיר וואָלטןביידע שוין געוועזן „דאָרט".

„דער יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, 1943.

י. אַקרוטני

## העלדן, וואָס האָבן געפונען זייער מחבר

(נ. י. גאָטליבס פּאָעמעס וועגן ד"ר הערצל, י. ח. ברענער און ענצאָ סערעני)
פראַגמענטן פון אַ לענגערער אַרבעט

שייך צו זאָגן: אידישע גרויסקייט? רייכער פונעם רעגנבויגן אין פאַרבן, איז נישט אַרומנעמליך דער נאָמען־רעגיסטער פון די ניואַנסן פון יידישער גרויסקייט. פאַרשטייט זיך — גרויסקייט פון גייסט, מחמת אפילו די טאַט פון עפּאָכעמאַכנדיקער ווירקונג ווערט אינספּירירט פון גייסטיקן שווונג.

ביי וואָס און וועמען מיר זאָלן נישט אָנהויבן, וועט זיין צו קורץ אונזער מאָס פאַרן אומפאַנג פון אידנס אָנשטרענגנג צו גרויסן דעם פאַרנעם פון גייסט. מ'קען די יידישע גרויסקייט אָנהויבן רעכענען פון משה'ן, דעם גרעסטן נאַציאָ־

נאָלן העלד פון יידישן פאָלק און דורך קפיצת־הדרך דערגיין צו ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכער רופט גאָט ברוך־הוא צו א דין־תורה למאי זיין עוולה קעגן די קינדער פון זיין פאָלק, און מיר וועלן צוקומען צו יצחק קאַצענעלסאָנען, דעם נביא פון געטאָ־מדבר אין תש״א־תש״ד. די עמודי־האש פון יידנס גרויס־קייט זענען אומגעהויער אין צאָל, אפילו מ׳זאָל אויסנלאָזן דעם תנ״ך, די נביאים, די גאונים, ווי אויך די שפּעטערדיקע ליכטער פון יידן און יהדות. ערשט דער רמב״ם, אבן גבירול, יהודה הלוי און פּרץ, ביאַליק, אחד־העם ביז די גדולים פון דער נייסטער צייט מיט אַלבערט איינשטיין, אהרן דוד גאָרדאָן, זאב זשאַבאָטינסקי, נחום סאָקאָלאָוו, שמעון דובנאָוו און דוד בן גוריון.

נישט שייך זיך אָפּצושטעלן אויף מיילשטיינער, וואָס צייכענען דעם דרך־המלך פון יידנס גרויסקייט.

דער דיכטער נ. י. גאָטליב געפינט אונזער גרויסקייט אַ פּערזאָניפיצירטע אין וווּנדערליכע געשטאַלטן פון די יידן, וואָס האָבן זייער לעבן און מי אָפּגעגעבן דעם פאָלק, און מיט רעכט. דר. טעאָדאָר הערצל, יוסף חיים ברענער און ענצאָ סערעני, מענטשן פון פאַרשיידענע סביבה׳ס, פון פאַרשיידענעם וועלט־קוק האָבן גייסטיק זיך אויפגעלייזט אין שוים פון ליידנדיקן יידישן פאָלק, געוואָרן מיט אים איינס און אין פאָלק באַקומען פליגל.

ממש צו סימבאָלן פאַר דורות האָט זיי דערהויבן דער טרוים און די טאָט און ווי אַזעלכע זענען זיי אַריין אין היסטאָרישן יידישן פאָלק.

דער פּאָעט נ. י. גאָטליב האָט די געשטאַלטן פון דר. הערצל, יוסף חיים ברענער און ענצאָ סערעני געגעבן אַ תיקון אין זיין נייסטן בוך, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם נאָמען „דריי פּאָעמעס״ (מאָנטרעאָל, 1955).

* * *

אייגנטליך נישט קיין פּאָעמעס, אין אַנגענומענעם זין, זענען די ווערק, וואָס דער פּאָעט האָט אָפּגעגעבן די אַנגערופענע גרויסע יידן. דאָס איז נ. י. גאָט־ליב אפילו נישט אויסן געווען. אַריינפירן הערצלען, ברענערן און ענצאָ סע־רענין אין בוך פון פאָלקס לעבן, געבן תוכיקע ביאָגראַפיעס פון די, וואָס האָבן זייער דינסט פאַרן פאָלק דערהויבן צו אַן עבודת הקודש, איז געווען די פּשטות־דיקע כוונה פונם דיכטער. זאָלן זיי מיט זייער מסירת־נפש פאַר עם ישראל דערגיין צום זכרון פון די, וואָס האָבן מיט מאַמע־לשון פאַרבונדן דעם קשר פון יידישקייט אין זיין גאַרן היקף. אויף לשון־קודש איז אַ סך שוין באַוווּסט וועגן דר. זאב בנימין־טעאָדאָר הערצל, וועגן יוסף חיים ברענער: אין מדינת ישראל איז מערערע מאָל שוין געשריבן געוואָרן וועגן די דאָזיקע גייסטער. צומאָל טראָגן ישובים זייערע נעמען. אויך ענצאָ סערעני, דער מערקווירדיקער איטאַליענישער איד, איז באַוווּסט אויף עברית. נאָך זיין אָפּגעפרעמדקייט צו יידן און יידישער אומה האָט ער נשמהדיק זיך באַהאַפטן מיט ארץ־ישראל, זיין גורל פאַרבונדן מיט דעם פּיאָנערנטום אויף יידישן באָדן און איז מיט אומצייי־ליקע פעדים אַריינגעוואַקסן אינם גורל פון יידישן דור — אַדאַנק זיין אהבת ישראל און זיין גרויסן פּערזענליכן קרבן פאַר תחית העם. צו יידן אין יידיש

לשון דערנענטערן די גרויסקייט פון די דאָזיקע, וואָס סימבאָליזירן דאָס שענס־טע אין אונזער נאָנטן עבר, איז אַ וויכטיקע אויפגאַבע, וואָס עס האָט זיך גע־שטעלט דער פיינער יידישער דיכטער. אָבער מיט זיין ווערק האָט גאָטליב דערגרייכט מער, ווי ביאָגראַפיעס, פּאָעטיזירטע אין ליכט פון זיין ליבע צו די מאַדעלן, וואָס האָבן אינספּירירט זיין מוזע.

אַליין פאַרכאַפּט פון די דערהויבנסטע אידייען פון פאָלקס־באַפרייאונג, איז נפשו קשורה בנפשם פון אַלע די, וועלכע האָבן מיט מסירת־נפש געטאָן פאַר יידיש פאָלק און זיין שליחות אַרויסצוגיין מעבדות לחרות. דער דאָזיקער אידייע האָט גאָטליב אין 1948 אַוועקגעגעבן אַ גאַנצן פּאָעזיע־בוך („חלוצים"), אין 1950 פאַרעפנטליכט פּאָעמעס וועגן א. ד. גאָרדאָן, יוסף טרומפּעלדאָר און חנה סענעש (אין בוך „אַ מענטש אין די הימלען") און אָקערשט קומט ער מיט דעם באַנד וועגן דר. הערצל, י. ח. ברענער און ענצאָ סערעני.

בכן, אַ דיכטערישער וועג, וואָס ציט זיך אין שיין פון נאַציאָנאַלע אי־דעאַלן.

* * *

דר. הערצל. מיט יראת־הכבוד גענענט דער דיכטער צו דער פּערזענ־ליכקייט פונם מנהיג. ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דער ערנסטקייט פונם ציל צו רעסטאַווירן דאָס לעבנס־בילד פון אַזאַ איינעם, וואָס האָט משפּיע געווען אויף דורות. קענטיק, שטרויכלונגען שרעקן אים, דערפאַר הויבט ער אָן מיט סינטעטיזירנדיקע שורות.

„פון חלום צו חלום דורך ברעניקער וואָר, דורך האַרבן געראַנגל פון פערציק פיר יאָר".

„איך וויל אייך דערציילן, אויסדיכטן פאַר אייך זיין לעבן, זיין קורצן — מיט אויפטועו רייך".

* * *

מיט האַרציקער וואַרימקייט און דיכטערישער פינעזיע האָט נ. י. גאָט־ליב אַרויסגעבראַכט די עצמדיקע עטאַפּן פון הערצלס ביאָגראַפיע. דער מחבר שטייט דאָ איבער דעם באַרג פון דער תקופה, וואָס איז אין יידישער פּערספּעק־טיוו מער ווי אַ געוויינליכע געשיכטליכע תקופה. דער דיכטער וויל בלייבן אָב־יעקטיוו אַנטקעגן די גרויסע געשעענישן, ער וויל און נישט תמיד קען ער עס. דעם דיכטערס סוביעקטיווער הויך קומט צום אויסדרוק דאָ און דאָרט. זאָל עס טאַקע געזאָגט ווערן, אָבער ניט לגנאי.

עס איז די ביאָגראַפיע פון יידישער גרויסקייט, אַ ביאָגראַפיע געשריבן מיט דיכטערישע מיטלען און דאָך מיט פּשטות, אַז זי לייענט זיך מיט דער לייכטקייט פון אַ מעשה, וואָס איז אַמאָל שוין דערגאַנגען צו אונזער אויער. דאָס דערקלערט זיך מסתמא מיט דעם, וואָס הערצל־ביאָגראַפיעס זענען אויף פאַרשיידענע אופנים שוין פּאָפּולאַריזירט געוואָרן אין יידיש. יענע האָבן אָבער נישט געהאַט די לויטערקייט פון דיכטערישער בילדליכקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס נ. י. גאָטליבס הערצל־ווערק.

* * *

ביאַגראַפיש טריי איז אויסגעפאַלן די פּאָעמע וועגן דר. טעאָדאָר הערצל: פון דער וויג ביזן קבר געשילדערט דאָס מוסטערגילטיקע לעבן פון דעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער אַסימילאַציע־נעץ און געעפנט אַ תקופה אין יידישן דענקען, פון דעם, וואָס האָט יידן אַרויסגעפירט אויפן שליאַך פון דענקען מיט נאַציאָנאַל־פּאָליטישע קאַטעגאָריעס, קאָנקרעטיזירט דעם חלום פון צוריקקערן זיך אויף אבותדיקער ערד.

זיגזאַגיש, שטורמיש איז געווען דער וועג פון שריפטשטעלער טעאָדאָר הערצל און ליידנפול די דראַמע פונעם מנהיג דר. בנימין־זאב הערצל.

נ. י. גאָטליב האָט סקיצירט די וויכטיקסטע שטריכן פון דעם דאָזיקן לעבן, ערטערווייז אָנגעפינקלט אַ טרעפלעכן פאַרגלייך, געוואָרפן אַ פּאָעטישן פונק און מיר האָבן די גאַנצע ביאָגראַפיע פון הערצלען.

דיכטעריש פולער, וואַגיקער איז דאָס בילד פון יוסף חיים ברענערס געראַנגל פאַר אייגענער גאַנצקייט; פאַרביקער איז דער וועג פונעם נע־ונדניק און נזיר, וועמען עס איז באַשערט געווען אין פיין זיך צו דערהויבן צו אַ סימבאָל פון אַ העלד, צו וועלכן עס נייגט זיך אונזער אינטעלעקט.

דער דיכטער נ. י. גאָטליב טויכט דאָ אויף פאַר אונז צוזאַמען מיט דער טראַגישער געשטאַלט פון זיין מעדיום יוסף חיים ברענער, וועלכער האָט פאַר זיין באַוווסטזיניק לעבן אַרויסגעשטעלט ווי אַ לאָזונג דעם רוף צו זיך: כי לעורר באתי, אחי. דיך אויפצוועקן ביז איך געקומען, ברודער — פון דיין פאַרפאַלנקייט דיך וועקן, פון דער צרה דיך אַרויסציען!

* * *

מיט אומנות און יראת הכבוד צו „זיין דיכטער" צייכנט דער פּאָעט נ. י. גאָטליב דאָס פּאָרטרעט פון דער קאָמפּליצירטער ברענער־געשטאַלט. צו גאָטליבס שבח דאַרף נאָך געזאָגט ווערן, אַז ער דרינגט אויך אַריין אין דעם איידעלן מעכאַניזם פון י. ח. ברענערס פּסיכיק און מיר באַקומען דעם לעבעדיקן, דעם געפילפולן, אַסקעטיש־אידעאַליסטישן דיכטער־טרוימער, וואָס האָט אינגאַנצן זיך אַפּגעגעבן פאַר דער דערהויבנקייט פון זיין פאָלק. נ. י. גאָטליב באַווייזט אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין די דינסטע שטריכן פון זיין מעדיום, זיינע טיפע וואָקלענישן און יענע ביז איצט אומאָנטפּלעקטע אייגנשאַפטן, וואָס זענען עלול צו דערנענטערן צו אונז דעם גרויסן ייד יוסף חיים ברענער, וואָס האָט מיט זיין לעבן און זיין טאָט דערגרייכט די הייכן פון אַ סימבאָל, צו וועלכן מיר ציען זיך אין בענקשאַפט. באמת מקנא צו זיין דעם דיכטער נ. י. גאָטליב מיט דער גוטער קנאה פאַר זיין גאָר געראָטענעם ברענער־ווערק!

* * *

אַן אַנדער געמעל ברענגט נ. י. גאָטליבס פּאָעמאַטישע ביאָגראַפיע פון זיין וואונדערלעכן העלד עגצא סערעני.

סערעני איז אַ פאַרבלאַנדזשעטער ייד, וואָס האָט אין די גרוילן, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויפן יידישן פאָלק, געפונען זיין גאַנצן, מענטשלעכן תיקון.

ער שטאַמט פון אַן אָפּגעפרעמדטער, רייכער, אינטעליגענטער יידישער פאַמיליע אין רוים. איבערדערציילן די ווידערגעבורט פון ענצאַ סערעניז, זיין מענטשלעך שטייגן אויף יידישער ערד, זיין מסירת נפש און זיין מוטיק אויסגיין? מיר בלייבן אָפּהענטיק אַנקעגן דעם באַרג פון גרוילן, וואָס איז אויסגעמישט מיט באַגייסטערונג פאַר דער שליחות פון דעם דאָזיקן גיבור פון ישראל. דער דיכטער נ. י. גאָטליב האָט עס געטאָן מיט סוגעסטירנדיקע מיטלען. מיט זיין פלאַמיק יידיש האָרץ לייכט ארויס ענצאַ סערעני פון דער פּאָעמע, וואָס גיט אונז אָפּ אינגאַנצן זיין שיין לעבן. אַ דאַנק דעם דיכטער בלייבט דער ליבער העלד ווייטער לעבן אין אונזער געמיט.

„די יידישע צייטונג",
בוענאָס איירעס, 27 פעברואַר און
6 מערץ, 1955.

# עכאָס פון לידערלאַנד

## (וועגן נ. י. גאָטליבס בוך „מיין לאַנד מיין לידערשע")

### א

דער קוואַל פון לעבעדיקן געדאַנק איז די דערפאַרונג און די דערפאַרונג איז, ווי באַוווּסט, אויך דאָס אויג, וואָס פירט דעם מענטשן; דער זוימען פונעם מענטשנס שטימונג איז דאָס נאָכטראַכטן און די דערמאָנונג פונעם געשעענעם. אויף דעם ברענענדיקן דאָרן, וואָס מיר רופן חשבון הנפש, צייטיקט אויס דעם מענטשנס פאַנטאַזיע און זי ברענגט אונז סיי די בילדער, סיי די שטימונגען וואָס מיר באַצייכענען ווי דיכטונג. אויב די דאָזיקע בילדער און שטימונגען ווערן אַריינגעבראַכט אין דער נייטיקער ראָם פון ליכט און וואַרעמקייט. אוודאי, ס'ביסל גייסטיקע קולטור, וואָס קלעפּט זיך צו אונז, האָט שוין די מאָס פאַר דער עכטקייט פון דער שיין און פון דער טעמפּעראַטור, וואָס מאַכט פון דער דיכטונג אַן אמת, אַז דו וועסט אים ניט קענען אָפּוואַרפן ווי אַ טרוקענע שאָל. ווייל עכטקייט קויפט אונטער, איבערצייגט מיט וואָגיקייט און גלאַנץ, אַז זי איז עס טאַקע דאָס גאָלד פון ריינסטן אויסשמעלץ. אַזוי איז אמתע דיכטונג. אויב זי טראָגט נאָך דעם סוביעקטיוון חותם פונעם מחבר, וויברירט זי אַמאָל אויס אין אונזער געמיט מיטן אומהיימלעכן עכאָ פון — ווידוי.

אַזוינס הערט זיך טאַקע פון נ. י. גאָטליבס לידערלאַנד.

אָפּגעגאַנגענע דעם לאַנגן, שווערן וועג וואָס באַשערט געווען — הייסט עס אין לשון פון אונזער אַלטאָג, נהנה געוועזן דאָס ווינציקע, צו וואָס געקענט גרייכן, שקיעה ווערלט אָקאַרשט פאַרן בליק: דער גוף איז מיר, די נשמה צעוויטיקט, איז — וואָס זאָגן, בעת פון דער ברוסט רייסט זיך ארויס נאָך באַדויער און נאָך טרויער? אַזאַ אומעט טריפט אָן אויף אונז נ. י. גאָטליב מיט זיין נייסטן בוך „מיין לאַנד מיין לידערשע", הגם אויך פון פלאַמיקער ליבע, פון יוגנטלעכן רייץ שפּאַרט עס פון די בלעטער, דורכגעקנאָטענע מיט די הייוון

פון א פ ו ל אויפגעגאַנגענער וועלט, אַ יידישע וועלט פון זיפץ און טרויס, און — דערמאָנונג. יאָ, דאָס אַרויסרופן ס'געוועזענע און ס'נאָכקומענדיקע איז דער עיקר־עלעמענט אין יידישן טראַכטן. ממילא דאָס ווידוי'דיקע.

כולו דערמאָנונג און כולו ווידוי איז נ. י. גאָטליבס לאַנד פון לידערוויי. געזאַנג מתוך צער אויפן אַנבליק פונעם האַרבסט וואָס איז אַנגעשטאַנען.

ב

ס'בוך איז אינגאַנצן אויטאָביאָגראַפיש און כמו ווידוי פונעם דיכטער, וואָס האָט הינטער זיך אַ לעבן פול ביטערע נסיונות. און מ'דאַרף זאָגן בפה מלא: ס'איז אַ גבורה זיך אַוועקצושטעלן אין מיטן שפּעריש׳ן דראַנג, רייסן פון זיך פּאָסן — מחמת טרויעריקע זכרונות, מחמת שאַרפן עלנט. דער דיכטער זעט טאָקע אַ וועלט פון ווילטאַק און דאָ און דאָרט שפּראָצט עס אויף פון אים מיט הייסן ווילן צו תענוגן זיך מיט דער שיינקייט פון וואַלד, גראָז, בלום און די חנען און זאַפטן פון דער פרוי. די ליבע איז אַ מתנה דעם מענטשן מיטן וואַכן האַרץ. אַפילו אויף דער שוועל פון אָפּגאַנג ווייכט ניט פון אַזאַ די טיפ־זעעוודיקייט פון אַ טויבער, וואָס פילט מיט די אויסגעשפּיצטע נערוון זיינע און מיט דעם פיל־אָנגעשפּאַנטן געהער.

ניט מחמת אַ דיכטערישן חנדל האָט נ. י. גאָטליב זיין בוך אָפּגעגעבן דער דערמאָנונג פון זיין פריער קינדהייט, פון זיין וואָגלען איבער ליטווישע ישיבות, זיין נע־ונעדעוועס — שפּעטער — איבער די ווייטע פרעמדע לענדער. די וועלט פון זיין נעכטן גיט דער דיכטער אין זיין לידערבוך. די ווידערגע־קערטע זעונגען פון יינגלשן דמיון אין זיין געבוירנשטאָט, די שטאָט פון די צוויי טייכן, ווילייע און ניעמאַן, די בכבודיקע אַרעמקייט פון דער ענגער היים, די שמאָלע גאָס, די פרומקייט פון טאַטע־מאַמע, בילדער, שטימונגען, רעפלעקסן און פראַגמענטן, אויך שטייגער טראָגן זיך פאַרביי קאַליידאָסקאָפּיש, מחמת די שטימונגען פאַרפלייצן דעם פּאָעט, זיי טרינקען אים אָן און רייצן זיין צער־פולע בענקשאַפט צום פאַרפלאָסענעם. צוערשט דאָס פרידלעכע, דער דורות־דיקער פיר אין דער ליטווישער, פרומער יידישקייט, דערנאָך דער מאוימדיקער ווידערווייטיק מחמת דעם פאַרברעכערישן געשעען מיט די יידן, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן דער ווילדער חיה בצורת דייטש. אַ, דער צער איז ניט צו באַצייכענען מיטן פשוטן וואָרט, וואָס רייסט זיך אַרויס פונעם צעבראָכענעם האַרץ: בין איך געבליבן לעבן? פאַרוואָס האָב איך זיי געלאָזן אין עלנט ביי זייער לעצטן וועג — זיי, די טייערע, די צנועהדיקע און אומפאַרגעסלעכע?

הוילע, אָבער האַרציקע אויטאָביאָגראַפיע, וואָס לייענט זיך ווי אַ הייל־ליקע מגילה, איז דער דאָזיקער טייל פון דעם לידערבוך. מיט פשטות, מיט גע־ליטערטן געפיל איז דורכגעדרונגען יעדער סטראָף וועגן טאַטן, מאַמען, שוועס־טער, ברידער, אַ הויזגעזינט זאַלבעצענט געווען ביים ראש ישיבה ר' הערשעלע: איז עס אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן פונעם בוך פון לעבן. נאָר איינער, אונזער פּאָעט, (אים צו לענגערע יאָרן) איז געשווינט געוואָרן פון גורל. ער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אין דער ווייטער פרעמדע, און ער קלאָגט אויף אַ־דעם בלייבן

זיינעם: צו וואָס? צו ווען? און ס'איז רירנדיק ווי ער שילדערט אין אַ ציקל סאָנעטן דאָס געזינדל פון ר' הערשעלען, וויאַזוי יעדער פון די קינדער איז פאַרשניטן געוואָרן. בעלי־חלומות געווען צווישן די קינדער פון ראש ישיבה, יושר־זוכערס, פרייהייט־קעמפערס, צנועים און אָפּגעהיטענע טעכטער, און אַ דיכטער געווען אַ גראַטענער — יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט געשמט מיט זיינע פיינע לידער־ביכער. אַלץ, אַלץ איז פאַרשניטן געוואָרן פון דער אכזריות. און גאַטליבס יזכור נאָך אַלעמען קלינגט־אויס קדיש'דיק:

פון חושך־טאָלן קומט איר צו מיר אָן,
אין שיין פון לעבן ווידער אָנגעטאָן,
ווי כ'האָב אייך אַלע, טייערסטע, געקענט
אין פרומער היים — פאַר גרויליקן פאַרלענד.

פון אַש פון גרויעם העלט אויף דיין געזיכט,
אָ! מאַמע מיין, מיט אויגן — שבת־ליכט;
און שוועסטער, דו — אַ צניעותדיקע טויב,
און ברידער, איר — אין גאָט און מענטש פאַרגלויבט.

אין יסורים איז אויסגעוויקט דער מהות פונעם דיכטער, וואָס פילט זיך „אויסגעשטאָסט, אַליין". אויסגעוואָרצלטקייט איז דער נאָמען פון געפיל, וואָס גייט אים נאָך אונטער פאַרשיידענע געשטאַלטן. פרעמד איז אים די סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך, פיינטלעך דער יחיד. ער פילט זיך אפילו געשלאָגן ווי אַ דיכטער. דער גלייכגילט צעגרייזשעט זיין מענטשלעך געמיט.

מיט דעם לאָזן זיך פאַרענטפערן די אימאַגינירטע שמועסן פונעם דיכטער מיט דער יאַדלע, מיטן אַסיען; מיט דעם דערקלערט זיך דעם דיכטערס לירישע מאָנאָלאָגן וועגן דעם . . . סוף. און איז באַשערט אַ רגע גליק, קוויקט ער זיך אַ מידער, מיט „אַן אינזל הימלבלוי אין אַ ים פון כוואַליענדיקע גרויע וואָלקנס". אָפּטמאָל איז די לאַטע הימלבלוי אים געגנוג, און עס איז געגנוג „אַ מענטשנס מילדער בליק אין געדראַנג פון רווישנדיקע האַרטע ראָגן", אַז זיין זעל זאָל זיך צעבליען „מיט דער בלום פון גליק". אַזוי גרויס דער עלנט, אַז אַ פּענעצל ליכט זאָל זיך צעשיינען פאַרן דיכטער ווי אַ צעזומערטע זון. דער איינגעבוירענער אָפּטימיזם לענקט מיט דעם צעפּרעסענעם פון נויט און אַנטוישונג, און — ער קלאַמערט זיך אין „אַ־די וועלט מיט אַלע אירע אומגליקן און ליידן". טאַקע ווי דאָס אינזלע הימלבלוי רייסן זיך דורך אין דער אומעטיקער גאַטליבישער פּאָעזיע דערפרישנדיקע קנאָספּן פון באַגערטער שלווה. ניט מער ווי קנאָספּן, קיינמאָל קיין פּרי. ער איז שטימונגספול, דער טרויעריקער, צאַרטער פּאָעט נ. י. גאַטליב. און אין שטימונג צאַפּלט ער אויס אַז אָדע צו לעבן און ליבע.

ג

„אינצווייען" איז דער נאָמען פון דעם אינטימען לידער־ציקל, אין וועלכן דעם דיכטער זינגט זיך פון לייב און לעבן. ער און — זי. אמת, אין הינטערגרונט פון דער ליבע שטייט ווידעראַמאָל די דערמאַנונג. דאָס איז די דערמאַ־

נונג אריבערגעטראָגן אין דער איצטיקייט אריין. אין קעגנזאַץ צום ערשטן ציקל, ווו דעם דיכטער זינגט זיך אונטערן שלייער „ס׳דערמאָנט זיך מיר״ . . . אַ ווינ־טערדיקע נאַכט ווען דער טאַטע ריכט אָפּ חצות; ווי ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין הויפל, ווו זיי וווינען; ווי ער איז באַגאַנגען די ערשטע עברה (פריי־טיקצונאַכטס אומגערן פּאַרלאָשן אַ ליכט אין לייכטער); ווי דער טאַטע זיצט שבעה נאָכן זיידן. ס׳דערמאַנט זיך אַ פאַרנאַכט מיט דער מאַמען ביים ניעמאַן. ס׳דערמאָנט זיך אַ פאַרטאָג, אַ פּראַסטיקער, ווי ער, אַ „נפשל פון פינף, צי פון זעקס״, האָט מיטן טאַטן געשפּאַנט צום ערשטן מניז. אין דער פּריזמע פון דער פריער קינדהייט זעט דער דיכטער בילדער פון דער פרומער היים, און די פּלאַגן פון אַן עלף־יאַריקן לערנער אינדערפרעמד, וואָס „עסט טעג״ ביי אָרעמע גוטע און רייכע, פּאַרריסענע באַלעבאַטים. און ס׳דערמאַנט זיך דעם מידן פּאָעט די דערוואַכונג פון ערשטן ליבע־געפיל, דער אויפשפּראָץ פון אהבת נפש, וואָס איז „פון איר געשטאַלט באַזעסן״.

אַ פאַרביק קאַפּיטל איז דער טייל „אינדערפרעמד״. דער עלף יאָריקער מתמיד עסט אינדערפרעמד ברויט מיט טיי, שלעפט וואַסער פאַר אַ שטוב, ווו מע גיט אים אַ „טאָג״ צו עסן. ער שלאָפט אויף אַ האַרטער באַנק. ער פרירט פון קעלט אין בית מדרש. מען טרייבט אים און עס טרייבט די נויט. נייע האָריזאָנטן עפענען זיך פאַרן תורה־לערנער. ער זוכט תכלית אין דער אָרעמער ליטע. ער ווערט אַ חלוץ, לערנט השכלה, קומט אָן אין דער גרויסער אייראָפּע: בערלין, פאַריז. עס דערוואַכט אין אים די מוזע. כאָטש אין יאוש, טראָגט זיך דער אויפקומענדיקער דיכטער איבער באַלאַדישער נאַכט מיטן „זעקל אויפן אַקסל, אין דער האַנט אַ שטעקן, שנייאיק ציען פעלדער, שנייאיק פירן וועגן״. און ער צעשמועסט זיך, ווי אַ בעטלער־פּרינץ פון דער מוזע, מיט דער אַלטער, עלנטער לבנה.

לאַנגע שטרעקעס פון פּיין אויסגעפּלאָסטערט, אומעטיקע דערפאַרונגען אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן און — אויף צוריקוועגס דערמאָנט זיך אין דער פרייד, וואָס אַמאָל, אמאָל דערווישט אין שוים פון דער צניעותדיקער, דער פאַרשייטער ליבע. אויך ווידוי׳דיק איז דער ציקל „אינצווייען״, דאָך אָטעמט ער מיט דראַנג, מיט לוסט:

> אַ הימל אַ בלויער אויף אַלע פיר זייטן,
> אַ רחבות אַ העלע אויף אַלע אָרומען;
> כ׳על טרינקען דיין בראַנפן, מיין פרוי מיין פאַרשייטע,
> כ׳על עסן דיין האָניק, מיין מיידל מיין פרומע.

עס איז די ליבע פון געווען. היינט איז צודרינגלעך דער שפּאַרנדיקער האַרבסט. אַזוי זינגט ער, אַזוי מעדיטירט ער אויפן קול פּנים אל פּנים מיט דער, וואָס באַגלייט אים אין דעם „אינצווייען״, וואָס באַשטראַלט אים מיט רגעדיקן חלום. אין אמתן איז אַלץ עבר—זאָגט דער דיכטער אין ריטמישן פּערז, ניט זעלטן אין געצאַמטער סאָנעטן־מאָס. „איך גלויב זיך ניט, מיין ווייב, איך גלויב זיך ניט, מיין ליבע: געשען עס האָט געקענט אַדאָס, וואָס איז געשען״. ס׳הייסט:

אַלץ איז אילוזיע. אין דער וואָר איז אַלץ טריב, שווער. אין אמתן וואָרט שוין דער לעצטער וועג. עלעגיע, שקיעה. מחמת דעם — דאָס גריזשעניש פון געוויסן, אַז ערגעץ אינדערנאַענט ליידט אַ מענטש אויף קראַנקנבעט, ערגעץ ווערט געקוועלט אַ תפיסהניק אין דער צעל: דאָ לאַכט מען — אינדערנאָענט גוססט עמעץ פון הונגער, פון מענטשנס בייז. די וועלט איז פאַרדאָרבן. דאָס לעבן אַ לאַסט, די פרייד איז אַ זינד, מחמת זי קען ניט זיין פולקום. דער יאוש וואָרגט דעם דיכטער פונעם לאַנד דעם לידערישן. עס טריפט זיין האַרץ און די ליפּן שעפּטשען אוים עפּיטאַפּיש:

איז אויך גאָטליב שוין ניטאָ — אַ שאָד, אַ שאָד,
שטיל־צעקוואַליקט אָפּגעפלאַסן איז זיין לעבן;
שווער געמיט זיך — יעדן טאָג, אַ יעדע שעה,
און פאַר ברעקלעך — פונעם בעסטן אָפּגעגעבן.

עס איז אין יידישן נוסח ס'גאַנצע לעבן זיך צו גרייטן צום לעצטן וועג. גייסטיק, נשמהדיק זיך צו לייטערן אין אָנבליק פון גורל דעם אומבאַשטימטן. און דאָס טוען אַגב נאָר יידן אין די יאָרן. אונזער דיכטער איז נאָך ווייט ניט אין אַזאַ עלטער און ער איז נאָך בלי עין הרע ביי די כוחות. אַ באַוויז — דאָס אַקאַרשטיקע בוך, וואָס איז פול לעבצעניש צום לעבן. אויף נ. י. גאָטליבס נעק־ראָלאָג דאַרפן מיר בכן מאַכן אַ „טפוי, טפוי, אין אַלע וויסטע וועלדער אַריין!״.

* * *

אין עצם איז אונזער מחבר אַריינגעטאָן רק אין דער ספערע פון פּאָע־טישער אינדערלייטערונג. די כמורע שטימונגען זיינע רעפלעקטירן בכן ווי עכאָס פון זיין אומעטיקן לידערלאַנד. און אַזאַ איז נ. י. גאָטליב אונז ליב.

„די יידישע צייטונג״,
בוענאָס איירעס, 1958

יעקב באטאשאנסקי

# דער חלוץ צו גאַסט אין דער יידישער ליטעראַטור

דער דיכטער נ. י. גאָטליב, וואָס שטאַמט פון קאָוונע און געפינט זיך זייט אַ סך יאָרן אין קאַנאַדע, ווו ער האָט אַרויסגעגעבן דריי בענדער לידער („בלויע גנאָד", „גאַנג" און „זעגלען אין זון"), האָט היי־יאָר אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאָל אַן „ערשט בוך פון אַ טרילאָגיע" א. נ. „איבערבוי", וואָס איז אויך דאָס ערשטע בוך אין יידיש פון חלוציש׳ן לעבן. אין צוויי דריטל פון ווערק באַשרייבט דער מחבר אַ „גליל" (געגנט) פון צוועלף חלוצישע קבוצות (קאָ־לעקטיווע קאָלאָניעס). לייענסטו און חידושט זיך, וואָס מען האָט נאָך ביז איצטער ניט באַשריבן דאָס דאָזיקע אייגנאַרטיקע ווינקל אין אונזער לעבן.

נ. י. גאָטליבס „איבערבוי" איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ ביאָ־גראַפיע. ס'איז די געשיכטע פון איינעם אַ בחור יוסף, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ ראש ישיבה אין קאָוונע און בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיין גאַנצע משפחה געמוזט עוואַקואירן ווייט קיין רוסלאַנד און דער פאָטער איז הינטערוועגנס קראַנק געוואָרן. יוסף איז ניט געבליבן איינעם מיט דער פאַמיליע, נאָר מען האָט אים אַוועקגעשיקט ערגעץ צו אַ קרוב, ווו ער האָט געלערנט אין אַ בית מדרש און געגעסן „טעג" ביז די רעוואָלוציע האָט אויס־געבראָכן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ פערצן יאָריקער בחור און די רעוואָ־לוציע האָט אים אָנגעהויבן ציען צו זיך און ער וואָלט מסתמא געווען אַריינ־געצויגן געוואָרן אין איר שטראָם אַריין, ווען ער באַקומט ניט אַ בריוו פון זיין מאַמען, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן און זי בעט אים, אַז ער זאָל אַהיים קומען. דאָס אַהיימפאָרן אין דער צייט פון רעוואָלוציע־אויסברוך איז געווען אַן אַדיסעע. ביז יוסף איז אָנגעקומען אַהין, ווו זיין פאַמיליע האָט געוווינט, האָט ער זי שוין דאָרט ניט געטראָפן און ער איז געפאָרן ווייטער, און ער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ באַראַק און ס'האָט אים געדראָעט פאַרברענט צו ווערן איינעם מיט אַנדערע יידן, און ער האָט איבערגעלעבט באַליידיקונגען און פּאַניק, און ער איז דערווייל קראַנק־געוואָרן אויף פלעק־טיפוס און דערנאָך אויף אַן אַנדער סאָרט טיפוס און אויף לונגען אַנטצינדונג, און ער איז אַזוי געלעגן אין אַ שפּיטאָל פינף חדשים. און ערשט נאָך אָט דעם קאָשמאַר האָט ער זיך אומגעקערט צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך שוין צוריק געפונען אין קאָוונע, וואָס איז שוין מער ניט געווען עפּעס אַ שטאָט, נאָר די הויפּט שטאָט פון ליטע. קיין גרויס עשירות האָט יוסף איצטער אויך ניט געטראָפן אינדער־היים, איין ברודער איז געווען דער ברויטגעבער. יוסף האָט געפּרווּט זיין מזל ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. די מאַמע האָט אים אויך געפּרווּט פאַרקנסן פאַר אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט רייכע ברידער אין „ברעזיליע" און זיך געקליבן פאָרן אַהין, אָבער עס איז פון שידוך גאָרניט געוואָרן. אונזער העלד האָט דער־ווייל פאַרבלאָנדזשעט אין אַ ביבליאָטעק אַריין און איז געוואָרן דאָרט אַ לייע־נער, און אין משך פון אַ שטיק צייט איז ער געוואָרן גאָר אַ באַלעזענער בחור, איבערהויפּט אין העברעאיש און דער ביבליאָטעקאַר האָט אים געשיקט צום

חלוצישן „מרכז" (צענטער). די אָנפירער פון „מרכז" האָבן פאַרשטאַנען, אַז יוסף דאַרף זיך ניט אָפּגעבן מיט פיזישער „הכשרה" (צוגרייטונג), נאָר מען קען אים אויסנוצן אויפן קולטורעלן געביט, ווייל ער איז א קענער פון חלוציזם, ציוניזם און פון אַרבעטער־באַוועגונג. און אַזוי ווי אברהם, דער „מורה נודד" (וואַנדערנדיקער לערער) פון דעם גאַנצן „גליל" פאַרט אַוועק, לייגט מען יוספן פאָר צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ. און אַזוי אַרום זעען מיר יוספן צווישן אַלע „קבוצות" און מיר באַקענען זיך מיט דער גאַנצער חלוצישער סביבה און מיט פאַרשידנערליי טיפּן.

נ. י. גאָטליב ווענדט דאָ אָן פאָרם פון ביאָגראַפיע ניט נאָר לגבי זיין הויפּט־העלד, נאָר אויך לגבי אַנדערע העלדן, וואָס ער באַשרייבט. קען מען לייכט זיך געבן חשבון פון וואָסאַרא קרייזן די חלוצים שטאַמען. צום מערסטן קומען זיי פון רייכע, אָדער מיטעלע עלטערן, און זיי פאַרלאָזן זייערע היימען ניט ווייל זיי פעלט עפּעס עקאָנאָמיש, נאָר ווייל זיי זענען גייסטיק ניט באַ־פרידיקט און ווייל דער אינסטינקט זאָגט זיי אונטער אַז אינדערהיים ביי די עלטערן, האָבן זיי קיין שום צוקונפט ניט. אָבער פאַראַן אויך דעקלאַסירטע, וואָס די איצטיקע נויט טרייבט זיי צו די חלוצים. מיר טרעפן דאָ די הברטע בלאָט, וואָס איז אַ טאָכטער פון אַ יידישן פּאָסעסאָר און די חברטע תחיה, וואָס איז געווען אַ טענצערין אין אַ באַלעט און מען האָט איר פאַרויסגעזאָגט א קינסטלערישע קאַריערע. אין דער „קבוצה" קאָכט תחיה און זי האַלט, אַז דאָס קאָכן איז אַ פּראָדוקטיווע אַרבעט. מיר טרעפן דאָ די חברטע חביבה, וואָס האָט אינדערהיים געהייסן ליבקע און איר טאַטע איז געווען אַ שוחט, וועלכן די ווייסגוואַרדייער האָבן געקוילעט.

אין די חלוצישע קאָלאָניעס הערשט אַ קאָלעקטיווער גייסט און אַ זעלטע־נער געפיל פון בשותפותדיקייט און גלייכקייט. קיינער זוכט ניט קיין פּראָטעק־ציע, קיין באַזונדערע פּריווילעגיעס פאַר זיך. בכלל הערשט אָרדענונג און דיס־ציפּלין, און ווען עס טרעפט זיך אין איין קאָלאָניע ווערט איינגעפירט אַ חסידיש־באַהעמישער שטייגער פון ניט־געצוימטער פרייד און נאַכלעסיקייט, וואָס עס פירט איין איינער אַ הורוויץ, ווערט דער דאָזיקער „סיסטעם" לאַנגזאָם באַקעמפט.

עס איז אינטערעסאַנט די באַציאונג פון איין קאָלאָניע צו דער צווייטער — פאַראַן אַ באַשטימטער לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם. איין גרופּע איראָניזירט די צווייטע, באַשענקט זי מיט א צונאָמען, אָבער קיין שנאה הערשט ניט. דער לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם איז אַ מאָטיוו פאַר הומאָר און קיבעץ, וואָס רופן אַרויס פרייד, אָבער ער איז ניט קיין מאָטיוו פאַר פאַרביטערטן קאַמף.

אונזער מחבר האָט אַ ריי גאַנץ אייגנאַרטיקע טיפּן. אייניקע פון זיי קומען אין קבוצה אַריין נאָך דעם, וואָס זיי האָבן שוין אויסגעפּרוווט אַלערליי באַשעפטיקונגען, שלמהלע, למשל, איז שוין פריער געווען אַ פּראָווינציעלער אַקטיאָר און אַ חזן און אַ מאַרק־הענדלער און ער האָט געהאַלטן אין איין זוכן דעם וועג צו זיך. דער אַריבער פּערציק יעריקער פּייווע איז געקומען אין דער קאָלאָניע אַריין מיט אַ „קרעמל" אויף די פּלייצעס און האָט אַוועקגעשיינקט

דער „קבוצה" זיין סחורה און ער איז דאָרט געבליבן. אָבער נ. י. גאָטליב באַשרייבט ניט נאָר יחידים, נאָר ער גיט איבער דעם גאַנצן קאָלעקטיוון ריטם פון אַרבעט, גערֹאַנגל און פרייד. פעטס, שמאַלץ, אָדער פּוטער, איז אַ גרויסע נאָווינע אין דער קאָלאָניע און אפילו מאַרגאַרין איז אויך ניטאָ. עסט מען געוויינלך מאָגערע קניידלעך, און ווען מען עסט איין מאָל אין דער וואָך קניידלעך מיט מאַרגאַרין, רופט מען זיי „כדורים" (קניידלעך) מיט „נשמות", און עס ווערט אַ גאַנצע גדולה, און עס ווערט ממש אַ יום טוב.

דאָס בוך ענדיקט זיך דערמיט וואָס יוסף לעבט זיך אַריין אין דעם „גליל", ווו עס ליגן צוועלף קאָלאָניעס, אַזוי ווי אַמאָל די צוועלף שבטים אין דער מדבר, און ער ווערט דאָרט אַ לערער, אַ וועגווייזער, כאָטש ער איז נאָך זייער יונג און ער דאַרף נאָך אַליין לערנען און אַליין זוכן דעם וועג. פאַראַן אַנזאַגן אויף אַ ראָמאַן צווישן יוספן און חביבהן (אָבער גאָר לאָהן . . .) אָבער נאָר אַן אָנהויב.

דער ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע לייענט זיך זייער לייכט און מיט פאַרגעניגן. דאָך מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז מיר לייענען ניט אַ בעלעטריסטיש ווערק, נאָר רייזע־איינדרוקן. די ביאָגראַפיע פון יוספן ביז ער ווערט אַ חלוץ איז אַ געשיכטע פון אַ רייזע און די באַשרייבונג פון די קאָלאָניעס איז ווידער ווי אַ באַשרייבונג פון איינעם.וואָס איז געקומען אין „מרכז" אַריין און אין „גליל" אַריין, האָט זיי גוט באַקוקט, זיך גוט באַקענט מיט דער סביבה און מיט די יחידים און זיי באַשריבן מיט ליבע און מיט אַ דינעם הומאָר. אָבער די גאַנצקייט פון אַ בעלעטריסטיש ווערק פעלט. די דאָזיקע גאַנצקייט פעלט אין הויפּט־העלד נאָך מער ווי אין דער סביבה. יוסף איז צום מערסטן גע־שילדערט פון דרויסן. פון אינעווייניק ווייזט אים דער מחבר קוים־קוים. אַנאַ־ליטיש איז ער ווי ס'איז ניט איז פאַראַן, סינטעטיש — ניט. אָבער דאָס בוך איז פונדעסטוועגן זייער אינטערעסאַנט אַ דאַנק דער גענויער און האַרציקער באַשרייבונג פון די צוועלף קאָלאָניעס, אַ באַשרייבונג, וואָס איז אַ נייעס אין אונזער ליטעראַטור. מיר דערזעען דאָ, אַז די חלוצישע באַוועגונג איז אַ שטרע־מונג פון קליין און מיטלבירגער און דעקלאַסירטע יוגנט זיך צו איבערבויען און אַז דער סאָציאַליסטישער מאָמענט שפּילט דאָרט אַ באַדייטנדיקע ראָלע און אַז עס ווערט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו דערציען אַ סאָציאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע ביי דער יוגנט און אַז קאָלעקטיוויזם איז דאָרט ניט נאָר אַ וואָרט.

נ. י. גאָטליב האָט מיט דעם ערשטן טייל פון זיין טרילאָגיע זיך רעקאָ־מענדירט אַלס פּראָזע־שרייבער, וואָס האָט פאַר זיך ניט נאָר אַ ניי געביט אין אונזער ליטעראַטור, נאָך אויך אַן אָפענעם וועג. זיין פּראָזע פאַרמאָגט זאַפט און אימפּעט און ער קען מיט עטלעכע שורות אָפּמאָלן אַ מענטשן און ער קען אויך באַלויכטן אַ גאַנצע סביבה. דער יידישער לייענער וועט דאַנקבאַר זיין דעם מחבר פון „איבערבוי" פאַר זיין בוך. וויי̇ל ביז איצטער האָט דער יידי־שער לייענער ניט מער געוווסט וועגן דעם חלוץ ווי דאָס לידל:

חלוץ, חלוץ,
חלוצל פון פּוילן . . .

„די פּרעסע", בוענאָס איירעס, 1941.

נ. בן־חיים

# „חלוצים"

חלוצי ליטא הפזורים בכל פינות ארצנו, בקיבוצים ובמושבים, בכפר ובעיר, ימצאו תיאור נאמן מקטע יקר של חייהם, שחלף בשדות נכר — בקבוצי ההכשרה בגליל ממל — בספר השירה „חלוצים" לנ. י. גוטליב, שהופיע לא מכבר (ביידיש) בקנדה והמוקדש למדינת ישראל.

נ. י. גוטליב הכיר יפה את ההוי החלוצי בקיבוצי ההכשרה בגליל ממל (קלאיפדה).

בשלושים וחמשת שיריו נותן הוא ביטוי חם לתקופה החלוצית ההיא, מלפני עשרים וחמש שנה, כאשר בגליל ממל היו שתים עשרה קבוצות חלוצים, מטובי הנוער בליטא, שנטשו בית אבא־אמא, את חיי העיירה השלוים רוגעים, את כל היקר להם, ונהרו בהמונים לעבודה יוצרת מחדשת, לחיים חדשים, לשדה ולניר, וחלומם־כיספם — ארץ־ישראל.

בפני קשיים עצומים עמדו אז הנער והנערה החלוצים. על הרבה מכשולים צריך היה להתגבר. לא קל היה לעמוד בניר יחד עם הפועל־השכיר הגרמני־ליטאי המנוסה, שנולד על ברכי החקלאות והעבודה. היה הכרח להתאמץ, שלא לפגר בקציר ובאילום בלהט ירחי הקיץ, ובעבודת־חצר בחדשי הסגריר והחורף. צריך היה להתגבר על תנאי השיכון והכלכלה, להירתם בכיבוש עבודה ממש, בשביל לסתום את טענות המפקח האנטי־שמי (הגרמני), שהיהודים אינם רוצים ואינם מסוגלים לעבודה פרודוקטיבית. ומאידך קראו מכתבי אבא ואמא לשוב הביתה... חן העיירה הליטאית הרוגעת והשלוה קרץ, רמז ומשך... והלק מהנוער אמנם לא עמד בפני פיתויים אלה, וחזר. אבל הרוב גבר על הכל.

בינתים בגרו הנער והנערה בנקודות ההכשרה. עבודת השדה, רוח השיתוף, השפה העברית, השירה והריקוד ליכדו ורוממו את הרוח. ומרחוק — רמזו האורות מפלוגות הגדוד ע"ש י. טרומפלדור, הספר „יזכור" חיסן וחישל. נגוהות דגניה וכנרת הגיעו ע"י „השליח", ו„לאחר ימים ארוכים של קציר", של חריש ושידוד, לאחר „שיחה" על חיי הארץ, לאחר שיעור בעברית, נרדם הנער, נרדמה הנערה וחלומות פז פקדו את הישנים, — „בשדות של העמק" . . .

מהרגעים האלה היקרים מפז, מהיפים ביותר בחיי החלוץ בקבוצי ההכשרה בליטא, שזר וארג נ. י. גוטליב את שיריו.

למעלה משתי עשרות שנים חלפו מאז. אבל מי שהיה נוכח במעמד זה בקיבוצי החלוץ בגליל ממל או במשק „כיבוש" בפלדנוגי, — לא ישכחהו עד ערוב ימיו. היתה זו חויה עמוקה זוהרת ומזהירה לנצח. חלוצי ליטא באשר הם שם, יכירו תודה למשורר, על שהנציח תקופה יקרה בחיי הנוער היהודי בליטא, ויודו למשורר מתרגם שיקום להריק את שירי נ. י. גוטליב לשפה העברית.

„דבר", תל־אביב, 5 אויגוסט, 1949

יוסף גאַלאַי

# נ. י. גאָטליב׳ס ניי בוך „אײדער עס װערט נאַכט“

אַמאָל — און אַט־דער „אַמאָל“ האָט אָנגעהאַלטן ביז גאָר ניט לאַנג צוריק — האָט אַ דיכטער, אָדער סתם אַ שעפערישער מענטש, געדאַרפט זײן דורכגעדרונגען מיט טיפער אמונה אין דעם מענטשן כדי צו גילטן װי אַן עכטער קינסטלער. אַזױ איז עס געװען אין דער ײדישער ליטעראַטור, און אױך בײ די אומות העולם. דער פּאָעט האָט געמעגט װײטיקן פון די יסורים װאָס ער און זײנע מיטצײטלער מאַכן דורך; ער האָט געמעגט, װי די פּאַרצײטיקע נביאים, דונערן קעגן רציחה און חיה׳שקײט אינעם מענטשן, אָדער קלאָגן אױף דעם גורל פון די שװאַכע און הילפלאָזע קרבנות פון מענטשלעכע רשעות. אָבער מיט דעם אַלעמען האָבן דעם קינסטלערס שאַפונגען געמוזט װיברירן מיט האָפנונג און אָטעמען מיט אומבאַװיגזאַמען גלױבן אין דעם סוף־כל־סוף׳יקן טריאומף פון דער גוטסקײט װאָס שטעקט ערגעץ אין דעם בחיר־היצורים.

אין אונזערע טעג איז אָבער אַט־די אײנגעגלױבטקײט אין דעם ענד־גילטיקן זיג פון יושר און ברידערלעכקײט היפּש צעטרײסלט געװאָרן. מיר זײנען געװען עדות פון מאױם׳דיקע אַנטװיקלונגען װאָס האָבן היפּש אָפּגעשװאַכט דעם גלױבן, אַז דאָס שלעכטע איז אַ פאַרבײגײיענדע דערשײנונג, און אַז אוני־װערסאַלע ליבע איז די „קװאַליע פון דער צוקונפט“. און זיכער קאָן מען הײנ־טיקע צײטן ניט מאָנען בײ אַ ײדישן דיכטער ער זאָל בײ די נאָך־ניט פאַר־טריקנטע נהרות דם, די טײכן פון הפקר׳דיק־פאַרגאָסענעם ײדישן בלוט, זינגען פון האָפנונג און בטחון אין דער צוקונפט, אױב ניט, פון פרײד אין דער קעגנ־װאַרט.

אין דעם לעצטנס דערשינענעם בוך „אײדער עס װערט נאַכט“ פון נ. י. גאָטליב פעלן ניט קײן קײן גוטע לידער, אָבער עס פעלט דער גלױבן אין דער גוטס־קײט פונם מענטשן. אין דעם בוך זײנען דאָ לידער װו פון יעדער שורה שרײט אַרױס די מורא׳דיקע פּײן און אַגאָניע פון מיליאָנען ײדן װאָס זײנען אומגע־בראַכט געװאָרן דורך רוצחישע הענט. דאָס זײנען לידער װעלכע באַװײנען דעם אומקום פון אַ ײדישער װעלט װאָס איז געװען דעם דיכטער׳ס גײסטיקע פעס־טונג און קװאַל פון אינספּיראַציע. אױך זײנען דאָ אין דעם בוך לידער אין װעלכע עס קומט צום אױסדרוק דאָס רײן־סוביעקטיװע, לידער װאָס זײנען אָנ־געלאָדן מיט לירישן אומעט און ציען אונטער אַ קוהלת׳דיקן סך־הכל פון יסורים׳דיקע טעג און יאָרן. אין די דאָזיקע לידער פעלט אױך ניט גאַליקער סאַרקאַזם און איראָניע אױפן חשבון פון אַ היפּש־מגושם„דיקער סביבה װאָס איז פאַרקאָכט אין אַרײנכאַפּן אַזױ פיל עולם הזה װי עס לאָזט זיך נאָר, און אין װעלכער אַן עמאַציאָנעלער דיכטער פילט זיך פרעמד, פאַרשטױסן און אָפּ־געזונדערט.

אָבער זאָל דאָס ביז־איצט געזאָגטע ניט אַרײנפירן דעם לײענער אין אַ טעות. „אײדער עס װערט נאַכט“ איז בפירוש ניט דורכאױס אַ מגילה פון צער

און צאַרן. אויב דעם פּאָעט פּעלט גלויבן אינם מענטשן איז ער אָבער איבער־געלאָדן מיט ליבע צו דער נאַטור. ער גאַרט נאָך וואַלד און פעלד, נאָך בוים און גראָז, און פילט זיך אינם שויס פון דער נאַטור ווי אַן אויסגעלייטערטער פון אַלע ספקות און בלאָנדזשעניש, און ווי אַ מידער וואַנדערער וואָס האָט דערגרייכט אַ זיכערן מקום מקלט, אַן אומגעבונג וואָס צערטלט און באַרואיקט. נאָכן אַרויסרייסן זיך פון געפאַנגענשאַפט אין וועלכער עס האַלט אים די ניט־פריינדלעכע שטאָט, אָט־דאָס „געפלעכט פון אייזן און גראַניט", פילט דער פּאָעט זיך ווי אַ באַפרייטער פראַוועלנדיק התבודדות אין דעם אוראַלטן וואַלד וווּ ס'איז אים נאָענט יעדער קוסט און גרעזעלע. אים איז אויך ליב יעדע שטומע באַשעפעניש אין אָט־דער וועלט וואָס איז פריי פון מענטשלעכער קנאה־שנאה, און צו וועלכער ער פילט אַזאַ צאַרטקייט און צוגעבונדנקייט.

אין „איידער עס ווערט נאַכט" האָט גאַטליב פיל לידער געווידמעט דער נאַטור, און אַ צאָל פון זיי זיינען, לפּי עניות דעתי, די בעסטע אין דעם בוך. אין אָט־די לידער איז דאָ ניט בלויז קינסטלערישע אַרכיטעקטור און האַרמאָנישער קלאַנג, נאָר אויך עכטע פּאָעטישע וויזיע וואָס דערהויבט דעם לייענער און פירט אים אַרויף אין אַ העכערער ספערע.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון אַזאַ ליד (פון דעם ציקל „וואָס מאַכסטו וואַלד", ז. 14):

דער מענטש — מע זאָגט — ער קומט אַרויס פון אַפּן
און איז אַמאָל אַראָפּ אויף ערד פון בוים;
אַצינד, מיט וויסן רייך אַזוי באַוואָפנט,
ער שיקט שוין אַפּן אויף אַ פּרואוו אין רוים;

און גרייט אַליין זיך אין ראַקעטן פליען
צו דער לבנה, צו דעם רויטן מאַרס;
און חלומט נאָך פון ווייטערע נסיעות,
דעם אוניווערז אַרומרייזן ער גאַרט.

נאָר ס'פאַלגט אים נאָך אויף אַלע זיינע וועגן
ניט גוטס, נאָר בייז, ניט אויפבוי, נאָר צעשטער;
און ניט באַפרייען וועט ער זיך פון פּלאָגן,
דערגרייכנדיק די סאַמע טיפסטע ספער.

און אומעטום דער טויט עס וואַרט אים אָפּעט,
און קבר'דיקע, ווערעמדיקע „רו";
צי אויף דער ערד דאָ — מיט אַ שטיין צוקאָפּנס,
צי אויפן מילכוועג און — נאָך ווייטער וואו — — —

איז בעסער שוין ניט אומפליען אין רוימען,
ניט אומיאָגן אין רווישיקער מאַשין;
און בלייבן דאָרטן, מיט די שטילע בוימער —
צעהוידעטע אין דופטנדיקן ווינט.

איז בעסער שוין די גרויסע שטעט פאַרלאָזן,
די מויערן — אין אייזן און בעטאָן;

און בלייבן דאָרטן, מיט די קליינע גראָזן —
אין רונדן טוי, אין קלאָרן אָנגעטאָן.

✶ ✶ ✶

נ. י. גאָטליב״ס לידער האָבן שטענדיק פאַרמאָגט לירישע ווייכקייט, מוזיקאַלישן ריטם און געשליפענע פאָרם. ער האָט קיינמאָל, ווי ווייט מיר ווייסן, ניט געזוכט צו אימפּאָנירן דעם לייענער מיט „אומפאַרשטענדלעכער" פּאָעזיע. און דאָס איז, מוז איך מודה זיין, איינע פון די סיבות וואָס האָבן מיך תמיד באַוואויגן צו שעצן שטאַרק זיין טאַלאַנט אפילו ווען אַ ליד איז ניט אַרויסגע־קומען צו־געראָטן, אָדער האָט פאַרמאָגט מער עלעגאַנטע פאָרם ווי קערנדיקן אינהאַלט.

אין „איידער עס ווערט נאַכט" זיינען אויך דאָ לידער וואָס זיינען בלאַ־סער ווי אַנדערע, אָבער אפילו אין די שוואַכערע פילט איר דעם עכטן לעבנס־אָטעם פונם דיכטער, זיינע זעלישע איבערלעבונגען, דורכגעציטערטן געפיל און פיינלעכע איינזאַמקייט. ער מעג איבערכאַפּן די מאָס אין סאַרקאַזם און ביטערניש ווי אַ מקונן וואָס שטראָפט זיין סביבה, אָבער איר פילט אַז דאָס זיינען ווערטער וואָס קומען פון אַן אָנגעווייטיקטן געמיט און פון אַ ליידנדער נשמה.

אָבער שוין מיט אַט־די שוואַכערע לידער געפינט איר אין גאָטליב׳ס ניי בוך אַ שפע קרעפטיקע שאַפונגען וואָס הויבן זיין סטאַטור אַלס פּאָעט, קינסט־לערישע שאַפונגען וואָס באַווירקן אייך מיט זייער רעיון און דיכטערישער זע־אונג. עס ווערט אייך קלאָר אַז גאָטליב האָט געמאַכט אַ גרויסן שפּריין פאָרויס אויף זיין שעפערישן וועג און האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה פון רייפקייט און אויסגעוואַקסנקייט. און אַט־דאָס איז, ווי עס שיינט, אַ רעזולטאַט פון שווע־רער מי און פאַרפאַלקאָמונג פון דעם איינגעבוירענעם טאַלאַנט, סיי אין שייכות צו אינערלעכער פאַרטיפונג, און סיי אינם זין צו תופס זיין דעם אמת׳ן גייסט און כאַראַקטער פון אונדזער צייט און דעם תכלית פון לעבן.

און אויב אַ דיכטער דערגרייכט אין זיין קונסט אַ העכערע מדרגה מיינט עס, אין לעצטן סך הכל, אַז ער קומט־צו נענטער צום לעבן און באַהעפט זיך ענגער מיט אַלץ וואָס טראָגט אין זיך די זוימען פון ווייטערדיקן קיום און פון אַ בעסערן און ליכטיקן מאָרגן. דעריבער איז אויך זיין פּעסימיזם, זיין פּראָטעסט־געשריי קעגן דער געפאַלנקייט און פאַרדאָרבנקייט פונם מענטשן אין דער איצטיקער צייט, אַ רוף צו אויסבעסערונג און אויסגלייטערטקייט.

איך קאָן זיך ניט צוריקהאַלטן פון ברענגען דאָ אַ מוסטער פון אַזאַ ליד אין וועלכן גאָטליב׳ס טאַלאַנט אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין זיין קרעפטיקער מאַטוריטעט, אַ ליד וואָס איז קינסטלעריש שטאַרק אין פאָרם, רעיון און אפילו „אומהיילבאַרן" טיף־מענטשלעכן אָפּטימיזם (פונם ציקל „פּאָעט", ז. 105):

ניט אויסגעשעפּט עס איז נאָך אַלץ די פרייד
פון דינע זילבן, ריטעמדיקע ווערטער:
אַ נאַכט אַ שוואַרצע לאָזט זיך אויס, פאַרגייט
און — ווידער בליט אַ טאָג אויף אַ צעהעלטער.

עס צינדן זיך די מזרח־ברעגן אָן
אין אַ געמיש פון רייציקע קאָלירן;
כּל־זמן די הייך אין בלוי איז אָנגעטאָן,
איז פול די זעל מיט חלום און מיט שירה.

כּל־זמן די ווייט, אַ שיינענדיקע, רופט —
איז, ווי אַ ווינטל, זיך צו איר געלאָזן;
מיט זינגעניש עם ברויזיקט גאַרער גוף
און — ס׳ענטפערן די ביימער מיט די גראָזן.

אַ פרישע ערד, אַ פרילינגשע צעשטרעקט
איר גרין געהיל, איר טויאיקן געפינקל;
און זון, זי גאָלדיקט אויף אַ יעדן וועג,
און זון, זי ליכטיקט אין אַ יעדן ווינקל.

צו ווייט! מיט זון אין אָפן־פרייעם בליק,
צו ווייט! מיט זון אויף אָפן־פרייע וועגן;
כּל־זמן אין הארצן ציטערט נאָך אַ ליד —
אַ ציל עס האָט, אַ גרויסן ציל דאָס לעבן.

ניט אויסגעשעפּט עס איז נאָך אַלץ די פרייד
פון דינע זילבן, ריטעמדיקע ווערטער;
אַ נאַכט אַ שוואַרצע לאָזט זיך אויס, פאַרגייט
און — ווידער בליט אַ טאָג אויף אַ צעהעלטער.

„קענעדער אַדלער״, מערץ 25טן, 1962.

יוסף גאר

## קלאָג־לידער אויפן פאָלקס־חורבן

די ריזיקע קאַטאַסטראָפע, וואָס דער רוצחישער היטלעריזם האָט גורם געווען אין אונדזער פאָלקס־לעבן, נעמט ביסלעכווייז געפינען איר תיקון ניט נאָר אין דער פּובליקירונג פון זכרונות, כראָניקעס א. א. היסטאָרישע דאָקומענטאַציעס, נאָר אויך אונדזער קינסטלערישע ליטעראַטור, בעיקר די דיכטונג, לאָזט וואָס־ווייטער דק מער הערן איר שטים וועגן אונדזער אומדערהערטער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע. אין דעם פּרט איז כּדאַי צו דערמאָנען לייוויקס „אין טרעבלינקע ביז איך ניט געווען״, סוצקעווערס „די תּפיסה״, סעגאַלאָוויטשעס „דאָרטן״, טקאַטש׳ס „בלוט שרייט פון דער ערד״ א.א.וו. אויך נ. י. גאָטליבס „ליטע, מיין היימלאַנד״ געהערט צו אונדזער מאָדערנער איכה־ליטעראַטור.

✶ ✶ ✶

קודם־כּל אַ פּאָר ווערטער וועגן נח־יצחק גאָטליבן.
דער דאָזיקער פּאָעט, וואָס שטאַמט פון ליטע־לאַנד און געפינט זיך שוין

אנדערטהאלבן צענדליק יאָר אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, האָט באַוויזן במשך זיין דיכטערישן שאַפן צו פאַרעפנטלעכן אַ גאַנצע ריי לידער־ביכער, ווי למשל: „בלויע גנאָד", „גאַנג", „זעגלען אין זון", „נייע לידער" א. א.

אָבער ניט נאָר אַ פּאָעט איז נ. י. גאָטליב. ער האָט אויך אינטערעס פאַר עסייען. אין דעם פּרט איז ער ענלעך צו זיין ברודער, דעם באַקאַנטן ליט־וויש־יידישן דיכטער און עסייאיסט יעקב גאָטליב, וואָס איז פּאַראַיאָרן גע־שטאָרבן אין טורקעסטאַן, ווו ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן ביים אויסברוך פון דייטשיש־סאָוויעטישן קריג. אחוץ די עסייען, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע צייטשריפטן, האָט נ. י. גאָטליב לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ זאַמ־לונג עסייען וועגן סאָוועטישע שרייבער.

✶ ✶ ✶

„ליטע, מיין היימלאַנד" באַשטייט פון 2 טיילן לידער־זאַמלונגען. די לידער, וואָס קומען אַריין אין ערשטן טייל, זיינען געשריבן אין די יאָרן 1943־1945, און זיי ברענגען צום אויסדרוק דעם דיכטערס בענקשאַפט און טרויער אויפן חורבן ליטוויש־יידישן פאָלקס־לעבן בכלל און פון זיין אייגענער משפחה — בפרט. אין צווייטן טייל ווערן געבראַכט לידער, וואָס שילדערן די „החלוץ"־באַוועגונג אין ליטע אין די 20־ער יאָרן.

באַקענענדיק זיך נענטער מיט אָט די 2 מינים לידער־זאַמלונגען, מוזן מיר קאָנסטאַטירן, אַז הן טעמאַטיש, הן עמאָציאָנעל איז דאָ צו מערקן אַ בולטע פאַרשיידנאַרטיקייט. אין דער צייט, ווען אין דער ערשטער לידער־סעריע זעען מיר, ווי אויפן פאָן פון דיכטערס פּערזענלעכער טראַגעדיע (צוליבן אומקום פון זיין מוטער, ברידער, שוועסטער א. א. משפחה־מיטגלידער) קומט צום פאַרשיין די טראַגעדיע פון דער יידישער ליטע בכלל, ברענגט אונדז דער מחבר אין דער צווייטער לידער־זאַמלונג בילדער און פּאָרטרעטן פון דער חלוציאַנישער יוגנט אין ליטע פון פאַרן חורבן.

שוין אין זיינע ערשטע פּאָעמעס, ווי „קאָוונע", „סלאָבאָדקע", „דער ניעמאַן" א. א. אַנטפּלעקט פאַר אונדז נ. י. גאָטליב אַ פּאַנאָראַמע פונעם אַמאָ־ליקן פולבלוטיקן ליטוויש־יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס די נאַציישע רוצחים צוזאַ־מען מיט זייערע ליטווישע מיטשותפים האָבן אויף אַזאַ אַכזריותדיקן אופן חרוב ומחרב געמאַכט. מיט פיל פּיעטעט לעבט ער אויף פאַר אונדז בילדער פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין ליטע — קאָוונע:

...אינדערלופטן איבער דיר דאָ שוועבט
דער גייסט פון מאַפּו און פון בעל־מחשבות;
און ביי דיין ברעג דאָ אָטעמט נאָך און לעבט
דער גייסט פון מיינע דורותדיקע אבות".

„און ווו איך קער זיך, ווו מיין בליק עס פאַלט,
איז יידיש, יידיש — הונדערטער שוין יאָרן;
אַז אָפּט מיר דוכט זיך: ס'איז מיין פאָלק מיין אַלט
ביי דיינע ברעגן, ניעמאַן, דאָ געבאָרן". (ז. 30־31)

און פון סלאַבאָדקע:

„עס האָט דאָ מאפּו, דער סלאָבאָדקער טרוימער,
זיין „אהבת־ציון" זוניק אויסגעטרוימט".

(ז. 7)

און איצט —

„אויף זאַמד אויף געלן, ביי ווילִיע בלויער,
אַ געטאָדיקע ליגסטו אויסגעשפּרייט;
און נאַכטיש־פינצטער יאָמערט איצט דיין טרויער,
„און אויסגעלאָשן שטומט אַצינד דיין פרייד"

(ז. 21)

א שליידער־טוענדיק זיין צאָרנדיקע תוכחה־קללה אויף דעם הויפּט־שולדיקן אין אונדזער פאָלקס־חורבן — אויפן דייטשישן פאָלק — ווייס אָבער אויך דער דיכטער אין דער ווייטער קאַנאַדע, אַז אויך אונדזערע שכנים, מיט וועמען מיר האָבן במשך יאָרהונדערטער געלעבט אַ שטוב לעבן אַ שטוב, האָבן אַקטיוו זיך מיטבאַטייליקט אין די רציחות קעגן אונדז:

„עס זיינען ערדן דיינע, ליטע־לאַנד,
ביז ראַנד פאַרגאָסן מיט מיין בלוט אַצינדער;
און מיט די טמא דייטשן האַנט־ביי־האַנט
געקוילעט האָבן, ליטע, דיינע קינדער"

„און אין די דערפער דיינע ליגט דאָס גוטס
פון מיינע ווייסטע, חושכדיקע געטאָס:
די שיך און בגדים, אויסגעשמירט אין בלוט
פון מיינע באָבעס, זיידעס, מומעס, פעטערס"

(ז"ז. 87־88)

אָט פאַרוואָס, ניט געקוקט אויף זיין אינטימען צובונד צו ליטע, זיין היימלאַנד, קען דער דיכטער זיך ניט באַהערשן פון אויסגעשריי:

„און ס'גרוילט אַצינד מיך, ליטע, פון דיין ערד,
וואָס איז געוועזן מיר טייער לאַנגע יאָרן;
און ס'איז מיר, ליטע, איצטער מיט דיר שווער,
און פרעמד מיר, היימלאַנד, ביסטו איצט געוואָרן

(ז. 86)

ווייל —

...ס'גרוילט מיך, ליטע, ווען איך טו אַ קלער
פון יעדן דיינעם פלאַקסענעם ליטווינער;
קען זיין, מיין מאַמען האָט דערמאָרדעט ער,
קען זיין, מיין היים האָט ער מיט טויט פאַרכלינעט".

(ז. 88)

מען וואָלט נאָך געקענט ווייטער ציטירן די דאָזיקע פּשוטע, אָבער אין תוך אַזוי עכטע שורות פונעם מקונן אויפן חורבן פון דער יידישער ליטע. שוין דאָס ביסל געבראַכטע ציטאַטן זאָגט עדות אויף דעם, ווי ווייט אומגעפעלשט ס'קלינגט דאָס איכה־ליד פון נ. י. גאָטליב אויף אונדזער גרויסן פאָלקס־אומגליק.

* * *

און גוט האָט געטאָן נ. י. גאָטליב, וואָס ער לאָזט אונדז ניט איבער אין דער שטימונג פון נאַציאָנאַלן טרויער און פּעסימיזם. נאָך דער סעריע קלאָג־לידער קומט ביי אים די לידער־זאַמלונג וועגן דער חלוציאַנישער יוגנט, וועמענס אידעאַל ס'איז אויפן פּרינציפּ פון אַרבעט און קאָלעקטיוויזם צו שאַפן די יסודות פון אַ נייעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן אין ארץ־ישראל.

גלייך אין אָנהויב פון דער דאָזיקער לידער־סעריע פירט אונדז אַריין דער דיכטער אין דער אידילישער וועלט פון „ליטווישן גליל" (חלוציאַנישע קבוצות אין מעמעל־געביט), ווו מיר קענען טרעפן —

„פאַרברענטע בחורות, פון פּראַצע פאַרשוויצטע;
בחורים מיט פּלייצעס — אַ וואַנט פון אַ מויער,
און ליפּן — צעשמייכלט, און בליקן — צעבליצטע,
און ס'אָטעמט פון יעדן מיט שטאָל און מיט רוי־ערד".

און מיר דערוויסן זיך, אַז דעם חלוץ, דעם פּיאָנער פון אַ נייעם יידישן לעבנס־נוסח, איז אַחוץ דער פּראַצע אויך טייער —

... — דער פעלדישער דרויסן;
די קנאָספּן, אין פרילינג וואָס פּלאַצן,
די ווינטן, אין אָסיען וואָס רוישן".

„דאָס זשומען פון גאָלדענע בינען,
דאָס שורשען פון בויגיקע זאַנגען;
פון קוויטן די דופטן די דינע,
פון פויגל די לופטיקע קלאַנגען". (ז. 133).

אָבער ניט נאָר אין „ליטווישן גליל" קענען מיר זען אָט די פאַרן גלות־ייד אַזוי אומגעוויינלעכע נאַטור־בילדער. אויך אין „כבוש" (אַן אייגענע חלוצי־אַנישע מוסטער פאַרם אין ליטע) זעען מיר אַזעלכע פּייזאַזשן, ווי —

„קאָרן־פעלדער, האָבער־פעלדער,
און פאַר גערשטן, און פאַר ווייץ;
זאַנגען גרינע, זאַנגען געלבע —
ביזן הימל־זוים צעפּלייצט". (ז.136).

אין אָט די אַלע הכשרה־פּונקטן שפּרודלט מיט אַרבעטס־לוסט און אַר־בעטס־פרייד, ווייל איטלעכער חלוץ באַזונדער און אַלע חלוצים צוזאַמען זיינען אַדורכגעדרונגען מיטן אידעאַל —

„פון אַ וועלט, וואָס שאַפט אינאיינעם,
און ווו אַרבעט איז אַ פרייד;" (ז. 137.

נח־יצחק גאָטליב, דער אויפריכטיקער באַקלאָגער פון דער אומגעבראַכ־טער יידישער ליטע, פאַרדינט אָ נ ע ר ק ע נ ו נ ג פאַר זיין „ליטע, מיין היימלאַנד", וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ דיכטערישן צושטייער צו די קינות אויף אונדזער לעצטן פאָלקס־חורבן.

„אונזער וועג", מינכען, 1946.

## נ. י. גאָטליבס „אַ מענטש אין די הימלען"

כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען אין ירושלים דליטע, אין ווילנע, איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אויפגעקומען די גרופּע יונגע שריפט־שטעלערס, באַקאַנט מיטן נאָמען „יונג ווילנע": האָבן אין אַ צווייטער עיר ואם בליטע, אין קאָוונע, אַ גרופּע יונגע שרייבערס געלייגט דעם יסוד פאַרן יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין דער ניי־אויפגעקומענער ליטווישער רעפּובליק. און איך מיין, אַז עס וואָלט געווען אַ זייער אינטערעסאַנטע און אפילו דאַנקבאַרע טעמע פאַרן פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע אין יענער תקופה אויס־צוגעפינען הן די ענלעכע, הן די אַנדערשדיקע שטריכן פון אַ־די ביידע גרופּעס יונגע יידישע שרייבער אין ווילנע און קאָוונע. אָבער ווי עס זאָל ניט אויספאַלן דער סך הכל פון אַזאַ באַלערנדיקן פאַרגלייך, וועט דער פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור אין ליטע, אין פעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, מוזן צוגעבן, אַז אין די רייען פון „יונג־קאָוונע" האָט נ. י. גאָטליב מיט רעכט פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט.

זיין ערשטלינג־בוך — „בלויע גנאָד", וואָס איז דערשינען אין קאָוונע אין יאָר 1927, האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּרוף אין די יידישע לייענער־קרייזן ניט נאָר אין ליטע, נאָר ווייט איבער אירע גרענעצן. פון נ. י. גאָטליבס דיכטערישער התחלה איז געווען צו זען, אַז ער איז מסוגל בייצוטראָגן אַ קענטיקן צושטייער צום אוצר פון דער יידישער פּאָעזיע, און אַז אָט די דערוואַרטונגען זענען אין אַ גרויסער מאָס מקויים געוואָרן, איז צו זען פון זיינע וויטערדיקע זאַמלונגען לידער און פּאָעמעס, וואָס זענען דערשינען אין ליטע און דערנאָך אין קאַנאַדע, וווּ עס איז זיין היים פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר.

✶ ✶ ✶

„אַ מענטש אין די הימלען" איז אָן ספק גאָטליבס וואָגיקסט בוך סיי אין כמות, סיי אין איכות. ער הויבט אָן זיין בוך מיט אַ סעריע לידער — „פון מיינע היימען די פאַרשניטענע", ווו ער גיסט אויס זיין צער און צאָרן אויפן טראַגישן אומקום פון זיינע נאָענטע משפּחה־מיטגלידער, וואָס זענען צוזאַמען מיט כל ישראל אומגעקומען על קידוש השם אין די גרויליקע היטלער־יאָרן. הגם ער האָט שוין דעם מאָטיוו פון חורבן געבראַכט צום אויסדרוק אין זיין לידערבוך „ליטע מיין היימלאַנד", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1945, צייכענען זיך אויס די קלאָג־לידער פון דעם נייעם בוך מיט מער דיכטערישער אויסגעצ־טראַגנקייט און שלמות. זיין געוויין איבערן גורל פון די פאַרשניטענע היימען איז פיל מער אַדורכגעלייטערט און פּערזענלעך־אינטים ווי זיינע פריערדיקע קינות אויפן חורבן פונעם ליטווישן יידנטום.

דאָס בוך איז געווידמעט זיין ברודער, דעם גוט באַקאַנטן דיכטער און עסייאיסט יעקב גאָטליב, וואָס איז ביים אויסברוך פון דייטש־סאָוועטישן קריג מגולגל געוואָרן פון ליטע קיין טורקמעניע, ווו ער איז געשטאָרבן פון אַ טיפוס־קראַנקייט עטלעכע וואָכן נאָכן סוף פון דער מלחמה. יעקב גאָטליב איז פאַר

נח יצחקן געווען ניט נאָר אַ ליבער און טייערער ברודער, נאָר אין אַ געוויסן פּרט אויך אַן אינספּיראַציע פאַר זיין דיכטערישן שאַפן, אַ סטימול פאַר גרעסערע פּאָעטישע פאַרמעסטן און דערגרייכונגען.

אַ טיפן רושם לאָזט איבער זיין בילדעריש ליד „ביינאַכט, אין חלום, קומט צו מיר מיין מאַמע" — זיין מאַמע, וואָס איז, ווי טויזנטער אַנדערע יידישע מאַמעס, אומגעקומען אין קאַוונער געטאָ:

און איצט, ביינאַכט, אין שלאָף אין מיינעם וויסטן,
זי טוט דערשיינען: אַטאָ זיצט זי דאָ;
דערציילט מיר פון דער היים דער אָפּגעווישטער,
פון יעדן איינעם וואָס איז מער ניטאָ.

איך ליג און הער אַלץ און איך טו אַלץ קוקן
צום פּנים אירן — גליווערדיק און בלאַס;
ביז ס'נעמט אַ פייער ראַשיק זי פאַרצוקן
און — ס'בלייבט פון איר אַ בערגעלע מיט אַש.

✶ ✶ ✶

אין די אַנדערע אָפּטיילונגען פון בוך געפינען מיר גרעסערע און קלענערע לידער און פּאָעמעס פון פאַרשיידענע מאָטיוון, ווי אַ שטייגער לירישער השתפכות הנפש, אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, יידיש היימלאַנד, רעאַגירונג אויף געשעענישן פון אונזער שטורמישער צייט א. אז. וו. אין אַזעלכע לידער, ווי „אַ מענטש אין די הימלען", „פאַרדאַמט זאָל ווערן די מאַשין" א.א., ברענגט אַרויס נ. י. גאָטליב די פיינלעכע אַנטוישונג פון דעם מאָדערנעם מענטשן אין דעם פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע, וואָס האָט אין לעצטן סך הכל אַנשטאָט גליקן געבראַכט פאַר דער מענטשהייט אומגליקן און אַנטווערטעט דעם צלם אלוהים פונעם מענטשלעכן מין. אין זיין דראַנג צו אַנטלויפן פון די איבלען פון לעבן קומט דער דיכטער צו זיין אייגענעם „איך" און זוכט צו געפינען אַן עיר מקלט אין שוים פון דער נאַטור:

אַ קראַנקער קום איך, ערד, צו דיר זיך היילן
פון פּלאָגן מיינע אין דער וויסטער שטאָט,
פון גאַסן — וואַלדיש און פון הייזער — היילן,
וווּ מענטשן, ער לעבט אויף חיה'שן באַראָט.

אין די צוויי גרעסערע פּאָעמעס פון בוך — „טעג פון מיין קינדהייט" און „דורך שטעט און שטעטלעך" באַמיט זיך נ. י. גאָטליב אויפצושטעלן אַ פּאָרטרעט פון זיך אַליין און פון דער סביבה, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן האָט געלעבט און געשאַפן. צוזאַמען מיטן דיכטער גייען מיר דאָ דורך זיין לעבנסוועג, אָנגעהויבן מיט זיין פריער קינדהייט אין קאַוונע און זיינע שפּעטערדיקע גילגולים איבער רוסלאַנד, ליטע, מערב איירָאָפּע, ביז ער געפינט ענדלעך זיין מקום מנוחה אין קאַנאַדע.

✶ ✶ ✶

נ. י. גאָטליב פאַרענדיקט זיין בוך מיט אַ לידער־סעריע, וואָס טראָגט דעם טיטל „ישראל". דער ארץ ישראל־מאָטיוו איז שוין לענגער איינער פון די עיקרים אין זיין שאַפן. דאָס לאָזט זיך אודאי דערקלערן מיטן פאַקט, וואָס שוין אין זיין יוגנט איז ער אין ליטע געווען אַ חלוץ און האָט פערזענלעך אַדורכ־געמאַכט די אַלע ליידן און פריידן פון אַ־דער אידעאַליסטישער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך געקליבן צו בויען די נייע יידישע געזעלשאַפט אין לאַנד פון אונזערע אבות אויפן יסוד פון אַרבעט און קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. זיין אינטימער צובונד צו ארץ ישראל האָט געפונען אַ תיקון סיי אין זיין פריער דערמאָנטן בוך „ליטע מיין היימלאַנד", ווו ער ברענגט אַ גרויסע צאָל לידער פון די חלוציאַנישע קיבוצים אין ליטע, און סיי אין זיין זאַמלונג פּאָעמעס א. נ. „חלוצים", וואָס איז דערשינען אין מאָנטרעאַל אין יאָר 1948.

שילדערנדיק דעם גרויסן נס פון קיבוץ גלויות, ווען יידן פון אַלע עקן וועלט האָבן גענומען שטראָמען קיין ארץ ישראל און דערמיט פאַרווירקלעכן דעם אוראַלטן יידישן חלום, רופט אויס דער פּאָעט:

א, לאַנד פון ישראל! דו וועסט זיי אויפנעמען,
וועסט אַלע אויפנעמען, וועסט קיינעם פאַרשעמען,

און צוטוליען וועסטו זיי אַלע, ווי קינדער
צו מאַמעשער ברוסט דיין צעבליטער, צעגרינטער,

און אָפּווישן וועסטו פון אויג זיי די טרערן,
און אויסגלעטן וועסטו די זאָרג זיי פון שטערנס,

און גאַנץ מאַכן וועסטו די הערצער — צעבראָכן,
און וועסט זיי מיט עולן מיט נייע באַיאַכן,

מיט זוניקע עולן — פון בויען, פון שאַפן
אַ היים אַ געזונטע, אַ זיכערן האַפן,

אַ לעבן, פאַרוואָרצלט אין ערדן אין פרייע, —
פאַר זיך און פאַר דורות אַנצאַליקע נייע.

„אַ מענטש אין די הימלען" איז אַ וויכטיקער מיילשטיין אויפן דיכטע־רישן אַנטוויקלונגסוועג פון נ. י. גאָטליב און איז אַ בולטער צייכן פון זיין פּאָ־עטישן גיין באַרג אַרויף.

„קענעדער אדלער", 1951

י. גאָלדקאָרן

# „דער ליטווישער גליל"

נ. י. גאָטליב, אַ דיכטער פון ליטע, וואָס וווינט שוין קרוב צוויי צענדליק יאָר אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע — איז גאַנץ פּראָדוקטיוו. זייט זיין ערשטן דעביוט מיט דער לידער־זאַמלונג, „בלאָע גנאָד", אין יאָר 1927, האָט ער שוין אַרויסגעגעבן אַכט ביכער — הויפּזעכלעך לידער און פּאָעמען.

דאָס איצט דערשינענע בוך „חלוצים", איז אַ פּרוּוו — און אַ געלונגענער — ליטעראַריש צו פאַרפיקסירן דאָס לעבן און דעם שטייגער פון אָט דער אייגנאַרטיקער און אידעאַליסטישער חבריה — די חלוצים פון „ליטווישן גליל": זייער טאָג־טעגלעכע האַרעוואַניע אונטער מונטערן געזאַנג אויף די גיטער פון די באַלטישע לאַנד־מאַגנאַטן.

דאָס דריי הונדערט זייטן־אַנטהאַלטנדיקן בוך, איז געטיילט אויף 35 קאַפּיטלען, געשריבענע אין פּערזן.

יעדעס פון די קאַפּיטלען איז פאַקטיש אַ דערציילונג־פראַגמענט, מיט אַ לירישער באַזוימונג, וואָס גיט איבער אַ געוויסן טיפּ, מאָמענט אָדער עפּיזאָד פון דעם חלוצים־לעבן. ס'איז גענוג אַ בליק צו געבן איבער דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש, כדי צו זען, אַז מען האָט פאַר זיך אַן עפּיש־שילדערנדיק ווערק: „לייבעלע יעלין", „די צוויקס און די הורוויצעס", „פון אַ בעטלער — אַ חלוץ", „פאָטאָגראַפטשיקעס", „דער סקובענט", „חברה טראַסק" א. א. וו.

דער דיכטער דערציילט אונז בהדרגה'דיק זיין וועג פון אַ קינד פון דער ליטוויש־יידישער, פרומער, אָרעמער היים, צו דער נייער, זאַרגלאָזער חלוצים־וועלט:

נאָר מיך האָט געצויגן צו וועלטן צו נייע,<br>כ'האָב מער ניט געקענט שוין, ווי פריער, פאַרדייען<br>די סביבה די ענגע פון קלויזן און קראָמען,<br>די מורא, די גרייזע פאַר גוי און פאַגראָמען.

ס'איז ענג מיר געוואָרן אין געסלעך אין שמאָלע,<br>מיט שטיבלעך, מיט אַלטע, באַשטעמפּלט מיט גלות.<br>מיט דאגות פרנסה — כסדר, דורך וואָכן,<br>מיט מצוות, עברות, מיט געטלעכע יאָכן . . .

די פאָן, אויף וועלכן גאָטליב מאָלט זיינע עפּישע לידער־בילדער איז דער א. ג. „ליטווישער גליל" — אַ געגנט ביים באַלטיק, וווּ ס'זיינען געווען איינגעאָרדנט (אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות) „צוועלף קבוצות, ווי שבטים, ווי צוועלף אינעם מדבר". די חלוצים, וואָס האָבן זיך געגרייט עולה צו זיין קיין א"י, האָבן דערוייל אויסגענוצט די צייט אויף הכשרה, דערלערנען דאָס פונדאַמענטאַלע: די ערד־אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען. דער ועד־הפועל פון דער חלוצישער אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט די קבוצות אויף אַרבעט ביי די באַלטישע גוט־באַזיצער, אין מאַיאָנטקעס און פערמעס מיט נעמען פון

דער הפטורה: פּאַגעגן, לומפּענעז, דומפּעז, יאַקין, פּאַלאַמפּן...

דער מחבר — אַליין א סטאַבילער יוצא ונכנס אין די קבוצות, איז גאָר שטאַרק נאָנט מיט די העלדן פון דער חלוצישער סביבה: דאָס ווירקט אויף דעם שטיל, לירישן אונטערטאָן, וואָס באַגלייט די שילדערונגען; גלייכצייטיק אָבער באַוויַיזט ער זיך צו האַלטן פון זיי אויף דעם נויטיקן דיסטאַנס, כדי צו קענען זיי „אָראַפּכאַפּן".

דער מחבר גייט זיי נאָך ביז זייערע היימען:

...זיי קומען פון שטעטלעך פון מאַכיקע, גרויע,
פון אָרעמע היימען — פאַרדאַגהט, פאַרטרויערט,
פון מעקלערשע טאַטעס, פון פעטערס — כלי־קודש,
פון וויסטע פּרנסות — אַ ווינט און אַ בוידעם...

דער שרייבער זעט, ווי זיינע ענערגישע און באַגייסטערטע ברידער

„רייסן דאָ איבער ירושה פון דורות.
און נעמען צו מי זיך, צו שווערער אַן מורא:
צו פלאַנצן און זייען, צו שניידן און דרעשן
און טוען אַן לידער און טענץ ניט פאַרגעסן...

ער אַליין — אַ לערער — איז מקנא זיי ביי דער אַרבעט און ווינטשט זיך ווי זיי, צו —

...רייסן די גרונטן און שניידן אין פּאַסן
און — ווערן מיט שווייסן מיט הייסע באַוואַשן...

אָבער הגם דער דיכטער קען אַליין ניט אַנטיילנעמען אין דער פיזישער אַרבעט אויפן לאַנד, וואָס פאַרמאַגט אַן אומגעהויערן פּאַר אים רייץ, קאָמפּענ־סירט ער זיך אין די חברים חלוצים פילפאַכיק. אויסער דעם, וואָס ער איז טע־טיק אַלס לערער, מדריך, דינט ער אויך דער חלוצישער אידיי און באַוועגונג, דורך געבן אַ געטריי בילד פון זייער לעבן.

אין די 35 קאַפּיטלעך־בילדער, וויַיזט דער מחבר אַ שלל מיט טיפּן, סצענעס און כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון דעם „ליטווישן גליל", וואָס ביים באַלטיק.

דאָס אַלץ איז געגעבן אין דער אייגנטימלעכער, ספּעציפיש־חלוצישער אַטמאָספער, וואָס גיט צו אַ חן, טעם און זין דעם גראָעז, האָרטן, האָרעפּאַש־נעם לעבן פון די צוקונפטיקע א"ידיקע פּויערים.

אין „ליטווישן גליל" גייען ניט בלויז קינדער פון דער שטעטלדיקער אָרעמקייט, אויך רייכע, פאַרצערטלטע, גבירישע קינדער, אין סאַמעט און זייד־געצירטע בת יחידה'ס פון יידישע גבירים, וואָס באַקענען זיך צופעליק מיט דער חלוצישער סביבה און שטייגער־לעבן. ווערן מיטגעצויגן פון זייער לעבנס־ריטם און אידיי־באַפליגלטקייט („עדינה").

אין סך־הכל שטעלט זיך נ. י. גאָטליב פאַר אין זיין נייסטן בוך, ווי אַ דיכטער מיט עפּישן טאַלאַנט, הגם זעלטן טרעט אויך אַרויס דער לירקער (אינם קאַפּיטל „חביבה").

דער דיכטער אָפּערירט מיט אַ געשיקטער ווערסיפיקאַציע און פרייער גראַמען־ניואַנסירונג, וואָס מאַכט זיין פערזן פריש און אומושענירט. אַ ביסל שאָקירנדיק איז נאָר דאָס אָפטע באַנוצן דורכן מחבר די צייטונג־לעקסיק, ווי: „...אין מי פּראָדוקטיווער, פּראַצע געזונטער"... וואָס קען אויסגעמיטן ווערן אפילו אין „פּראָזאַאישער" פּאַרצייכנענדיקער דיכטונג.

יעדנפאַלס איז דאָס בוך „חלוצים" אַ סימפּאַטישע, ליטעראַרישע רעפּראָדוקציע פון אַ ליבער, האַרציקער חבריה פון אידעאַליסטן־בויער, באַפליגלטע מיטן גרויסן חלום פון דערלייזטן מענטש אויף אויסגעלייזטער ערד. דעם ליטעראַרישן ווערט פונם בוך באַשטימט, אויסער דעם אָנספּקדיק דיכטערישן טאַלאַנט פון נ. י. גאָטליב, אויך — די אויטענטישקייט, די בדידי הוא עובדאַ־וואָרהאַפטיקייט פון דעם דיכטער, וואָס גיט צו דעם בוך די אַנטשפּרעכנדיקע אַטמאָספער און אומיטלבאַרע געמיטליכקייט — וועזנטלעכע אַטריבוטן פון יעדער שאַפונג.

„באַפרייאונג",
מינכען,
1948.

י. גולן

## הרצל, ברנר וסרני (*)

בראשית דברי רצוני להגיד — לא תהא זו הרצאה רחבה על הרצל, ברנר וסרני ולא יהיה כאן ניתוח מקיף ומעמיק של שלושה אישים דגולים אלה — על מפעלם הרב והפורה בשטח הספרות היהודית והכללית ועל תרומתם הכבירה בשטח המחשבה היהודית ובפתרון הבעיה היהודית. בחברת אנשים כגוטליב — חתן היובל עצמו — וכרבינוביץ העתונאי ורבים אחרים מביניכם, המצויים יותר ליד הספר והאוחזים בעט — הרי לא יהא זה הוגן מצדי כלפיכם אם אנסה כאן כוחי בהרצאה מפורטת ובניתוח ספרותי.

אין אני בא כאן אלא להביע רחשי הערכה מיוחדת לסופר ומשורר דגול אשר תרם תרומה נאה ליהדות הקנדית במיוחד וליהדות העולם בכללה, בהביאו יצירה זו, ספר זה של „שלש הפואימות" לצבור. ואם דרך אגב אגע בשלושה אלה הרי יהיו דברי קצרים ביותר.

ראשית — אביע תודה לבבית ועמוקה לאלה מהספריה היהודית אשר יזמו ערב זה ואשר הזמינוני לדבר מעט בפניכם בערב זה. שמחתי על זאת, כי הזמנה זו הביאתני במגע, ישיר ומידי עם הספר עצמו.

אלום ברור שהתודה העקרית וההערכה המיוחדת מגיעה לסופר עצמו.

אינני יודע מי מכם וכמה מכם זכו לראות את הספר והספיקו לקרוא בו, כי הרי הספר יצא לאור רק לפני שבועות אחדים. לי עצמי חסרות מלים — וביחוד כשהמלים הן באידיש שאינה כה שגורה בפי — להגיד מה רב הגלוי שבא אלי עם קריאת ספר זה ומה גדולה החויה שהתנסיתי בה ומה כביר הוא סיפוק הנפש שזכיתי לו. פתחתיו תחילה רק לשם דפדוף קל בדפיו ולסקירה שטחית בשורותיו והנה עם השורה הראשונה לא יכולתי להפסיק הקריאה ובלעתי כל שלוש הפואימות בחטיפה אחת.

לפנינו כאן מלאכה חדשה ומקורית בצורתה ובתכנה. פואימות אלו, שהן בבחינת ביוגרפיות שלמות של הרצל, ברנר וסרני, מעלות לפנינו דמויות אלו בכל חיותן ובכל טרגיותן. המשורר לוקח אותך אל ימיהם הראשונים ביותר של גבוריו ומעביר אותך על פרקים — פרקים של חייהם העשירים והמסובבים עד יומם האחרון, ריתמוס השירה של כל פרק מבטא כה יפה את ריתמוס החיים הסואן שלהם. אתה מרגיש על בשרך את כל אותם הקשיים וכל אותם הלבטים שהגבורים התנסו בהם משך כל מהלך חייהם. אין אלו ביוגרפיות גרידא. אתה קורא בספר ותמונות הימים, בהם פעלו הרצל ברנר וסרני — כל אחד בתקופה שלו וכל אחד מפינתו שלו — מופיעות חיות לפניך. הרעיונות וההרגשות והלך־הרוח אשר שררו בקהל היהודי והעסיקו את הצבור היהודי בכללו זוכים כאן לבטוי ער וברור.

גדלותו של גוטליב המשורר מופיעה אף בעצם כרכו את שלוש הפואימות בכרך אחד. די לו לאדם מישראל, בין אם הוא בקיא ובין שאינו בקיא בתולדות הציונות — לקרוא בספר זה ומיד מתגלה לפניו ראשית הציונות המדינית והתפתחותה על שלביה הקשים עד לערב הגשמתה, עם קץ המלחמה העולמית השניה. הם — הרצל, ברנר וסרני — עומדים כשלושה עמודים איתנים, האחד אחר השני המראים את הדרך לעם וליחיד והמסמלים, כל אחד להוה, פרק בתולדות הציונות המודרנית:—

הראשון — הרצל המדליק את לפיד הציונות המדינית בסוף המאה שעברה ומלכד את העם סביב רעיון זה; אחריו ברנר — מראשית המאה העשרים — על הלבטים והיאוש שלו סביב היחיד היהודי והקיבוץ היהודי ועל נסיונו לעורר את היחיד היהודי ולעודד את העם החלש בגולה ועד הבטחון הנפשי שהגיע אליו בגלותו את הפועל היהודי מתערה בארץ, ואחר שני אלה — סרני, המופיע בתקופה מאוחרת יותר, תקופת ישוב יהודי מבוסס. סרני — איש הקיבוץ המאוחד, השליח למופת ההופך היל וצנחן להביא גאולה לשרידי הפליטה באירופה.

אולם יחד עם היות האחד משלים את הקודם לו, הרי הם מהוים שלש חוליות בשלשלת אחת. דומות החוליות והדמיון עובר ביניהן ועליהן כחוט השני. חיי שלשתם הם טרגדיה אישית הקשורה באהבתם הבלתי מוגבלת לעם היהודי בארץ ישראל ובתפוצותיו. שלשתם נולדו להיות סופרים ובראשית חייהם ראו עצמם מיועדים לכתיבה, אלא טרגדית העם היהודי הוציאה אותם מ:תיבה שלווה והטילה אותם לים הסער של החיים היהודיים. שלשתם באו לאותו פתרון ציוני

מבחוץ. הרצל ראה בתחילה את ההתבוללות כפתרון הבעיה היהודית. בורנר החל ברעיונות הבונד וסרני נמשך בראשית פעולתו הצבורית לפשיזם שהופיע באיטליה אחר המלחמה העולמית הראשונה. הרצל הופתע ע"י משפט דרייפוס שהעמיד אותו לראות את רעיון המדינה כפתרון היחיד לטרגדיה היהודית. ברנר שכל חייו היו התלבטות וסבל נפשי הפך להיות ציוני איתן ושלם עם כשלון המהפכה ב־1905 והפרעות מיהודים שבאו אחר זאת וסרני — הוא החליט לעלות לא"י אחר שלפתע נתגלו לו צפרניו המגואלות בדם של הפשיזם.

שלשתם נקטפו בדמי ימיהם, בעצם פריחת יצירתם החברתית ופעולותם בעם — בראשית שנות הארבעים לחייהם. ושלשתם לא זכו לראות את ערגת־חייהם — את המדינה היהודית אשר למענה מסרו נפשם.

ומבלי משיב אתה נוטה לשאול — לו היו אישים דגולים אלה בחיים — מה היתה יכולה להיות עמדתם לגבי בעיות שהעם — במדינה ובתפוצות — נתקל בהן ומתלבט בהן ביום? אין ספק שלו חיו עמנו כיום היתה תרומתם עצומה לקידום המדינה ולחיזוק לב העם, אך נדמה שלא ניטעה אם נגיד שמסקנת שלשתם ודאי היתה שיש להמשיך בדרך זו, בה אנו הולכים היום. מרצם ובטחונם היו מביאים אותם להגיד שהמאבק החמור בו אנו נתונים אינו צריך להביאנו כי נעמוד באמצע הדרך. בבטויו של ברנר „אף על פי כן ולמרות הכל" יש להמשיך עד לנצחון המלא והסופי.

כבר אמרתי לכם בראשית דברי — אין אני בא כאן לדבר אליכם בהיקף רב על שלושה אישים אלה. הפואימות של גוטליב יתנו לכם הדברים ביתר בהירות וכשרון. וטוב הדבר שבערב זה יקראו בפנינו משורות שירה זו. ולא רק כאן. אם רוצה אדם לדעת על העושר הרב במדיניות ובספרות ששלושה אלה הורישו לנו — ילך לספר זה. ואם ילדים לכם ובתי ספר לכם — ילמדו בספר פואימות זה.

כי גוטליב זה — כשמו כן הוא. בקראך ביצירה חדשה זו יכול אתה לראות לפניך אדם, משורר. ששני כוחות פועמים בו ומניעים אותו בכתיבתו — „גוט" — שכינת „אל" ו„ליב" — אהבה' לגבוריו.

על „שכינת אל" זו ועל „אהבה" זו יכול אני רק להגיד — „יישר כוחך" ומי יתן ותוסיף לתת לעם מיצירותיך הפוריות.

„קענעדער אַדלער", מדור עברי,
מערץ, 1955

---

*) הננו מביאים כאן את דברי מר. י. גולן, הקונסול הכללי של מדינת ישראל במונטריאל, שנאמרו באספה לכבוד הסופר נ. י. גוטליב לרגלי הופעת ספרו החדש על שלושת האישים האלה.

יעקב גלאַטשטיין

# דריי נאַציאָנאַלע פּאָעמעס פון נ. י. גאָטליב

כ'האָב שוין לאַנג ניט געלייענט אַזעלכע ניצלעכע פּאָעמעס, ווי די — „דריי פּאָעמעס" פון נ. י. גאָטליב, וואָס זענען נאָר וואָס דערשינען אין מאָנטרעאל, קאַנאַדע. דער פּאָעט גאָטליב האָט שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן זיבן לידער־זאַמלונגען און איין נאָוועלע און ער האָט פאַרעפנטלעכט צענדליקער דערציילונגען און אַ באַדייטנדיקע צאָל ליטעראַרישע עסייען, אָבער אידענטיפיצירן וועט מען דעם דיכטער מיט די — „דריי פּאָעמעס", וואָס הגם זיי זיינען אפשר אין קינסטלערישער קוואַליטעט נישט אַזוי הויך, ווי אַ צאָל פון זיינע קלענערע לידער, זענען זיי אָבער ליים־און־ציגל־ווערק, וואָס זיינען נויטיק פאַר אונזער בנין — ניט אַזוי פאַר דער ליטעראַטור, ווי פאַר דעם היסטאָרישן המשך אונזערן.

די „דריי פּאָעמעס" זענען דערציילערישע וואָס זינגען פון די דריי לעבנס: טעאָדאָר הערצל, יוסף חיים ברענער און ענצאָ סערעני. אַלע דריי זיינען נישט קיין פּאָעזיע פון ריינסטן גאָלד, אָבער די שופטים פון די פאַרשידענע פּרעמיע־קאָמיסיעס ביי אונז, וועלן האָבן גרויסע שוועריקייטן נישט צו פּרייזן אַזאַ נויטיק בוך, וואָס וועט אויפגענומען ווערן מיט פרייד פון אַ סך יידישע שולן, דער עיקר פון מיטל־שולן, וואָס זענען אָרעם אין דערציערישן מאַטעריאַל, פאַר דערוואַקסענע יידישע קינדער, וואָס שפּייזן זיך נאָך אַלץ אויף די אַלטגעשיכטלעכע לעגענדעס און די קורצע העלדן־לידער פון אונזער פאַרגאַנגענהייט.

אַלע דריי פּאָעמעס זענען גוטער לייען־און־לערן־מאַטעריאַל, און זיי וועלן אויך אויפגענומען ווערן מיט אַ סך ליוב דורך לייענערס פון בעסערן יידישן בוך, ווייל דער מחבר נ. י. גאָטליב האָט אַריינגעבלאָזן גאָר אַ סך וואַרעמקייט אין אַלע דריי פּאָעמעס פון אונזער אייגענער צייט. ווייל אויך הערצל איז פון אונזער צייט, פון דער תקופה וואָס האָט געוואָלט אַרויסשפּאַנען פון חלום און אים פאַרוואָרן. אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, איז אין דער יידישער ליטעראַטור זייער ווייניק געזונגען געוואָרן פון דר. הערצלען. מיטן אויסנאַם פון מנחם'ס אַ לענגערער פּאָעמע, ווייס איך ניט ווער ס'האָט זיך דערנענטערט צו אים. מיר דאַכט זיך, אַז אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור זיינען ניט פאַראַן קיין צופיל פּאָעטישע שאַפונגען וועגן דעם גרעסטן זעער פון אונזער נייער געשיכטע.

די מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט און דאָס טראַגיש־קורצע לעבן, וואָס איז געווען אַנגעזעטיקט מיט וויזיע און מעשים, האָט נישט געהאַט קיין מזל אין אונזער ליטעראַטור, אפילו אין דער צייט ווען זיין חלום איז שוין געווען אויפוואַך און נאָענט צום באַשייד. איצט, אין דעם הערצל־יובל, איז נ. י. גאָטליב'ס פּאָעמע ממש אַ געפינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דערמיט אָפּגעצאָלט אַ פאַרשפּעטיקטן חוב. פון אַלע דריי פּאָעמעס איז „טעאָדאָר הערצל" אפשר די שוואַכסטע, אָבער דער פאַרזוך צו באַצאָלן אַ לאַנג־פאַרלע־

גערטן חוב איז אַן ערלעכער און מיט דער פולער האַנט. ס'וואָלט זיך געפּאַסט צו געבן אַ סך ציטאַטן פון דער פּאָעמע, ווי פון די צוויי אַנדערע אין בוך, כדי צו ווייזן, ווי תמימותדיק דער דיכטער האָט געטאָן זיין אַרבעט, נאָכפאָלגנדיק געטריי די ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן ייד, וואָס איז געקומען פון אַ זאַטער און פרייליכער פרעמד און אונז אַוועקגעגעבן זיין האַרץ. אגב דער צד השווה צווישן אַלע דריי העלדן — הערצל, ברענער און סערעני — איז וואָס זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט, אין די ערשטע פערציקער פון זייער לעבן, באַלאָדן מיט מעשים געגנוג פאַר צענדליקער לעבנס.

ווען איך באַטאָן די נוצלעכקייט פון די דריי ביאָגראַפישע געזאַנגען, מיין איך בפירוש ניט צו מינימיזירן דעם ווערט פון די פּאָעמעס, ווייל אונזער עפּאָכע האָט בפירוש געוואָרט אויף אַזאַ וואַרעמען, און אינספּירירנדיקן מאַטעריאַל. דערביי מעג מען געדענקען, אַז די עצם נוצלעכקייט וואָלט נאָך ניט גענוג געווען, ווען דער פּאָעט וואָלט אונזערע דריי מאָדערנע העלדן ניט באַזונגען מיט פיין לשון, מיט אַ סך גראַם און אַסאָנאַנס־בריה'שאַפט און מיט יידישן פּאַטאָס פון אַ גלויביקן. דער קאָוונער יונגערמאַן, וואָס האָט אפילו אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונזער יאָרהונדערט געזען יונגע אידעאַליסטישע חלוצים אין סאַוועטן־פאַרבאַנד, און וואָס איז, ווי ער דערציילט אין זיין אַריינפיר, געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער ליטווישער חלוצישער באַוועגונג, האָט ניט באַ. דאַרפט סימולירן די וואַרעמקייט פאַר די העלדן פון דער גאולה, ווייל זיי זיינען ניט נאָר געווען פאַר אים דיכטערישע טעמעס, נאָר מאָנענדיקע געשטאַלטן.

אין אַלע דריי פּאָעמעס האָט דער דיכטער זייער געטריי אויסגענוצט די ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן. אין כמות זיינען די דריי ביאָגראַפישע געזאַנגען לאַנג־אָטעמדיקע און פולע. די פּאָעמע „הערצל" האַלט איבער אַכציק זייטן. די פּאָעמע „יוסף חיים ברענער", די שטאַרקסטע אין בוך, אַרום פופציק זייטן און „ענצאָ סערעני", אויך איבער פופציק זייטן. מען דאַרף זאָגן לשבח דעם פּאָעט, אַז אפילו די שוואַכערע זייטן זיינען קיינמאָל נישט געשמאַקלאָז. פאַראַן שטעלן וואָס זיינען אַזוי שטאַרק ווי די בעסערע נאַציאָנאַלע לידער פון א. ליעסין און מאָריס ראָזענפעלד, און זיי שטייגן זיי נאָך אַריבער, אין געוואָרנטקייט פון לשון און אפילו אין שפּראַך־אויפטוערישקייט. אויב ס'זיינען פאַראַן ווייניק שטעלן, וואָס דערהויבן זיך צו גרויסער פּאָעזיע, איז אָבער דער גאַנצער מאַטעריאַל, ווי כ'האָב שוין פריער געזאָגט, פול מיט איבערצייגנדיקן גלויבן; און אפילו די סענטימענטאַלע פערזן, זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון די לידער, ווייל זיי זיינען נאַציאָנאַלע סענטימענטן, אויפגעקומען אין פּראָצעס פון לעגענדאַריזירטער געשיכטע. פאַראַן גאָר ווייניק שפּראַכלעכע חסרונות. מיט דעם אויסנאַם פון צופיל אַזעלכע אוידרוקן ווי „דעם־אַ", „אַטאַ־דעם", „אַטאַ", איז אין די לידער פאַראַן גאָר ווייניק שפּראַכלעכע פסולת. פאַרקערט, דאָס לשון איז רייך און שיין און ערטערווייז דערפינדעריש. די נאַראַטיווע זייט פון אַלע דריי פּאָעמעס ווערט קיינמאָל נישט פאַרטונקלט, נאָר דעם דיכטער געלינגט נאָכצוגיין זיין העלד בהדרגה'דיק — ביאָגראַפישע פּיס־טריט. אַ סך מאָל קומט

דער אסאנאנס, דער כמו־גראם, אדער האלבער גראם, ווי אן אנטוישונג, ווייל די פשוטע שורות ווארטן גיכער אויף כשר'ע גראמען, אבער אז מען געוואוינט זיך צו צו די אסאנאנסן, שטערן זיי ניט די געזאנגיקייט פון די שורות.

און ס'טראגט זיך די שטים אלץ און כישופט אזוי
(פון בימה, געצירטער אין ווייס און אין בלוי),

און עולם — ער הערט אלץ אין מנהיג פארבליקט
(מיט אויגן מיט פייכטע — פון ליכטיקן גליק;

מיט הערצער צעברויזטע — פון גרויסן מאמענט;
מיט אברים מיט אלע עקסטאטיש צעברענט:

א חלום, געשפונען דורך צוויי טויזנט יאר,
אט ווערט ער דערשפונען צו שייניקער וואר).

דאס איז דער פייערלעכער מאמענט פון ערשטן קאנגרעס אין באזעל. שפעטער קומען די הארץ־קלעמענדיקע ארומיאגענישן איבער דער וועלט, די אנטוישונגען, דער אוגאנדע־שניט, וואס רייסט שיר אויף דעם זעקסטן קאנ־גרעס, הערצלס באזוך אין ארץ־ישראל —

און שאטנס פארטרוימטע עס שפרייטן זיך אויס,
אויף שטאט אויף אוראלטער — אויף גארער איר גרויס.

אז אוונט א בלויער עס נידערט פונהויך
אראפ אויף דער ערד און — מיט סוד זי באהויכט,

פארשפונען אין בלאסן, אין מיסטישן שיין
פון מויערן גרייזע לבנהיק באשיינט

ער וואנדערט אויף גאסן, אויף געסעלעך — קרום,
הערט איין זיך אין שטימען צעדאוונטע פרום.

ס'איז פרייטיק־צו־נאכט אין דער הייליקער שטאט.
ס'איז שבת. ער שפירט אים אויף יעטווידן טראט,

אין שלעסער, אויף טירן פון קלייטן — פארהאקט.
אין שולן, מיט מענער און פרויען געפאקט.

אין בענטשליכט, וואס לויכטן פון פענצטער ארויס.
אין רו און אין זויבער פון יעטווידן הויז.

פאראן אין דער פאעמע גאר א סך רירנדיקע פערזן, אבער אפילו אין די גרויע און געוועלעכע שטעלן איז דער דיכטער תמיד אויף דער הויך פון זיין אחריות, באשאנקען מיט א תפילה'דיקער זאגערישקייט.

אבער נענטער דעם מחבר איז דאס לעבן פון יוסף חיים ברענער. אין דער פאעמע קארגט ניט דער דיכטער צו געבן אונז א גוטן ארייננבליק אין דער צייט, וואס האט גורם געווען אזא שטורעמדיק געשטאלט, ווי י. ח. ברענער, וואס האט אויך געפלאטערט צווישן חלום און מעשים, און וואס האט פון זיך

געריסן פּאַסן, זוכנדיק אַ שלימות אין לעבן: וואָס איז אים ניט געגעבן געוואָרן. אַ מענטש פון גוטסקייט פאַר אַלעמען, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט זיין גוט צו זיך. אין דער פּאָעמע הערן מיר שוין דאָס קלאָרע קול פון אונזער צייט. די לעגענדע איז דאָ נאָך מער באַוואָרט. —

א וואָרער פרוש — אָפּגעשיידט
פון יעדער גאַרונג, יעדער גלוסטונג;
פון יעדער נאַריש־פוסטער פרייד,
פון יעדן תענוג נאַריש־פוסטן.

און אָפּגעלאָזט אַצינד איז ער —
אַ קיינמאָל נאָך צעאַקערט באָדן;
דער קאָפּ — אין קודלעס, הויך און שווער,
דאָס פּנים — מיט אַ באָרד באַלאָדן;

דאָס אָנטאָן — אַלט און ווי אַ זאַק,
און פון די יאָרן — גרין און צוויטיק;
און עסן — אַלץ, אַבי זיין זאַט;
און שלאָף — איינגאַנצן שוין נישט נויטיק.

ענצאָ סערעני, דאָס האַלב־פּאַשיסטישע יינגל, וואָס איז געקומען פון דער ווייטער איטאַליע, פון אַ רייכער היים, און געוואָרן אַ מענטש פון מעשים, וואָס האָט זיך אין עלטער פון פערציק יאָר געריסן טיילן דעם גורל פון זיינע ווייטע ברידער, קריגט אויך דיכטערישן תיקון. דער דיכטער גאַטליב האָט דאָ ווידער געטריי נאָכגעפאָלגט דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, און אומעטום באַווייזן פאַר׳אמת׳ן דעם העלדס לעבן, וואָס האָט זיך געריסן צו קידוש השם און איז אומגעקומען, מיט זיינע ברידער אין קרעמאַטאָריע.

זייער איינדרוקספול ווערט באַזונגען סערעני׳ס קינדהייט אין איטאַליע, די קולטור־סביבה פון זיין טאַטנ׳ס הויז.

דער קליינער עקשן וואַקסט און וואַקסט אויס אין דער פּאָעמע, צו דער הויך פון אַ נאַציאָנאַלן העלד. ער לאָזט זיך ניט אָפּרעדן צו ווערן אַ צנחן (אַ פּאַראַשוטיסט).

ער זעט גבעת־ברענער — זיין קיבוץ,
פון אָנהויב פון סאַמע געבויט אים.
געפּלעגט אים כסדר — מיט ליבע;
די קרעפטן די ריינסטע פאַרטרויט אים.

און ס׳גאָרע מולדת ער זעט איצט.
די ערטער די אַלע — ווי היימיש;
ער ליגט אַזוי מיד און זיך זעטיקט
מיט מקום מיט יעדן פון היימלאַנד.

ער האָט זיי פאַרלאָזן — אויף תמיד,
די ליבסטע פאַרלאָזן און אַלעס;
אַ גאַרונג עס האָט אים פאַרשטראָמיקט,
אַ גלוסטונג אַ גרויסע צעשטראַליקט.

און אַט דער כמעט־גר ווערט אַ טייל פון אונזער לעגענדע־אוצר, ווען „זיין גוף גייט אויף מיט אַשן פון אַנדערע אידן" —

ער פלאַקערט אין אויוונשן חלל
צעאַשט זיך, צערויכט זיך ביז ענדע
און גייט אויף — אַ שייניקער חלום
און בליט אויף — אַ העלע לעגענדע.

אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט נ. י. גאָטליב פאַרקנופּט זיין נאָמען מיט די דריי „העלע לעגענדעס", וואָס אַלע דריי, איינשליסנדיק אין אַ געוויסן זין אפילו י. ח. ברענער'ן, זענען געקומען צו אונז פון דער פרעמדה, און געוואָרן פלאַקערדיקע טיילן פון אונזער אייגנס. דאָס בוך — „דריי פּאָעמעס" מעג זיין אין אַ סך יידישע הייזער, וואָס האָבן זיכער געוואָרט אויף אַזעלכע נוצלעכע ביאָגראַפישע געזאַנגען.

יידישער קעמפער, ניו יאָרק, 21 יאַנואַר, 1955.

## אַרום נ. י. גאָטליב'ס ניי בוך לידער

מען דערציילט אַז דער פּאָעט רילקע, ווען מ'האָט געעצה'ט אַז ער נויטיקט זיך אין פּסיכאָאַנאַליז, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אַזאַ באַהאַנדלונג, אויס מורא אַז ס'וועט אים מאַכן פאַר אויס פּאָעט. ווייזט אויס רילקע האָט געגלויבט, אַז פּאָעזיע איז דעם פּאָעט'ס קראַנקהייט און אויב מ'וועט אים געזונט מאַכן וועט ער פאַרלירן דעם שטאָף, וואָס פון אים קוועטשן פּאָעטן אויס דעם האָניק פון זייער פּאָעזיע.

מיר דאַכט זיך אָבער אַז אַ צאָל יידישע פּאָעטן וואָלטן גראָד אַ סך געווואונען, אויב נישט פון פּסיכאָאַנאַליז, איז לכל הפּחות ווען מ'וואָלט זיי זייער פרי געלאָזט וויסן, אַז פּאָעזיע איז אַ יחידות'דיקער ענין און אַז ס'טרעפט זייער זעלטן, אַז לידער ווערן פּאָפּולער און זיי געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון די גרויסע מאַסן. כדי אַ ליד זאָל צוטרעפן און אַרויס פון דעם פּאָעט'ס איינזאַמקייט צום רשות הרבים, מוז עפּעס געשען מיטן ליד, אָדער מיט די מאַסן: פאַרשטייט זיך — אַן אויסנאָם זיינען אַזעלכע לידער וואָס ווערן לכתחילה געשריבן פאַר די מאַסן, אין קאַמף פאַר פרייהייט און ברויט. מען מעג שוין איצטער אויסזאָגן אַז יעוואָשענקאָ'ס ליד „באַבי יאַר" איז ווייט פון גוטער פּאָעזיע, אָבער ס'איז אַן אויפטרייסלענדיקער רוף צום געוויסן פון אַ פאָלק, אַ היסטאָרישער רוף, אָבער ווי אַ ליד פאַרמאָגט עס זייער ווייניק פּאָעטישע מעלות.

אין פינפטן נומער פון פערטליאָר שריפט — „סביבה", וואָס דערשיינט אונטער קאַדיע מאָלאָדאָווסקי'ס רעדאַקציע, ווערט געבראַכט אַ ליד פון מאָריס ראָזענפעלד אונטערן נאָמען — „יידישער פּנקס". דאָס ליד איז זיכער געווען בשעתו זייער פּאָפּולער און גראָד דערפאַר ווייל ס'איז קיין ליד נישט געווען,

בלויז א באַגראַמונג פון יידישע צרות, וואָס יעדער גראַמען־מייסטער, מיט א שטיקל זין פאַר עלעמענטאַרן ריטם, האָט געקאָנט אָנשרייבן. ס׳זיינען מסתמא דעמאָלט געשריבן געוואָרן אַסך אַזעלכע לידער, אָבער בלויז א מאָרים ראָזענפעלד האָט געהאַט די געוואַקטקייט צו קומען צום יידישן עולם, מיט דעם עולמ׳ס געפילן און רייד.

איך לייען און לייען דעם ברענענדיקן שמערץ
אין דיינע פאַרבלוטיקטע שרעקלעכע שורות,
רבונו של עולם, פיל מוט און פיל גבורה,
פיל בלוט און פיל טרערן,
אַט וואו איך זאָל קערן
און וואו איך זאָל מישן די הייליקע בלעטער.

אפילו פאַר יענער צייט זיינען דאָס געווען אויסגעמאָגערטע שורות, אָן שום רמז אויף פּאָעזיע. און פונדעסטוועגן האָט דאָך דער עולם דעמאָלט אָנגעהויבן דערקענען אין מאָרים ראָזענפעלד׳ן זיין שליח־ציבור דיקן דיכטער, וואָס דריקט אויס, ווי מען זאָגט, דעם פאָלקס „ליידן און פריידן״.

ערשט שפּעטער האָט דער גרויסער עולם פאַרלוירן דעם אינטערעס אין ראָזענפעלד׳ן און מ׳קאָן זאָגן אויף זיכער אַז אַזעלכע לידער ווי „מיין רויז איז אַליין״, „ביים ברעג וואַסער״ אָדער אַזאַ געזאַנג ווי „נאַכט״ זיינען געווען וויניקער פּאָפּולער ווי ראָזענפעלד׳ס שטאַרקע נאַציאָנאַלע אויסגעשרייען. אַט זיינען די ערשטע פיר שורות פון ליד „נאַכט״:

גראָע וואָלקן־טראַנטעס, שטיקער שימל
הענגען אין דער מוטנער לופט אַראָפּ,
ווי אַן אַלטער בעטלער שלאָפט דער הימל;
צוגעדעקט מיט שמאַטעס איבערן קאָפּ.

די שאַטנס אין ליד ווערן „וואַגאַבונדן־שאַטנס״. די פערזן זיינען אָריגינעל, די נאַטור איז ניט תמיד שיין, די בילדער זיינען נאָענט צו ערדישער אָרעמקייט. מיט זיינע גוטע לידער האָט ראָזענפעלד אָנגעהויבן געפעלן פיינשמעקער און זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט, וואָס איז אים געווען צו־שווער צו טראָגן אויף זיינע פאַרקרענקטע פּלייצעס, האָט זיך צעבליט און אים גענומען דערגייען די יאָרן, איינפלאַנצנדיק אין אים א געפיל, אַז א פּאָעט איז עפּעס אַזאַ אָפּגעציטערט באַשעפעניש, וואָס מוז כסדר געטראָגן ווערן אויף דעם פאָלקס פּלייצעס, מיט אַן אויסגעשריגענער וואָרע־מאַכעריי, אַז אַזאַ כבוד דאַרף געטאָן ווערן צום אויסדערוויילטן פּאָעט.

שעקספּיר׳ס פּאָפּולאַריטעט, די סאַמע גרעסטע אין דער וועלט, האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אָנגעיאָגט זיינע וואונדערלעכע לידער. די פּאָעטן שעלי און בייראָן האָבן געמוזט ווערן די „סטאַרס״ פון יענע צייטן, צוציענדיק ברייטערע אויפמערקזאַמקייט דורך זייערע אומקאָנפאָרמיסטישע ביאָגראַפיעס — צו זייערע לידער.

שרייב איך די דאָזיקע שורות אין שייכות מיט דעם נייעם בוך לידער,

וואָס נ. י. גאָטליב האָט נאָר וואָס אַרויסגעגעבן. איך מוז צוגעבן אַז כ'האָב אַ געוויסע שוואַכקייט צו גאָטליב'ס לידער, מיר דאַכט זיך אַז איך האָב געשריבן וועגן די מייסטע ביכער זיינע — און ביזן היינטיקן טאָג האָט ער שוין אַרויסגעגעבן, נישט איינס, נישט צוויי, נאָר אַ גאַנצן טוצן ביכער, צווישן זיי נישט ווייניקער פון צען לידער־ביכער. ווען מ'גיט אַ טראַכט אַז ס'קומט אָן זייער שווער אַרויסצוגעבן אַ יידיש בוך, מוז מען צוגעבן אַז ווען אַ פּאָעט קאָן שוין ציילן זיינע ביכער אויפן טוצן, איז עס אַ גרויסער אויפטו און דאָס אַליין מעג פאַרשריבן ווערן ווי אַ גליקלעכע דערגרייכונג.

קום איך דאָ צום גאַנצן קאָמפּלעקס פון נ. י. גאָטליב'ס פּאָעזיע, וואָס איז אַן אומאויפהערלעכער געוויין אויפן אייגענעם מזל, מחמת ער איז נעבעך געבוירן געוואָרן אַ פּאָעט ביי יידן — און וואָס איך האַלט דווקא פאַר איינע פון די שענסטע ברכות, מיט וואָס דער רבונו של עולם האָט געקאָנט לייטזעליקן אַ יידישן יונגענמאַן. נ. י. גאָטליב'ס ערשט בוך לידער איז דערשינען אין קאָוונע אין 1927, מיט 35 יאָר צוריק, ווען ער איז נאָך אַלט געווען 24 יאָר און פון דעמאָלט אָן האַלט ער אין איין שרייבן און אַנטוויקלען זיין טאַלאַנט, אין פּראָזע, אין דער עסיי און אין ליד און אַרויסגעבן ביכער וואָס ווערן פּונקט אַזוי געלייענט אָדער ניט געלייענט, ווי אַנדערע גוטע יידישע ביכער.

דערפאַר האָב איך אָנגעהויבן מיט אַ שטיקל הקדמה וועגן פּסיכאָאַנאַליז. ווען מ'וואָלט יידישע פּאָעטן מגלה געווען דעם סוד, גלייך ביי די ערשטע פּאָעטישע טריט, אַז אַ יידישער פּאָעט איז געגליכן צו אַ ניט־יידישן פּאָעט, מיט וועמען דאָס פאָלק צאַצקעט זיך אויך נישט און אַז דער ניט־יידישער פּאָעט מוז אַרבעטן אין אינסטיטוציעס, אָדער ווי אַ לערער אין אוניווערזיטעטן, כדי אויסצוהאַלטן און שפּייזן דעם פּאָעט אין זיך, וואָלטן אַ סך יידישע פּאָעטן געשריבן פולערע און זעטיקערע לידער, אָן זיך־באַוויינעריי.

ווי א מאָטאָ צו איינס פון זיינע לידער ברענגט נ. י. גאָטליב מאַני לייבס א שורה — „און דאָ בין איך, אַ ניט־געדאַרפטער, א פּאָעט ביי יידן". דער גויעשקער מאַני לייב, ווי זיין נאָמען זאָל ניט זיין, איז זיכער נישט געווען מער „באַדאַרפט" ביי זיין פאָלק ווי אונזער מאַני לייב, וועמעס לידער מ'האָט געזונגען, דעקלאַמירט, געלערנט אין די שולעס, געדרוקט אין אַ טעגלעכער צייטונג מיט גרויס כבוד, ווי אַ טייל פון בעסערן כיבוד. פונדעסטוועגן האָט מאַני לייב אַלץ געקלאָגט אויף זיין אומגליק, וואָס ער איז געוואָרן אַ יידישער פּאָעט. און דאָס איז לחלוטין נישט אָריגינעל און ניי, ווייל פרוג, פּרץ און אַנדערע ראשונים, האָבן אויך פאַרגאָסן באַכן טרערן אויף זייער דאַליע, וואָס דאָס מזל האָט זיי אונטערגעשטעלט אַ פּיסל און זיי זיינען געוואָרן פּאָעטן ביי יידן.

לאָמיר טאַקע נאָכאַמאָל נעמען דעם טאַלאַנטירטן פּאָעט נ. י. גאָטליב, וואָס האַלט אין איין באַווײנען זיין גורל אין אַלע זיינע לידער־ביכער, און וועמענס באַקלאָגעניש דערגרייכט אַ קרעשטשענדאָ אין זיין נייעסטן בוך, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן מיט דעם טרויעריקן נאָמען — „איידער עס ווערט נאַכט". נ. י. גאָטליב ווייסט ווי אויסצוהאַמערן א שורה, אויסשמידן אַ פערז, אָבער זיין

באַקלאָגן דעם ייִדישן פּאָעט, בצלמו ודמותו, פּאַוואַנדלט זײַנע לידער אין אַן אײַנגעהזר׳טער אײנטאָניקייט.

דער יוגאָסלאַווישער פּאָעט אַנדריטש, דער געווינער פון דער היי־יאָריקער נאָבעל־פּרעמיע, ווערט פאַרצייכנט אין קאַסעלס ענציקלאָפּעדיע פון דער וועלט־ליטעראַטור מיט — 18 שורות, לעאָניד אַנדרעיעוו מיט דרייסיק שורות. קאַסעלס ענציקלאָפּעדיע איז אַן ענגלישע און זי איז דערשינען אין לאָנדאָן, קריגט דער באַרימטער ענגלישער פּאָעט אָדען — פופצן שורות. לאָרד באַלפור, אונזער באַרימטער באַלפור, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער ענגלישער שרייבער פון פילאָזאָפישע עסייען, שענקט מען אים — ניין שורות. דער אויך נישקשה־באַרימטער ווינסטאָן טשוירטשיל, וואָס איז אויך געווען אַ זשורנאַליסט, היסטאָריקער, נאָוועליסט און מעמואַריסט, קריגט אין דער וועלט־ענציקלאָפּעדיע — פערצן שורות. דער באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט קאַרל סאַנדבורג ווערט פאַרגעשטעלט מיט עלף שורות.

איצטער לאָמיר אָפּזוכן אונזער אייגענע אַנערקענונג און נאַציאָנאַלע אומשטערבלעכקייט פאַרן פּאָעט נ. י. גאַטליב, וואָס איז כלומרשט אַ פּראָווינצער פּאָעט — ער וואוינט אין מאָנטרעאָל זייט ער איז געקומען פון קאָוונע. אין דעם לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, באַנד צוויי, קריגט נח־יצחק נישט ווייניקער פון 48 שורות און אַ צוגאָב באַזונדערע עלף שורות ביבליאָגראַפיע. אָבער אין זײַן ליד אונטער מאָני־לייב׳ס באַקלאָגערישן מאָטאָ, זינגט נ. י. גאַטליב אַזוי:

> שטיל ווי אַ וואָלקן אין רוימען,
> אײנזאַם — אין פעלד ווי אַ שטיין,
> זיץ איך און שרייב מײַנע טרוימען
> ביזקל דער טאָג טוט פאַרגיין.

איז ערשטנס דאַרף טאַקע נישט אַ פּאָעט זיצן אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג און שרייבן לידער. אָבער אויב ער איז שוין אַזאַ אויסזיצער קאָן ער זיך חלילה נישט באַטראַכטן פאַר אַזאַ אומגליקלעך־אײנזאַמען, אויב מען שאַצט אים אָפּ אַזוי רחבותדיק אין אונזער ליטעראַרישער שאַצקאַמער.

צום סוף פון גאַטליב׳ס נייעם צוועלפטן בוך, ווערט געבראַכט אַ גאַנץ היבשע ביבליאָגראַפיע, וואָס האַלט אַרום דרייצן זייטן. פאַרשטייט זיך אַז די ביבליאָגראַפיע האָט צוגעשטעלט יעפים ישורין, ביי וועמען דער „אײנזאַמער" פּאָעט איז געווען גאַנץ פּראָמינענט פאַר׳אוצר׳ט אין זײַן קאַרטאָטעקע. אין גאַטליב׳ס ליד שווימט־אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער דער לאַמענט, אַז מען קויפט נישט גאַטליב׳ס ביכער. נישט לאַנג צוריק האָבן אַמעריקאַנער פּאָעטן אָנגעהויבן אַ קאָנצענטרירטע קאַמפּאַניע, צו פאַרקויפן זייערע ביכער צו ביבליאָטעקן, ווייל יחידים קויפן נישט קיין לידער־ביכער. ס׳קומט אָן מיט שווערער מי און שתדלנות, אַז אַן ענגליש לידער־בוך זאָל דערשײַנען, און פונדעסטוועגן האָב איך נאָך נישט געלייענט קיין א י י ן ע נ ג ל י ש ליד, אַז דער פּאָעט זאָל באַקלאָגן זײַן מערכה, אָדער זאָל באַווײַנען זײַנע נישט געקויפטע ביכער.

זאג איך נישט אז דאס קאן נישט דינען ווי א טעמע פאר א גוט ליד — אלץ איז מאטעריאל פאר פאעזיע — אבער א פאעט נעמט אן געוויינלעך זיין פאעטישע משא און ער טראגט זיין אומפראפיטלעכע פראפעסיע מיט ווערדע.

דער פאעט נ. י. גאטליב פארמאגט א סך פרעכטיקע און מוזיקאלישע שורות אין זיין לאנגער פאעמע — „וואס מאכסטו וואלד". ער קאן זיך א צע־זינג טאן, אבער ווען ער צעזינגט זיך בראקירט ער נישט אוים קיין אומגערא־טענע שורות. אבער זיינע געראטענע לידער לייענען זיך און פליסן, דער עיקר ווען ער זינגט נאטור לידער, וואס זיינען אגב ביי אים דא אין א גרויסער צאל אין זיין נייעם בוך, אין פארשידענע ווארייאציעס, וואס דערציילן אלץ דאס זעלביקע, אז א שטאט־מידער מענטש איז אנטלאפן צו דער נאטור.

נ. י. גאטליב איז פיזיש א קראנקער מענטש, און אין זיינע פריערדיקע ביכער קינדיקט ער אן זיין אייגענעם סוף: ער מאכט רעפעטיציע, ווי ער וואלט זיך געוואלט צוגעוואוינען צו אים. דער גוף זיינער איז אבער א סך געזינטער פון זיין שרעק און ער וועט נאך מאריך ימים זיין, ווי עה האט ביז איצטער געמאכט צו־נאר אלע זיינע סוף־לידער. ווידער איז אין דעם נייעם בוך פאראן צויפל פון דעם שרעק־אניאג אויף זיך, וואס איז ביים פאעט נ. י. גאטליב אן אלטע איינגעפארענע טעמע.

ס'איז גוט צו לייענען זיינע זינגענדיקע שורות, זיין גוטן יידיש, זיין ענערגישן ריטם, וואס באצווינגען די אייגענע חולאת'ן זיינע, מיט אומגעוויינ־לעכער מי און פלייסיקייט. אבער זיינע טעמעס זיינען איינגעחזר'טע און דער אפטער עלעגישער טאן הערט אויף צו מאכן א פאעטישן איינדרוק, ווייל גאט־ליב האט זיך ארייגעוויגט אין אן ענגער טעמאטיק, אפטמאל כמעט מיט די זעלביקע ווערטער.

ליד נאך ליד אנטלויפט דער פאעט פון שטאטישן געטומל („צוליבן טומל קען איך דארט נישט שרייבן".) ס'גייען אוועק א פופציק זייטן און גאר־ניט געשעעט, אחוץ וואס דער פאעט אנטרינט אלץ פון שטאט, „פון גאסיקן גע־הילד". אויף זייט 45 הויבט זיך שוין אן א נייע סעריע, און גלייך קומען צווי שורות — „פון ענגער שטאט, אין שטיין און אייזן איינגעקנאטן, איך האב צו אייך, געראמע פעלדער, זיך געריסן". אויף זייט 51 קומט דער פאעט „פון גאסן פון ענגע" צו „בלויקייט אין רוימען". אויף זייט 54 „רוישן אין האוועניש די גאסן אדארט, אין שטייג פון שטיינערדיקער שטאט, נאר דא, אין פעלד, מיט מארגן־זון באוואשן" א. א. וו. אויף זייט 66 זינגט נאך אלץ דער פאעט — „עס האט מיך היינט א צי־געטאן צו שטילע פעלדער".

און נאך דער טעמע הויבט זיך אן דאס באוויינען די דאליע פון א יידישן פאעט —

> און אז עס זינגט א יידיש־דיכטער אין א נאכט א ווייסער,
> ביים געלן שיין פון דער לבנה, אונטער גאלד פון שטערן,
> איז ארט עס וועמען . . .
> און אז עס וויינט א יידיש־דיכטער אין א נאכט א קאלטער
> — — — — — — — — — — — — — —
> איז קימערט ווער זיך? זאל ער וויינען אין דער נאכט
> דער קאלטער.

און די טעמע: איך דער פּאָעט — איר דער המון — ווערט אויסגע־שעפּט ממש ביז דנאָ.

ווּאָס טויג דיר ליד? וואָס האָסטו פון סאָנעט?
וואָס גיבן דיר די שטערן, די לבנה?
אוי בטלן־ייִד! אוי, יאָלדישער פּאָעט!
טאָים איז מאָני, טאָים איז מאָני, מאָני.

אין איינעם פון די בעסערע לידער אין בוך זיינען פּארוויקלט אַלע דריי מאָטיוון — נאַטור, פּערזענלעכער אונטערגאַנג, גרינגשאַצונג פון פּאָעט. כ׳ברענג דאָ אַפילו דאָס ליד צו ווייזן, אַז גאַטליב איז אַ פּאָעט מיט אַ סך איינגעבוירענע מעלות:

ביז קומען וועט אַן אויסלאָז צו מיין לעבן,
ביז קומען וועט אַן ענדע צו מיין זיין —
ארומגיין וועל איך איינאַליין אויף וועגן
אַ שיכורער פון לידערישן וויין.
ארומגיין אַלץ און העפטן מיינע בליקן
צו זון צו העלער אינעם בלויען רוים,
און תהלימען און ליבגעזאַנגען שיקן
צו יעדן בלעטל אויף איעדן בוים.
ארומגיין אַלץ און תפילה־טאָן אין גראַמען
צו יעדן גרעזל אויף דער גרינער ערד,
און הערן וועלן: היגלען, טאָלן, לאַנען,
און הערן וועלן: סעדער, פעלדער, בערג.
איך וויים: די צייטן זיינען איצטער קאַביק
און הילכן האַרט מיט אייזן און מיט שטאָל,
נאָר גוט איז מיר מיט וואַלדיש ווייכע מאָכן,
נאָר וואויל איז מיר מיט אַסיענדיקן גאָלד.
איך וויים די מענטשן זיינען איצטער ציניש
און מאַכן חוזק פונעם דיכטערס וואָרט,
נאָר גוט איז מיר מיט ווערטער־טענער דינע —
נאָר וואויל איז מיר מיט חלומדיקער וואָר.
ביז ווייזן זיך עס וועט פאַר מיר דער מלאך
מיט שאַרפער קאָסע אין דער דאַרער האַנט —
וועט שטרעקן זיך מיין דיכטערשער מהלך
מיט פערזן־צייכנס אויף זיין יעדן שפּאַן.

און טאַקע מחמת גאַטליב׳ס מעלות האָב איך געשריבן וועגן זיין נייסטן בוך, אין שייכות מיט זיין איינטאָניקער טעמאַטיק. אויב ער קאָן איבערקרעפּ־טיקן זיין פיזישע שוואַכקייט מיט אַזויפיל דיכטערישן אימפּעט, מעג ער זיך אָפּקערן פון דער קאָלעקטיווער טעמע — רחמנות אויף זיך, און שרייבן נייע לי־דער, מיט די געזונטע פּאָעטישע כוחות וואָס ער פאַרמאָגט. איך שרייב דאָס בפירוש מיט די בעסטע ברכות צום פּאָעט, אַז אים זאָלן נאָך באַשערט זיין אַ סך יאָרן פאַר געזונטע און דערפרישנדיקע לידער.

אידישער קעמפער, 16 פעברואַר, 1962.

נתן גרינבלאַט

# „בלויע גנאָד“

(לידער פון נ. י. גאָטליב)

דער יונגער דיכטער האָט אייגנטלעך אַליין אָנגעהאָנגען אויף זיינע אַכט און צוואַנציק לידער התימות, אָפּגעשטעמפּלט, הייסט עס: „האַרבסט־וועג“, „ווייס־בלוי“, „בלויע גנאָד“, „דע פּראָפונדיס“. אויף וויפל די דאָזיקע חתימות זענען איבערצייגנד, ווייס איך ניט. איך ווייס איבערהויפּט ניט צי עטיקעטן זאָגן וואָס דעם לייענער. פאַר אים איז וויכטיק עפּעס אַנדערש: צי האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט דיכטונג, מיט עכטע געפילן. ווייל ווערטער־שפּילערייען, בלישטשנדיקע ראַקעטן לאָזן נאָך זיך גאָרניט איבער. און אין ביכל „בלויע גנאָד“, טראָץ דער כוונה פון דיכטער איינצוטיילן זיינע לידער אין פיר הויפּט־מאָטיוון, זע איך אין זיי איין גרונט־מאָטיוו. איך וואָלט עס גערופן געלייטערטער צדוק־הדין. דער דיכטער טרינקט פון איין קוואַל, וואָס בלענדט ניט, פאַרשיכורט ניט, נאָר באַשיינט זיינע שטילע טריט. אַזוי, אַז ער ווייס ניט פון קיין שטורעמס און קאַנוואַלסיעס. און מיטן שרעקנדיקן לעבנס־תהום האָט ער ניט צו טאָן. און אַפילו „דע פּראָפונדיס“, ממעמקים רופנדיק, „ביים שלונג פון אָפּגרונט“, ווי דער דיכטער דריקט זיך אויס, דאַנקט ער גאָט פאַר לויטערקייט. זיין פּטירה וויל ער זען ניט אַנדערש ווי אַ ראָזע. און פאַר זיינע „העלישע פּיינען“ און „גרויליקן שפּאָט“ זינגט ער גאָט אַ לויבגעזאַנג: „שיר השירים“:

שיר השירים. אַ לויב דיר, גאָט!
פאַר טויבע מעת־לעתן אויף איינזאַמע בעטן,
פאַר בלוטנדע וווּנדן פון איצט און פון שפּעטער,
פאַר העלישע פּיינען, פאַר גרויליקן שפּאָט,
אין הייליקן ציטער, מיט האַרץ און געהירן,
צעשאַל איך אַ לויב דיר, אַ, גאָט! — שיר השירים.

אָט אַזוי פרעמד איז דעם דיכטער בונט, לעסטערונג. ער ברוגזט זיך ניט. ער קלאָגט ניט און מאָנט ניט. פול איז זיין האַרץ מיט אַזאַ, אין ווייען געלייטערטער פרייד, מיט אַזאַ שיעור ניט רעליגיעזן ציטער. „דאָס האַרץ נאָך גלויבט און טוליעט זיך צו גאָט“. טוליעט זיך — דאָס איז דאָס ריכטיקסטע וואָרט פאַר גאָטליבן. ווייל ער איז אַזוי אומעטיק־צערטלעך, אָפט — עפּעס קינדיש־שוואַכלעך, שלייכט אַזוי מיט אַ געדריקטן געמיט, מוזי זיך צו עמעצן טוליען, וואַרטן אויף „בלויער גענאָד“. און טוליען זיך קען ער צו אַלץ אין דער וועלט. אַפילו האַרבסט „קושט אים אין האַרצן“. זיין האַרבסטיק האַרץ ווערט מיט העלע פעדים פאַרשפּינט. און אַז ער שפּאַנט אין שפּעטן אָסיען, נעמט שטראַמען אין זיין האַרצן פון „פרילינגס־קראַנען“. בכלל איז תמיד פאַרמישט ביי גאָטליבן האַרבסט מיט פרילינג, טרויער מיט פרייד, און אַלץ איז ביי אים פאַרצווייגן מיט

אַ דין הייטל, און די פֿאַרב איז ביי אים אַזאַ העל־שימערירנדיקע, און די פּערזן זיינע קייטלען זיך אַזוי ליכט — צאַרטע, לירישע פּערזן, אָנגעגאָסענע מיט „בלויער גנאַד".

„פּרימאָרגן", ריגע, 1927.

## נח יצחק גאָטליב'ס „גאַנג"

1

דאָס אַרויסשיילן זיך פֿון די יחידישע הייטלעך און אַריינשפּרייזן אין דער וועלט פֿון בילדער אונגעשטאַלטן, זיי אויפֿנעמען מיט חושים־וואַכקייט און דורכוועבן מיט לירישער געמיטלעכקייט — איז דער בעסטער באַווייז פֿאַרן שעפֿערישן וואוקס. לירישע מאָזאַאיק איז בלויז אַ שטאַפּל וואָס דאַרף אַריבער־געהיפּערט ווערן. גאַלע יחידישקייט אָן באַהעפֿטונג מיט לעבנס־דערשיינונגען, מיט וועלט און מענטש — איז בלויז אַ דופֿט וואָס וועבט זיך אויס.

נח יצחק גאָטליב, דער פֿאַר'יחידישטער און פֿאַר'חלומטער געפֿאַנגענער פֿון „בלויע גנאַד", דערשפּירנדיק די ערד, האָט זיך אַ ריר געטאָן און אַוועק אין „גאַנג".

האָבן זיך אויסגעשפּרייט זיינע דיכטערישע יריעות, האָבן זיך צעהוי־דעט זיינע מוזיקאַלישע קלאַנגען, איז אָנשטאָט דעם קורצאָטעמדיקן ליד געקו־מען די פּאָעמע, איז דאָ צו ליריק צוגעקומען עפּיק, געלייטערט דורך דעם דיכ־טערישן „איך".

און אָט דידאָזיקע באַהעפֿטונג האָט באַפֿרוכפּערט נח יצחק גאָטליב'ס פּאָעטישן שאַפֿן, אויסגעמיטן האָט ער, ווי ווייניק פֿון אונזערע יונגע בכלל און, דעריקערשט, אונזער ליטווישע דיכטער־יוגנט — די סכנה צו ווערן איינגע־שרומפּט, פֿאַרצערט. ער איז אויסגעוואַקסן אין זיין צווייטער לידער־זאַמלונג, באַקומען פּאָעטישע בלוט און פֿלייש, און אַרויס אין „גאַנג" מיט פֿעסטע, זי־כערע טריט.

ווילט זיך מיטגיין מיט נח יצחק גאָטליבן שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס ער פֿירט אונז יידישע ליטע־קינדער, צוריק „אין אַלטער היים" („גאַנג". פּאָעמע. 26 — 5). מיר אַלע, פֿאַרטריבענע און פֿאַרוואַגלטע פֿון ליטע־לאַנד, וואָס האָבן ניט געקענט „דער פֿרעמדער פֿרייער ערד פֿאַרטרויען" אונזער לעבנס־גליק, און, צוזאַמען מיטן דיכטער, פֿאַרנומען דעם „ווייטן רוף מיט צאַרטן ציטער", — מיר אַלע לאָזן זיך פֿירן פֿונם דיכטערס צויבער־שטעקעל, וואָס פֿאָכעט איבער אונזערע קעפּ מיט דעם אַזוי אומעטיקן און זיידנס־צערטליכן פֿליגל־פֿאָך פֿון דער קינדהייט־שכינה.

די פֿרומע קינדהייט פֿון „דער אַלטער היים", דורכגעוועבט מיט תהילים־דיקע ניגונים און חסידישער דבקות, — דאָס איז דאָך אַן אונזעריקע ביז די טיפֿסטע שרשים. אָבער ניט בלויז די קינדהייט איז דאָ אַן אונזעריקע — אַלץ אויף וואָס עס פֿאַלט דעם דיכטערס בליק, אַלע זיינע זעונגען און געשטאַלטן

זיינען ווי געקריצטע. אַט זעט איר ווי:

„סע שנירלען שורות קראָמען זיך, ווי אותיות אין סידור,
און שילדן־קרוינען בלעכענע באַרימען זיך פאַר שכנים;
עס האָווען יידן בערדיקע מיט קרעמערשן געררודער
און גראַגערן און נאַרן אויס ביי גאָס אַ בינטל קונים.

און יאַטקעס, טישלעד, בירעלעד און שפּייכלערס פול מיט תבואה,
און וועגענער באַלאַדענע מיט סחורות ביזן הימל;
סע זידלען זיך איזוואָזשטשיקעס צעוואַקסענע און גרויע,
און ס׳שיינט די זון אויף רוישיקן, אויף יידישן געווימל".

דאָ האָט איר אַלט־קאָוונע אין איר פולער וואָר ווי זי אַנטפּלעקט זיך פאַר די אויגן פון דיכטער. איז אָבער וואָר אַליין צו נאַקעט, צו גרוי, קומט דאָ צו דער לעגענדע־געוועב פון דיכטער, און עס נעמען אויף אייך אָטעמען גייס־טער פון אַמאָל, פון ווייטע און נאָענטע וועלטן. סע שלייכן דורך שאָטנס פון נאַפּאָלעאָנען, אברהם מאַפּו, ברידער קאַלקע און סאַשקע, לעגענדאַרע העלדן פון פינפטן יאָר און דער פינפטער יאָר אַליין בליצט דאָ אויף אין דער פאָעמע, ווי עפּעס אַן אַלטער מכשף, וואָס האָט אַסאַך וווּנדער געוויזן און געהיים פאַר־שווונדן . . .

אַזוי שנירלען זיך דאָ טרוים און וואָר איינעם צענויפגעשפּונענע און עס קייקלען זיך גלעקלדיקע קלאַנגען, אַנגעזעטיקט מיט דופטיקייט און לעבע־דיקן צאַפּל. ס׳איז דער דופט פון אָפּגעלעבטן און פאַרשוואונדענעם, פון דעם, וואָס איז שוין נישטאָ מער און בליצט נאָר אויף אין די גליקלעכע שעה׳ן ווען די טרייע „קינדהייט־שומרים" באַוואַכן דעם זכרון . . .

זענען אָבער „קינדהייט־שומרים" ניט אַלע מאָל אַזוי טריי און מילד, און אַנשטאָט די „אַלטע היים" וואָס „ליגט פאַרבראַכן אין אומעט", גיט אַ פּראַל אויף טיר און טויער די נייע היים . . . טראַגיש, ווייטאַקדיק, איז די שעה פון דערוואַכונג, ווען דו דערזעעסט:

„די ווענט — צעקרימט, ווי אונטער שווערע לאַסטן,
און הויף — פאַרצויגן איז אין גרויען שפּינוועבס.
און צווישן ספרים־שטויב אין טויבע קאַסטנס
פאַרבאַרגן וויינט אַן עלנטע די שכינה . . ."

אַוועק איז די אַלטע היים, פאַרשוואונדן אויף אייביק און אַלץ אַרום — נישט צו דערקענען. וואַכעדיק, אויסגעלאָשן ליגט שטום און גרוי דאָס אַלטע לעבן. טריב און פּיינפול איז דעם דיכטערס נשמה, געבראָכן קלינגט זיין שטים, פאַר׳יתומט איז דאָס לעבן און פאַר׳יתומט איז דער דיכטער. אָפּגאַנג אָטעמט דאָ פון איטלעכן טרויער־וואָרט. מיט אַ געבראָכן געמיט בלאָנקעט דער דיכטער אַרום איבער ניי־קאָוונע און זיין אויער פאַרנעמט דעם ווילדן גערויש „פון הייזער און פון גאַסן", און זיין „צאַרט פאַרבענקטער בליק איז געשענדעט"

פון די „אומרו־שילדן". אויסגערונען איז אַלץ, וואָס האָט אַמאָל גע'כשופט. אפילו די זון איז ניט מער ווי „אַ געל צעריבענע מטבע" און די טעג „בילן" דאָ „דול־צעהאָוועט, טעג משוגענע און טויבע". אין אויפברויז פון נייעם לעבנס־שטייגער, אין דער מאָדערניזירונג פון דער אַלטער היים, אין איר כלומר־שטדיקן גלאַנץ און לוקסוס — זעט דער דיכטער טומאה. „עס וואַקסן תפיסות און שפּי־טעלער". „ס'האָט ווער דאָ גיריק אויסגעוואָרגן און צעטראָטן אַלע גלויבנס". „ס'גיסט זיך אָן מיט טרייפן בלוט איר זויפערישער האַלדז און נאַקן". „ס'הילכן שכורע די שטיינער". אָט וואָס דער דיכטער זעט אין קרוינשטאָט נײַ־קאָוונע.

דער וועג פון דער ראָמאַנטיש־חסידישער, אין טרוימען־פאַרוועבטער אַלט־קאָוונע צו דעם נײַ־אויסגעפּורעמטן קרוינשטאָטישן, בליציקן און בליאַס־קעדיקן לעבנס־שטייגער — איז דער גרונט־מאָטיוו אין דער דאָזיקער פּאָעמע. עס טראָגן זיך דורך פאַרביי אייך צוויי וועלטן, צוויי לעבנס־ריטמען, דער ערש־טער איז אַ דורכויס־ראָמאַנטישער, דער צווייטער — מרידה־פול, אָנגעלאָדן מיט פּראָטעסט. עס פּראָטעסטירט דעם דיכטערס מידע יידישע נשמה, עס פּראָטעס־טירט אויך דער סאָציאַלער געוויסן פון דיכטער:

„אין חורבות־נעסטן ראָסטיקע, אין קעלערן פול שימל —
דאָרט קלאָגט די נויט און אויג פון זאָרג פון גרויער שטענדיק וואך איז,
דאָרט הויכן טעג דעם אָטעם אוים אויף הענט פון שאָטנס מידע,
דאָרט וויינען קינדער הונגעריק אין פינצטערע באַנאַכטן.

און אין די פריען, ווען פאַבריקן הילכיק זיך צעשרייען, —
פון געסלעך קרום־צעהויקערטע, פון שטיבלעך און פון הויפן,
אויף מי, אויף אַרבעט שטרענגער זיך צעשיטן ברידער מיינע,
אויף מי, אויף אַרבעט בלוטיקער פאַר פרעמדן גליק, פאַר טרייפן"

מיט סאָציאַלן פּראָטעסט אַליין ענדיקט זיך אָבער ניט. דער דיכטער גלויבט נאָך אין זיין גרויסער שליחות: „די אַלטע וועגט די פינצטערע צעזעצן, אַפסניי די בייזע פינצטערניש צעשפּאַלטן, אַפסניי לעגענדעס העלע נעמען שפּינען"...

אַזוי שלענגלט זיך דער לעבנס־וועג פון דיכטער פון חסידים־שטיבל צום כשוף פון פינפטן יאָר, און פון וואַנדערונגען און זוכענישן, פון קלעמעניש און צאַפּלעניש דערגייט דער דיכטער צו די נייע „העלע לעגענדעס", צום נייעם ליד, וואָס „בליט און ציטיקט" אין אים. דעם דיכטערס בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים איז בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע, די עבר־ראָמאַנטיק איז ניט מער ווי איין טאָן אין דער פּאָעמע, און זיינע אויגן זענען געווענדעט צום מאָרגן, צום „בלויען טאָג", וואָס „נעמט שוין קלאָרן"...

2

די פּאָעמע „אין אַלטער היים" איז דער לירישֿ־עפּישער געזאַנג פון קאָוונע. דאָ ווערט אונזער קרוינשטאָט באַזונגען אין אַלע אירע התגלותן. גאַנ־

ליבם ליד איז אבער באהעפט אויך מיטן ליטווישן שטעטל. ער פארמאגט אז אויג אויך פאר זיין אומעטיק־גרויען קאלאריט. פאר זיין פארוואָרלאזטקייט און שטילן פארגיין. זיין אויער פארנעמט דעם אבל־קלאנג וואס טראגט זיך איבער ליטעם פעלדער און שליאכן.

דער ציקל לידער „פון שטעטל צו שטעטל״ איז ווידער אמאל א ליריש־עפישער שטימונגס־געוועב. איר האט דא דעם גאנצן לאנגזאמען, טונקל־גרויען לעבנס־גאנג פון אונזער שטעטל, זיין ריטם איז דא אויפגעכאפט מיט פארב און קלאנג, מיט אויג און אויער. איר זעט אבער אויך דעם דיכטער, דעם עלנטן, איינזאמען דיכטער, וואס וואגלט אנבער די ליטווישע שטעטלעך מיט זיין אורמעטיקן ליד. שטעטל און דיכטער, ליטווישע לאנדשאפט און דיכטער — דאס זענען אלץ אזוינע טרויעריקע מאטיוון, וואס רירן בא דער נשמה. עס ווערט אפילו אמאל ניט היימלאד פונם פארגעסענעם לײדיקן און טויטן שול־הויף, פון „מיט שטויב־פארוויטן טויטן מארק״, פון דער גאנצער הארבסטיקייט, וואס אטעמט פון איטלעכן ליד. אונזער דיכטער איז אבער אזוי איבערפולט מיט זיין טיפער בענקשאפט און אויסגעלייטערטן באשיינטן אומעט, אז מיר גייען אים גערן נאך און ווערן אריינגעצויגן אין זיינע אויסגעשפרייטע „העלע נעצן״. און העל זענען דעם דיכטערס נעצן שוין דערפאר אליין, וואס ער האלט ברייט צעעפנט די אויגן און לאזט שטראמען אויף זיי די ריטשקעלעך ליכט און זון. אזוי אז זיינע קלאנגען ווערן „אויסגעווייסט״, און עס קימערט שוין ניט וואס „גרוי דער פארנאכט דארט, גרוי דער באטאג איז און גרוי דער פרימארגן״. עס זענען אבער נאך דא ליכטיקע פעלדער, וואו מען „צעשיט״ די טריט און מע שפאנט האפערדיק, ארײנזאפנדיק אין זיך דאס ליכט. און כאטש עס דוכט זיך, אז אייביק וועלן שוין אזוי „שווינדלען די וואכן, די יארן, אן א דאך און אן א היים״, און עס קוועלט עפעס אז אין הארצן אזא טיפער אומעט, לייענענדיק די שורות, וואס צעקלינגען זיך ווי זילבער־גלעקלעך איבער די שליאכן. — איז אבער פאראן אין דעם אלעמען אזא מין געהיימער צויבער, אזש עס איז אויף אלץ מכפר.

3

אנטרונענוועדנדיק פון דער „אלטער היים״ און וואגלענדיק „פון שטעטל צו שטעטל״ — קומט גאטליב צום קרייז פון זיינע עכסטע, אינטימסטע לעבנס־פריינט — צו ערד, פעלדער, בוימער, שליאכן, — צו דער גאנצער יום־טוב־דיקער וועלט, וואס זעט תמיד אוים אין דעם דיכטערס בליקן א שטראליקע און א שייניקע.

און שטראליק איז זיין וועלט סיי אין זילבער־ווייסן קרעפטיקן „יאנואר״, און סיי אין די פרילינגדיקע „בארוועסע אינדרויסנס״, און תמיד שוין אזוי געפינט זיך גאטליב א געצעלט פאר זיינע געמיטלעך־אויסגעלייטערטע און זוניקע מחשבות, הארץ־געזאנגען און תפילות. פריי אטעמט אפ דער דיכטער, ווען „עס גרויט זיך שוין פון מידער שטאט דער לעצטער מויער״, ווייל ער ווייס, אז אין ערגעץ ניט איז אזוי וואויל ווי אין די הפקר־פעלדער״, און נאר זי, די

גרינע, בליענדיקע, דופטיק־טויאיקע וועלט, — האט דעם דיכטער געקרעפטיקט און געמונטערט:

„אין שטעט פארצארנטע, אין שטעט אין רוישיק־טויבע,
אויף גרויל׳עד־ברודיקן, אויף שטעכיק־הארטן דיל, —
האט אייער ווייטער גרוס געוועקט אין מיר א גלויבן
אין טעג אין זוניק־ליכטיקע, אין טעג פון גרינעם גליק".

אזוי זינגט גאטליב אין זיינע לירישע פאעמעס א הימן צו דער נאטור, צערטלט זיך פאר איר מיט זיין אינטימער בן־בית׳דיקייט, שפאנט ארום היי־מיש אויף אירע ברייטן און לענגן, לאזט זיך „באזוניקן" און „באטריפן" פון די לויטערע הימלען און זאפט איין גאר די פרייד און גאר די בלענדנדיקע העל־קייט, וואס איז צעגאסן איבער גאט׳ס וועלט.

דער אנטרונענער וואגלער־דיכטער בעט זיך דא איבער מיט אלע פריער־דיקע געשפענסטער. דער „הארטער קנויל פון האס פון גרויען" האט געפלאצ׳ט און ווי זאל מען דא, אין דער וועלט פון „צוויט און ליכט" זיך ארומטראגן מיט אט די אלע „קנוילן האס" פון דער „טריבער שטאט", אז עס אטעמט אויף דיר אזא שפע פון קרעפטיקייט, פרייד פון א בליענדיקער, דופטיקער וועלט? גיט זיך טאקע דער דיכטער איבער אין דער ממשלה פון ליכט, שאלן זיינע קלאנגען, הימנען און תפילות, אנגעזעטיקטע מיט דורשט און מיט שכרות.

אזוי איז דער גאנג פון נח יצחק גאטליב — פון שטאט און שטעטל, פון אלטע שאטנס און געשפענסטער צו דער ליכטיקער וועלט, צו דער בליענ־דיקער וועלט, צו דער קאסמישער יום־טובדיקייט, צום אייביקן יום־טוב פון דער נאטור.

„מיר אליין", קאונע,
1930.

# „זעגלען אין זון"

## 1.

די היימישע סטיכיע איז פאר א דיכטער זיכער א קוואל פון ברכה. ער איז ארומגערינגלט פון געשטאלטן און בילדער, וואס האבן זיך איינגעגעסן אין זיין בלוט און פלייש. ער איז איינגעלעבט מיט א וועלט ביז די טיפסטע שרשים, אנגעזאפט מיט ריטמען און קלאנגען, וואס נעסטן אין זיין נשמה טעג און יארן. די היימישע וועלט איז די אינטימסטע, עכטסטע, זי קען באפרוכפערן די שאַ־פונגס־קערנער און איינפלאנצן כשרע דיכטונג־ביימער.

צי קען אבער א דיכטער אייביק בלייבן אין זיינע ענגע ד׳אמות. צי לוי־ערט ניט אויף די צוגעשמידטע, באזאכטגייענדיקע, מיט היימישקייט באלא־דענע דיכטער די סכנה פון איינגעשרומפטקייט, צי דארף א דיכטער ניט ארי־בערשפרייזן די גרענעצן פון היים און זיך אריינווארפן אין גרויסע לעבנס־סטיכיען, צופאלן צו רוישיקע וועלטישע קוואלן, אנטרינקען די אויגן מיט

פרעמד־טויאיקע נאַטור־לאַנדשאַפטן? עס זענען קיין געזעצן ניטאָ דערביי, עס איז אַלץ אָפּהייענגיק פון דער אינדיווידועלער איינשטעלונג, פון דעם פּסיכישן און נאָך מער דיכטערישן מהות. עס זיינען פאַראַן דיכטער, וואָס זייער חיות שעפּט זיך אויס אויף אַ פרעמדן באָדן, זיי זינקען, לעשן זיך אויס, און אומ־געקערט, מיר קענען אַזוינע דיכטער, וואָס זיינען פיל רייפער געוואָרן אויסער די היימישקייט־ספערן. די גרויסע וועלט, די גרויסע זעאונגען, דער ברייטער לעבנס־שליאַך — האָבן באַפרוכפּערט זייער שאַפן און זיי אַרויסגעהייבן פון די ענגערע האָריזאָנטן. די עכטע דיכטונג קען דאָך ניט זיין אָפּהייענגיק פון דער אויסגעבאַוועטער און ראָמאַנטיש־פאַרצערטלטער היימישקייט. זי מוז שפּרייזן צו וועלט־סטיכיעס. און פאַרלירט זיך ניט דער דיכטער אין דער וועלט, ווערט ער ניט מטושטש, געפינט ער זיין טאָן, זיין קלאַנג, הייסט עס, אַז זיין דיכטונג שטייט מיטן פּנים צו דער וועלט.

.2

נח יצחק גאָטליב איז איינער פון אונדזערע ליטווישע דיכטער, וואָס האָט זיך דיכטעריש אויסגעלעבט אין דער ליטווישער היימישקייט. ער, און אין אַ געוויסן זין דוד פּראַם, זיינען געווען די, וואָס האָבן באַשטראַלט די ליטווישע נאַטור, די ליטווישע לאַנדשאַפט מיטן ליכט פון זייערע יונג־טרוימערישע נשמות. ביידע האָבן זיי אויסגעוואַנדערט, און זייער דיכטונג האָט ניט פאַר־לאָרן פון דעם וואָגלען אינדערפרעמד. נ. י. גאָטליב, דער עכט־ליטווישער יידישער דיכטער, וואָס האָט אין זיינע פריערדיקע לידער און פּאָעמען פון „בלויער גנאָד" און „גאַנג" אַזוי פאַרוואָרצלט זיך אין דער ליטווישער ערד, וואָס האָט געוואָגלט איבער אירע שטעט און דערפער, איבער אירע פעלדער און שליאַכן און מיט אַ פרומער אומעטיקער הכנעהדיקייט אונטערגעגעבן זיך דעם צויבער פון דער ליטע — האָט אויסגעוואַנדערט, געלאָזן זיך איבער זיבן ימען, ווייט פון מאַמע־פליגל־שוץ, און זיין דיכטונג האָט אין בוזעם פון נייע וועלטן זיך אויסגערייפט, געוואָרן פאַרטיפטער. ער האָט באַזיגט אין זיך דעם ענגן מיליע־מאָטיוו און אַרויס אויף דער ברייטער וועלט פון מעכטיקע סטיכיעס. אמת, שטייענדיק דאָס ערשטע מאָל פאַר דעם גרויסן ריז „אַטלאַנטיק", פילט נאָך דער דיכטער די נאָכיאָגנדיקע שאָטנס פון אַלטער היים. אַ „הייסע טרער פון פרומער מאַמען", „ברודערס צאַרטסטע, טרויעריקסטע בליקן" בריען נאָך דאָס פּנים. עס האָט נאָך גענאָגט דעם אַזוי צאַרטן דיכטער די בענקשאַפט נאָכן הינטער־פאַרבליבענעם, אַזוי שטילן און אומעטיקן. ער ראַנגלט זיך נאָך מיט דער ראָמאַנטיק פון די שאָטנס. אָבער וואָס מער ער זאַפּט זיך אָן מיט דער סטיכישער קראַפט פון ריז „אַטלאַנטיק", וואָס מער ער צעעפנט זיינע חושים פאַר דער ניי־אַנטפּלעקטער וועלט, אַלץ גיכער וועפּט זיך אויס אָט די מינאָרע, רירנדיקע שטימונג, און דער דיכטער גיט זיך אָפּ אין רשות פון גרויסן וועלט־הפקר, באַהעפט זיך מיט דער פרייד און זיסקייט פון וואָגלען. אויס טרויער, אויס בענקשאַפט, אַלץ צערינט, צעשמעלצט זיך אין דער ים־סטיכיע, וואָס הויבט אָן ווירקן ניט נאָר אויף דער נשמה, נייערט אויך אויף די חושים. דער

דיכטער צעעפנט ברייט אויגן און נאָזלעכער, ער הויבט אָן שפּינען די ים־גע־וועבן, וואו וואַסער־שטרעקעס, כוואַליעס, שטורמען, פלאַכן, אָפּגרונטן, האָריזאָנטן, פאַרבן אַלערליי, שיף און מענטש, הימל און זון — אַלץ גיסט זיך צונויף אין אַ פּראַכט־סימפאָניע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַטלאַנטיק״.

אין א־דער סיריע לידער האָט זיך נח יצחק גאָטליב אויסגעפּענטעט פון די ליטווישע היימישע דיכטערישע נעצן, ער האָט באַקומען לשון, דיכטערישן לשון, וואו בילד און רושם, תפילה און עקסטאַז זיינען צוזאַמען. דאָס איז דער ערשטער דיכטערישער זיג איבער דעם פריערדיקן נ. י. גאָטליב. אין די „אַט־לאַנטיק״־לידער, וואָס זיינען קרעפטיק און מוזיקאַליש, האָט אונדזער דיכטער פאַרחתמעט זיין ערשטן זיגל אויף זיין נייער דיכטונג.

3

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז גאָטליב האָט שוין צע־שיידט זיך מיט דער אַלטער היים, מיט מאַמע־געשטאַלט, מיט דער גאַנצער הינטערגעבליבענער וועלט. נאָך דעם ערשטן גרויסן אַטלאַנטיק־עקסטאַז, הייבן ווידער אָן צו לאַקערן אַלטע בילדער, און אַז דער דיכטער קומט קיין קאַנאַדע, הייבט ווידער אָן צו וואַנדערן, וואַנדערט מיט אים דער טרויער. אָבער ניט דער נאָגנדיקער, מעלאַנכאָלישער טרויער, נאָר אַ טרויער, וואָס ברויזט אויף לידער „מיט פרישע קרעפטיקע קלאַנגען״. דאָס איז אַ וואַנדערן, ווען די פיס הייבן זיך אַליין, און כאָטש עס פינקלען פאַר די אויגן לויכטנדיקע מאַמע־בענטש־ליכט. און כאָטש עס קומען נעכט בלינדע, ווען עס ווילט זיך פאַרוויגן „מיט מאַמעדיקע לידער״, דאָך איז דער דיכטער ניט געפאַלן, ניט געזונקען, און אויב קיינער צערטלט אים ניט, צערטלט ער זיך אַליין.

אַז דער דיכטער קען זיך אַליין צערטלען זעען מיר פון אַ שיינעם, זעלטן עלעגישן און אַזוי איבערגעלעבטן ליד. (סעריע „אין לאַנד דאָ״ ז. 22) „אין לאַנד דאָ״ איז דער דיכטער, פּונקט ווי אומעטום דיכטער, עלנט, איינזאַם, פאַר־וואָרלאָזט, „אַליין אַ הונט אַ היימלאָזער, אין הויקערדיקער נאַכט״. דאָס איז אייגנטלעך דאָס טרעפלעכסטע כאַראַקטעריסטיק פאַר אַלע קינסטלער און דיכ־טער, וואָס האָבן ניט דאָס גליק צו זיין געזאַלבט מיט רו. און ווייל „אין לאַנד דאָ״ האָט ניט דער דיכטער וועמען צו „פאַרטרויען״ זיין „פאַרפּייניקטן גע־זאַנג״, די ווונדן פון דער נשמה״, ווייל עס איז אַרום אַזוי „ברודנע״, אַ קווי־טיק־טענדלעריש לעבן״, בלייבן דעם דיכטער נאָר נאַטור און וויזיע פון פאַר־גאַנגענהייט. אַנטקעגן דעם גאַנצן עקל און העסלעכקייט פון אַרומיקן לעבן גע־פינט דער דיכטער איין תרופה, אַנטלויפן פון שטאָט, צו די בערג, צו די ביי־מער, צו די דערפער. און אַזוי פירט אונז נ. י. גאָטליב אַריין אין אַ פילפאַר־ביקער גאַלעריע פון נאַטור־געמאַלערייען, פון וואונדערלעכע לאַנדשאַפטן: ראַלט פונאַנדער פאַר אונדז פּאַנאָראַמעס, וואָס צויבערן. ער אַנטלויפט פון דער העסלעכערוועלט אַהער, צו די שטומע נאַטור־טעמפּלען, מתפלל־צו־זיין, זיך דבקהנען, זיך שטעלן גאָטספּאַרכטיק־פרום, ווי דער אַנטרונענער, פאַרשטוי־

סענער וואַגלער, וואָס האָט ניט קיין אָרט אין לעבן, וואָס איז פאַריתומט אויף דער ערד, און דעריבער ווערט ער איז שוים פון דער נאַטור אַזוי רירנד, אַזוי אינטים, אַזוי בן־ביתדיק. דאָס עפּנט זי דאָך אויף פאַר אים אירע אוצרות, אַנטפּלעקט אים איר פּראַכט, און אין הונדערטער געשטאַלטן און אויסשטראַלונגען שילדערט גאָטליב די נאַטור פון דער „נייער וועלט". די שפע פון בילדער איז שוין אפילו אָפּט צו גרוים, און דאָס אויג קען קוים איינזאַפּן די איינדרוקן מיטאַמאָל. מען מוז לאָזן אָפּרוען די ראיה, לאַנגזאַם זיך לאָזן לייענען, מיט פּויזעס, אַז ניט ווערט מען פאַרבלינעט פון דער שטראַמיקייט. חוץ נאַטור־געמאָלרייען, תמיד באַהעפטע מיט ליריש־סוביעקטיווע איבערלעבונגען, ווייל גאָטליב איז סוף כל סוף ניט קיין מאָלער פון דער „נאַטורא מאָרטע", פון דער טויטער נאַטור, ער איז ניט בלויז אַ פּייזשאַזיסט. ער מאָלט די נאַטור אויפן פאָן פון זיין וואַכיקן, אַמאָל אומעטיק־פאַרלעגישטן, און אַמאָל שאַליק־יובלדיקן, עקסטאַזיאַסטישן „איך"; חוץ אַט דער סטיכיע, האָט גאָטליב אין זיין נייעם בוך לידער אַריינגעפירט שאַרפע, דופּטיקע, אפילו שוין אַ ביסל נאַקעטע עראָטיק. אין די פריערדיקע גאָטליבס לידער האָט עראָס פאַרנומען אַ דורכשימערירנדיקן אָרט. ער האָט נאָך ניט געפילט דידאָזיקע קראַפט. די פרוי האָט דורכגעבליצט פאַר זיינע אויגן מיט עטלעכע שפּילעוודיקע באַוועגונגען. ער האָט אָבער ניט געלאָזן איר זיך פאַראַנקערן אין זיין דיכטונג. אין זיין נייעם בוך לידער וואָס איז אַ גרויסע רייפונגס־שטופע אין דיכטערס פאָעטישן שאַפן, האָבן מיך פיל בלעטער באַדופטיקט מיט שאַרפע עראָטישע געווירצן.

אין די דאָזיקע לידער גיט גאָטליב דעם בלוט־זינגעוודיקן עראָס, דעם גרויסן עקסטאַז פון לייב. עס שוימט פון די דאָזיקע לידער וויין, עס ברויזט אין די פערזן אַזאַ רעגונג, אַזאַ פלאַמיקייט, אַז זיי זיינען פון די שטאַרקסטע, קראַפטפולסטע ליבע־לידער אין דער נייער יידישער פּאָעזיע. דאָס ליבע־געזאַנג האָט זיך לעצטנס אויסגעוועפט אין דער יידישער דיכטונג. אין גאָטליבס נייע לידער איז עס געוואָרן קוואַליק, פריש־צאַפּלדיק, הימנענדיק. דידאָזיקע לידער זיינען אַ זיכערע איבעראַשונג פאַר אונדז, וואָס קענען דעם דיכטער גאָטליב אין זיין עלעגיש־מרה'שחורה'דיקער אַנטפּלעקונג.

איבערבלעטערנדיק דאָס נייע גרויסע בוך לידער פון נח יצחק גאָטליב, וואָס איז אי אַ המשך פון זיינע פריערדיקע מאָטיוון, אי אַן אויסדרוק פון נייע דיכטערישע וועלטן, וואָס האָט אונדז אין די סעריעס „אַטלאַנטיק", „אין שטילן קעניגרייך פון בערג", „אינדיאַנער זומער", „לייב צו לייב", „אין לאַנד דאָ" געגעבן אַזוי פיל שילדערונג און שטימונג, פאַרב און קלאַנג, — קומסטו צום אויספיר, אַז די עטלעכע יאָר, וואָס דער דיכטער געפינט זיך אין קאַנאַדע זיינען באַלאַדן מיט אַ סך שאַפונגס־פּרוכט.

און אין אונדזער צייט, ווען מען רעדט פון דעם קריזיס אין דער יידישער דיכטונג, איז דאָס נייע בוך פון גאָטליבן, וואָס איז ערלעך, איבערלעבט, אָפּט צו אינטים, אָפּט אפשר צו דערמידנדיק מיט דעם בלענד פון זון, אָבער פריש, עכט, — אַ זיכערער געשענק פאַר אונדז. און אַ באַווייז איז עס, אַז

ערלעכע דיכטונג האט תמיד אַן אַפּהילך, עס בייטן זיך פאָרמען, סיסטעמען, מאַניערן — אָבער דער אָטעם פון דיכטונג, די נשמה פון פּאָעזיע בייט זיך ניט. אין גאָטליבס בוך לעבט די נשמה פון דיכטונג, און דעריבער גייט ער אַריין אין היכל פון דער עכטער יידישער דיכטונג.

„שליאַכן", קאָוונע, 1932.

ד"ר מ. דוואָרזשעצקי

# חלוצישער פרילינג אין ליטע

(אויפן ראַנד פון נ. י. גאָטליבס באַנד לידער „חלוצים")

ווען מיר באַוווּנדערן דעם איצטיקן דור פון קאַמף און אַרבעט אין ישראל — פאַרגעסן מיר אָפט צו פרעגן זיך: פון וואַנעט שטאַמט דער דאָזיקער דור? ווער זענען עס געווען די טאַטעס פון די היינטיקע „סאַברעס"?, ווער זענען עס געווען די „ערשטע" — אָט די, וועלכע האָבן אַמאָל געזונגען „אנו נהיה הראשונים".

אמת, די העברעאישע ליטעראַטור (און גאָר אין קליינע מאָסן אויך די יידישע ליטעראַטור) ברענגען אונז דערציילונגען, דראַמען און לידער וואָס באַשרייבן דעם לעבן פון די „ערשטע" אין ארץ־ישראל — ווי אַזוי זיי האָבן געפירט דעם קאַמף מיטן ווּיסטן באָדן, מיט די זומפּן, מיט דער מאַלאַריע. אין דער דאָזיקער „דערמאָנונגס"־ליטעראַטור ווענן די ערשטע טריט פון חלוצישן אויפבוי און געראַנגל — פעלט אַ קאַפּיטל: עס פעלט דאָס בילד, ווי אַזוי איז אַנטשטאַנען און ס'האָט זיך פאַרמירט די חלוצים־באַוועגונג אין לאַנד — פון איר אַנטשטיין — אין ליטע, פּוילן, ווייסרוסלאַנד.

דאָס בוך לידער „חלוצים" פון דיכטער נ. י. גאָטליב שטעלט מיט זיך פאָר אין אַ געוויסער מאָס עפּעס נייעס אין דער יידישער פּאָעזיע. און אַ פּרוּוו צו פאַרפילן אָט דעם דאָזיקן בלויז. דאָס זענען לידער, וועלכע דערציילן נישט סתם ווענן דעם אַמאָליקן יידישן שטעטל, וואָס ווערט אַזוי באַזונגען פון אונזערע אַלטע פּאָעטן — נאָר דאָס זענען לידער, וועלכע באַזינגען אונז אַ פרילינג־קאַפּיטל פון יידישן לעבן — דעם אויפבוי פון דער חלוצישער באַוועגונג אין דער אַמאָליקער ליטע: אין דער ליטע — פון וואַנען עס זענען אַרויס אַזוי פיל גרינדער און בויער פון די ישראל־קבוצים און פון דער הגנה.

נ. י. גאָטליב טראָגט אונז אַריבער צום אַמאָליקן ליטווישן „גליל" און צו די קבוצים וואָס זענען דאָרטן אַנטשטאַנען. ער באַשרייבט אונז דאָס לעבן פון קיבוץ אין דער ליטע מיט שטילע און פּליסיקע פערזן, וועלכע האָבן אין זיך אָפּטמאָל אַ טאָן פון אַ פאָלקס־ליד. ער איז פאַרבענקט נאָכן אַמאָליקן ברוזנדיקן

יידישן לעבן פון קאָוונע, שאַוועל און מעמעל, און זיין געזאַנג איז איין בענק־שאַפט נאָכן חלוצישן פרילינג אין ליטע:

. . . גוט געווען איז מיטן קבוץ
אויפשטיין מיטן טאָג צו גלייך,
ווען דער מזרח זוניק פיבערט
און די ערד איז טויאיק פייכט — —

כ'האָב געשעפּט מיט שמואלקען וואַסער,
כ'האָב מיט הירשקען האָלץ געהאַקט,
האָב מיט שרה'קען גרעט געוואַשן,
האָב מיט ביילקען ברויט געבאַקט.

און געאַקערט האָב מיט מאַטקען,
אויפן טראַקטאָר שטיקער פעלד;
און געהאָלפען האָב איך נאָטען
אַנטרינקען די פי און פערד.

אין אַ זומער טאָג אַ הייסן
האָב געלאָדן וואָגנס היי,
זיס געווען איז דער שוויים מיר
יעדער וואָגן האָט געפרייט. — — —

— — און אין אָוונט נאָך דער פּראַצע,
אין דעם קאָלעקטיוון הויז,
האָט אַ פרייד אין יונגן הארצן
זיך געהוידעט און געברויזט. — —

אַט מיט דעם דאָזיקן פאַרבענקטן סטיל שילדערט אונז נ. י. גאָטליב, בילד נאָך בילד, די ערשטע חלוצישע טעג אין דער ליטע.

עס גייען דורך פאַר אונז געשטאַלטען פון אָריגינעלע חלוצישע טיפּן: „מאַטקע טראַקטאָר", „די דריי שרהקעס", „דער סקובענט", „חברה טראַסק": פאַרשיידנאַרטיקע פילפאַרביקע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין דער חלוצישער באַוועגונג פון דער ליטע.

צו די דאָזיקע חלוצים קומט אַראָפּ דער לערער, וועלכער וואַנדערט פון קבוץ צום קבוץ און לערנט זיי „קולטור". און אָט קומט דאָרט אַראָפּ אַ שליח פון ארץ־ישראל:

צעטראָגט זיך אין גליל אין קבוצות אין אַלע
אַ בשורה — צעזוניקט, אַ בשורה — צעשטראַליקט:

עס קומט אַ שליח אַהערצו אין גליל,
געשיקט איז פון ארץ צו יידן אין גלות.

— — — און יום טוב נעמט הערשן אין שטיבל אין קליינעם,
און דופטן עס נעמט דאָ מיט גראַזיקע פליינען,

מיט טאַלן צעגרינטע, מיט היגלען צעבליטע,
מיט צייטיקע תבואות, באַלאַגערט פון שניטער.

און אָט זיצט דער אורח „ביים טיש ביים פארשפרייטן,
מיט וועטשערע פראַסטער, געזונטער געגרייטער".

און ער הויב אָן צו דערציילן פון „דארטן": ביי מויערן בויען — ביי ברינעמער גראבן — ביי טריקענען זומפן — ביי פלאַסטערן גאַסן — ביי נעצן פארשפרייטן — ביי היטן פרדסים, ביים אויפנעמען עולים . . און דער גאַנצער ליטווישער גליל ווערט: „מיט חשק צעשטורעמט, מיט ווילן צעוויכערט".

און אָט קומען אראָפּ אין די ליטווישע קבוצים דריי אורחים, דריי יידן, מאַטראַסן:

מאַטראַסן זיי זענען, מאַטראַסן און — יידן . . .
פון „ארץ" זיי קומען, די ים־לייט, די יידן,

ס'דאַרף „ארץ" חלוצים נישט בלויז אויף יבשה,
ס'דאַרף „ארץ" פאַר ים אויך חלוצים — מאַטראַסן.

. . . האָט מען זיך אויף שיפן אויף פרעמדע פארדונגען,
דריי מוטיקע יידן, דריי קרעפטיקע יונגען:

געלאָזט זיך מיט ימען מיט הויכע, מיט טיפע,
געביטן מדינות, געביטן די שיפן,

געשווומען, געוואַנדערט אין זונשיין, אין רעגן,
דורך וואַכן, חדשים געמאָסטן די וועגן:

געשווימען, געוואַנדערט, די לענדער געביטן,
ביז מען האָט דערזען זיך אויפן באָדן פון ליטע . . .

ליטווישע פייזאַזשן פלעכטן זיך דאָ צונויף מיט סצענעס פון טאָג־טעגלעכן חלוצישן לעבן: און ליטווישער אָסיען שמעלצט זיך צונויף מיטן חג האָסיף אין אַ פאַרוואָרפענעם קבוץ. די נאַטור טראָגט ביים דיכטער אַ חלוצישן אויסזען: כיבוש־ביימעה שטייען „אָנגעצונדן" . . . „צירן זיך אין קרענץ דאָ טרומפעלדאָר און ברענער, טרוימט אַרויסעט הערצל פון זיין קראַנץ נאָך שענער: ליטערט א. ד. גאָרדאָן פון זיין קראַנץ אַרויסעט צו דעם ריינעם מויער, צו דעם קלאָרן דרויסן" — — און דער „חג האָסיף גראַמט זיך ביים דיכטער מיט „באַאָסיענט", און „שענער" גראַמט זיך מיט „חיים ברענער" און „נאָומים" מיט „זומער".

אויפן פאָן פון די דאָזיקע פייזאַזשן טויכט אויף אַ אידיליע מיט נח'קען דעם חלוץ דעם טויבן־טרייבער, וואָס שיקט זיינע טויבן אַנשטאָט פאָסט־טרעג־

גער פון קבוץ צו קבוץ: אין מיטן טויכט אויף א בילד: „מיר לאָדענען היי", וואָס מאָלט דעם קאַמף פון אַ חלוצישן קבוץ מיט אַן אַנקומענדיקן שטורעם, און ס'לייכט אויף דאָס קאָלעקטיווע בילד פון דער שמחה צוליבן באַוויזן אַריינלאָדעווען די היי ערב־שטורעם.

אפּט שיינט, אַז אַ ריי לידער זענען אידענטיש אין זייער אינהאַלט, און זענען דעריבער אביסל מאָנאָטאָן (ליגט נישט אין דעם אפשר אביסל פון דער מאָנאָטאָניקייט פון ליטווישן פּייזאַזש?). עס דוכט זיך, אַז ווען די לידער וואָלטן געווען מער געפּרעסטע, מער צוזאַמענגעפּרעסטע, וואָלטן זיי געשאַפן אַ נאָך מער בולטערן בילד, פונם פּרילינג אין געוועזענעם יידישן ישוב — ליטע.

אין אַלגעמיין שטעלן מיט זיך פאַר גאָטליבס לידער — אַן אָריגינעלן אָנהויב פון אַ חלוצישן עפּאָס אויף יידיש און אַ דיכטערישן פּרווו צו מאָלן אַ קאַפּיטל נאָענטן עבר, וואָס יידישע שרייבער האָבן ביז איצט פאַרזען.

„דאָס וואָרט",
מעקסיקע,
דעצעמבער, 1948.

מאָטעם דייטש

# מיט בלוט-באַפלעקטע פּייזאַזשן

(וועגן נ. י. גאָטליבס „נייע לידער")

נ. י. גאָטליבס „נייע לידער" זענען באַפלעקט מיטן בלוט פונעם אור־אַלטן גייסט פון פּאַרצייטיקע מלחמות און היינטצייטיקע. ניט קוקנדיק וואָס עס טראָגט זיך פון די לידער אַזאַ רואיקייט, אַ באַהערשטע רואיקייט, טראָגט זיך פאַרט דער מאָמענטום אין די לידער, די אַלוועלטלעכע מלחמה פון אונזער צייט. עפּעס ווי בכיוון האָט דער דיכטער אויסגעקליבן די זומערדיקע מוטער־נאַטור, די זאַטע מיט זאָרגלאָזער שלווהדיקייט און וואָס איז ווי אויף להכעיס, ביים פּאָעט אין די אויגן, נאָכמער זויבערער, שפּעדיקער און שענער, בעת ער לעבט איבער אויף איר שוים די אַלערליי משונהדיקע מלחמה־גרוילן און אומברענגע־רישע משוגעתן פון דער הפקרדיקער, באַרבאַרישער, פייערדיקער האַנט — די אַלמענטשפאַרטיליקונג. אָט דאָס אַלץ גיט ער איבער אין אַ רואיק־אויסגעהאַל־טענעם טאָן און ס'איז אים מקנא צו זיין אויף דער געבענטשטער רואיקייט־גבורה, מיט וועלכער זיינע טיף־צעוויטיקטע (נאַדסאָניסטישע) לידער פּליסן. ער קלערט און באַנעמט דעם גאַנצן היינטיקן בלוטיקן וועלטגערימל דווקא אין היפּוך פון היסטעריע. און אָט אין דער אופן איז דעם דיכטערס פּאָעטישער כאַראַק־טער, זיין נעאַ־יידישער קוויעטיזם. גאָטליבס „נייע לידער" זענען קינות אין

איכה'דיקן מינאָר. זיי זענען טרערנלײדיק, כאָטש עס וויינט אין אים זיין גאַנץ געביין:

קאַלט איז מיר די זון אין מילדע, בלויע הייכן,
שטעכיק — דער באַריר פון סאַמעטענעם ווינט,
נאָדלדיק — דער גלעט פון ביימער־בלעטער ווייכע,
דאָרנדיק — דאָס גראָז אין זומערדיקן גרין.

אַט דער טאָן גייט דורך ביי אים פונעם ערשטן ביזן לעצטן בלאַט, פונעם ערשטן ביזן לעצטן ליד אינעם גאַנצן בוך.

גאַטליב איז אַ מלחמה־קינד פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלע אירע גרוילן און פאַרבלוטיקסטע מעשים; און די איצטיקע, די צווייטע וועלט־מלחמה, רופט אַרויס אין אים נאָר די גאַנצע מלחמה־שרעק אַז ער קריגט ממש פיינט דעם מענטשן, איבערהויפּט זיין דומע ציוויליזאַציע.

ער אַטלויפט אין וואַלד. דער אינסטינקט זאָגט אים אונטער: מלחמה? דאַרף מען אַנטלויפן פון דער שטאָט. און דער וואַלד איז ביי אים דער זיכערסטער אָרט. דאָרטן געפינט מען ניט נאָר שוץ, נאָר מע קריגט די אייגענע גאַנצקייט צו זיך זעלבסט. התבודדות אַנטפּלעקט די וועגן פון דער וועלט און גיט דעם שליסל צו איכה'דיקע רעוואָלאַציעס פון אייגענעם געמיט אין שייכות מיטן זיין פון דער גאַנצער נאַטור.

גאַטליב איז ניט קיין פּרוש, נאָר ער איז פּשוט אויסגעשעפּט פונעם מענטשנס בלוטיקע מיסטואַכצן. ס'קען געמאָלט זיין, אַז דאָס וואָס ער איז אַ מלחמה־קינד איז שוין געגוג, אַז ער זאָל ליידן פון איר קאָמפּלעקס זיין גאַנץ לעבן. ער איז אַ דאָרפס־קינד פּונקט ווי יוסף ראָלניק (ער ווידמעט אים טאָקע אַ ליד), און ווי ער, האָט ער ניט קיין סך באַגייסטערונג פאַר אורבאַנישטישקייט. ער באַזינגט די נאַטור און אַט דאָ איז זיין טאַלאַנט אין דער גאַנצער עסטעטישער שעפערישקייט. ס'איז אַ בוך פון שיינעם זומערגרין און אַנדערע לאַנדשאַפט־פאַרבן, צעבליט מיט יסורים פון גרויליקער מלחמה־פּיין, וואָס באַשווערט דאָס אַזוי אויך קראַנקע געמיט פונעם דיכטער.

און מערקווירדיק, דווקא די אָסיען־לידער אינעם דאָזיקן בוך לינדערן דאָס געמיט ביים לייענען און גיבן דעם אויבערטאָן פון נחמה און שטאַרקע טרייסט. אַ דאַנק די קלאַסישע פאָרם אין זיין ליד, וואָס הויכט מיט אַ ראַפינירטער מוזיקאַלישקייט, ווערן געשאַפן אַט די פּאַעטישע מאָמענטן פון געלייטערטקייט. ס'איז אַזאַ דורכאויס לויטערער טאָן, כאָטש עס איז אויסשליסלעך טרויעריק. אָבער מוזיק, אפילו ווען זי איז טרויעריק, איז זי פּאָרט אַ שפּילעוודיקייט — טענער און מעלאָדיע. אַט דאָס איז די מעלה פון מוזיק.

אַט דאָס איז אויך די מעלה פון גאַטליבס „נייע לידער". דער אויסגעהאַלטענער מוזיקאַלישער טאָן איז זיי, וואָס איז קלאָרער און דאָמינירנדיקער פון אַלע עלעמענטן אין בוך. ער גיט דעם לייענער דעם עקוויליבריום און ער פאַר־

לירט ניט דעם באַלאַנס פון איינגעהאַלטנקייט און גייט ניט איבער צו היסטעריע בעת דער דיכטער אַנטפּלעקט פאַר אים זיינע שווידערדיקע מלחמה־וויזיעס. איך וואָלט ניט געשוואָרן, אַז דאָס איז דעם דיכטערס באַוווסטזיניקע אויסגעמאָס־טענע פּראַפּאָרציע אין דיכטן; אָבער דער פּועל יוצא פון זיין באַהעפטן זיך מיט דער נאַטור — דאָס יאָ, גאַנץ זיכער.

די מערסטע דיכטער קומען פון דאָרף, אָדער קלענערער שטאָט, דאָרט ווו די נאַטור — די אייביקע מאַמע פון אַלץ און אַלעמען — האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער זעל פון דיכטער און אַזוי אַרום פאַרחתמעט זיין גורל, אַז ער קען זיך ניט באַפרייען פון איר. וואָרעם פּאָעזיע איז נאַטור פונקט ווי נאַטור איז פּאָעזיע.

דער שטילער מענטש יוסף ראָלניק און דער נאַטור־מאָלער יעסענין, אַט דער וואָס האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער מעטראָפּאָליע און ציוויליזאַציע בכלל, און די גאַנצע פּלעיאַדע דיכטער פון אונזער גרויסער שטאָטישער צייט, האָבן זיך געראַנגלט מיט געפיל פון פּאַסטוראַלישקייט און אורבאַניזם. פּאַס־טוראַלישקייט באַהערשט נאָך אַלץ דעם גרונט־טאָן אין זייער דיכטונג. גאָטליב איז ניט קיין אויסנאַם. פאַרקערט, ער איז אַ ריינער פּאַסטוראַלניק. ער איז זיך מודה, אַז פּאַסטוראַלישקייט איז זיין קרעדאָ:

איך בין באַניים אין וואַלד, אין גרין געשפּרייטן,  
און פריידיק איז מיין האַרץ, און שמחהדיק — מיין בליק;  
פון ברונעם וואַלדישן, פון טיפן־ברייטן  
איך שעפּ דעם טויאיקן, דעם דופטנדיקן גליק.

און ער ווערט אַזוי פאַרשיכורט, אַז ער פאַרגעסט זיך, אַז ער געהערט צום יידישן שטאַם, וואָס דערלויבט ניט אַז אַ יידישער פּאָעט זאָל זיך אויס־דריקן ווי אַ געצנדינער:

און אפשר ווערט אַזוי מיר לייכט אין וואַלד דאָ,  
ווייל ס'איז מיר ווערגיק־ענג אין שרייענדיקער שטאָט;  
און פון די רייד פון מענטש די העפלעך־פאַלשע  
איז ליבער מיר די שטיל פון וועלדערישן גאָט?

ער פאַרגעסט, אַז דער בערדיטשעווער רבי־פּאָעט האָט געזונגען „ווו קען מען דיך יאָ געפינען און ווו קען מען דיך ניט געפינען — דו, דו, דו״ . . . און ענדיקן דאָס גאָטליב־ליד „אין וואַלד״ וואָלט מען געדאַרפט ניט ווי קיין געצנ־דינער, נאָר טאַקע מיט איינגעוואָרצלטער טראַדיציע, און ניט אָט אַזוי:

איך בין באַניים אין וואַלד, מיט וואָרצלען, צווייגן,  
מיט בלעטער זאַפטיקע, מיט גראָזן — גרין־געדיכט;  
און פאַרכטיק־שטיל אַרום, און אינעם שווייגן —  
נאָר איך אָ, פּאַן, און דו, נאָר דו, מיין גאָט, און איך!

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילן, פון וועלכע דער דריטער איז דער גרעסטער (מיטן גראַם צום גרעסטן) און איז דעריבער דער טאָן־אויפ־

האָלטער פון גאַנצן בוך. אַזוי, אַז אַט דער טייל שטעלט מיט זיך פאָר דעם ווער־טעבראַלן צענטער. ער דערגרייכט דאָ די קערנדיקסטע פּאַסטוראַלע פּרוכפּער־קייט און ער ווידמעט זיך מיט אַלע זיינע חושים אַט די קרעאַציע צו פאַרוועבן אין אַ נעץ פון ריינער סוביעוטיווקייט — איבערלעבונגען און שטימונגען.

אין די לידער „קאָוונע, קוידענאָוו, ליובאַוויטש", „רביים", „ניגונים", „אַז אַלטע ווערבע", און „ביי דער מצולה" גיט דער דיכטער זיך אַ טראָג צו זיין אייגענעם עבר און ער פירט אַרויס פאַרן לייענער אַ טיפּאַזש געשטאַלטן פון יידישער אייגנאַרטיקייט מיט אַ פולער איינגעוואָרצלטער סביבה.

די בריוו צו זיין ברודער אייזיק זענען זייער פּאַטעטיש און מיליטאַנ־טיש. ס'איז די שפּאַנישע מיליע פון דער העראָאישער צייט ווו יידן האָבן גע־קעמפט פאַר איר באַפרייאונג און שמאַכטן איצט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן צוזאַמען מיט נאָך קעמפער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

דער בריוו צו זיין ברודער יעקב (אויך אַ דיכטער) איז אַ מין ספּיריטועלע קאָנטעמפּלאַציע — אַליין אינעם וואַלד. ס'איז אַ זעאונג און אַ דערפילונג פון אַ ברודערלעכן באַהעפטן. זיין ברודערס געשטאַלט אַנטפּלעקט זיך און עס טענהט זיך אויס אין אַ לירישן אופן איין ברודער־פּאָעט פאַרן צווייטן. ס'איז אַ פּראָ־פונדים:

איך האָב אַ סך געזינדיקט מיטן טרויער
און זינדיקן איך וויל מיט אים ניט מער.

און אין אַ ווייטערדיקער סטראָפע:

אַ נייע וועלט זיך טוט פאַר מיר אַנטהילן,
אַ וועלט פון טאַט, אַ וועלט, וואָס וועקט און מאָנט.

און אַט די דאָזיקע וועלט האָט אויפגעמאָנט פון אים זיין צושטייער צו דער פלאַקערדיקער צייט פון מענטש, קולטור און אידעאַלן.

„דער יידישער קוריער"
שיקאַגאָ, 1943.

אליעזר היימאן

## לנח יצחק גוטליב

### (להופעת ספרו „גאַנג")

התיחדתי עם צ"ו העמודים אשר לנח יצחק גוטליב הטבועים בחותמת אחת „גאַנג". הוצאתי מנרתיקיהם את כלי שמיעתי החרדים והעדינים ביותר וכוונתי אותם לקראת המית ההרגשות המקלחת באפיקי הטורים כדם החי המפכה בעמקי הורידים. וכשנענה לי המשורר וחשף לי טפח מחביונותיו אמרתי עם לבי: האל הטוב, אלוה החסדים והדמעות, אשר עינו תמיד אל הטומנים את

גרעיני המרי והיגונים בירכתי נשמתם, ישכין ודאי את השלום בלבבו של נח יצחק גוטליב, זה הלב ההומה כל הימים ככלי זמר דק נימים שאיננו פוסק מלנגן. כי שיריו הרוטטים עם נשיבת רוח געגועים חרישית כדשאים חיים, מכילים את עדנת העריגה אל הווי הילדות הזך אשר לא ישוב להיות עוד, והמשורר העומד למראשותי הקברים — עקבות הימים שחלפו — לוחש בגיל נכאים:

די אַלטע היים. אָ, קינדהייט־שומרים טרייע,
באַוואַכט אַ ווייל די שוועל פון מיין זכרון!
איך גיי שוין אויף מיט קלאַנגען פון ווילִיע —
דער שטילער שטראָם פון מיינע ערשטע יאָרן.

(עמוד 8)

ובזכות שלל ההרגשות והרשמים שאגרתי במשך זמן קריאתי את הספר — יורשה נא לי להגיד, שנח יצחק גוטליב הוא טפוס שלם של משורר רומנטיקן הכורע ברך לפני אל מסתתר והולך בתוך ערפלי הימים הנגוזים. אבל העין השכורה מדמעות הגעגועים מתפכחת בפני מראות המציאות האכזרים. והמשורר שר:

פון גרינע ניעמאַן ברעגעס ביז דעם ים דעם בלויען —
עס וויינט די ערד, עס וויינט, און ס'וויטאָקט יעדעס גליד איר,
און וויינטן, הונגעריק, ווי וועלף ווי גרויע וואָיען,
און יעדער שטיין מיט פיין איז אָנגעזויפט און זידט שוין.

(עמוד 24)

אבל על פני מרחביה הצנועים והשקטים של אדמת המולדת זרועות עירות שוקטות וצנועות ובהן מתהלך עוד האדם אשר לבו שלם עם אלהיו...

והמשורר זוכר לעירות אם חסדן זה והוא מתרפק עליהן בהרגשותיו:

שטערן בליען נאָך אין שטעטלעד,
שטערן גרינע ווי פאַרצייטן...
אין אַ שעה אַ נאַכטיש־שפעטע,
האַרץ־מיינס מידעס, וואַנדער ווייטער.

(עמוד 33)

ויצוין עוד קו עקרי במהותו השירית של הפיטן: כל עצמותיו אומרות תאות הנדודים. כמה וכמה מן השירים שבספר קודחים בנשימה לוהטת של נודד תמידי השולח את שרשי לבו אל לב אדמות רבות...

* * *

במספר טורים מעטים אלה לא נתכוונתי להקיף את כל שטחי יצירתו של המשורר על משעוליהם הנפתלים והם לא באו אלא בתור בטוי הוקרה לפיטן שילד לנו זה עתה את ספר שיריו השני.

„נתיבות",
קאָוונע, 1929.

יצחק װאַרשאַװסקי

# נ. י. גאָטליב׳ס „אײדער עס װערט נאַכט“

נ. י. גאָטליב איז אַ פּאָעט, װאָס האָט אַרויסגעגעבן אַ טוץ פּאָעטישע װערק. זײַן הױפּט־מעלה איז זײַן אױפֿריכטיקײט. נ. י. גאָטליב שפּילט זיך נישט מיט קײן װערטער. ער רופֿט אַז זאַכן קלאָר בײַם נאָמען. ער הילט נישט אײַן זײַנע עמאָציעס אין קײן פּראָזן. אױב קלאָרקײט, אױפֿריכטיקײט און געפֿיל װאָלטן געװען די אײנציקע מעלות פֿון פּאָעזיע, װאָלט נ. י. גאָטליב געװען אַ מײַסטער. אָבער צו די אַלע מעלות פֿאָדערט זיך אױך אָריגינאַליטעט, און אױף דעם געביט איז גאָטליב הינטערשטעליק. ער איז צװיפֿל אַרײַנגעטאָן אין עיקר, אין תּוך־זאַך ער זאָל האָבן די צײַט און דאָס געמיט זיך אָפּצוגעבן מיט דער אילוזיע פֿון אײַגנאַרטיקײט. דער סך־הכּל: אַ פּאָעט װאָס רעדט צו דער זאַך, אָבער ער חזר׳ט אָפֿט איבער, װאָס אַנדערע האָבן שױן געזאָגט. נו, און יענע װאָס זענען אָריגינעל חזר׳ן דען נישט איבער? נישט מער, זײ הילן אײַן די אַלטע געדאַנקען אין נײַע — אָדער כּלומרשט נײַע — פֿאָרמען. מ׳קאָן זאָגן װעגן יעדער סאָרט פּאָעזיע, אַז זי איז די אַלטע יענטע, נאָר אַנדערש געשלײערט.

מיר פּערזענלעך איז נעענטער דער ערלעכער איבער׳חזר׳ער װי דער אומערלעכער קונצן־מאַכער.

„אײדער עס װערט נאַכט“ איז אַ װערק פֿול מיט פּעסימיזם, פֿול מיט אמת׳ער, ניט געמאַכטער, מעלאַנכאָליע. נ. י. גאָטליב דריקט אױס דעם צער פֿון אַ מענטש װאָס ס׳דוכט זיך אים, אַז ער האָט געלעבט אומזיסט. אַלע צרות פֿון אַ מענטש און איך זענען גאָטליב׳ן נאָענט. גאָטליב האַלט זיך שױן פֿאַר אַ מענטש אױף דער עלטער (כאָטש ער איז עס נאָך נישט) און רעדט כּסדר װעגן דעם טױט. מענטשן עלטערע, שװאַכע אין געזונט, לעבן אָפֿט אין אַ סאָרט אױסװײַז, אַלץ אײנס װאו זײ געפֿינען זיך נישט. דער מלאך המות שטײט גרײט. מ׳שלעפּט אװעק ביסלעכװײַז דאָס גאַנצע דור אין די קאַמערן פֿון טױט. װאָס איז דען פֿאַר׳אַ אונטערשײד װער עס שלעפּט? און דער עיקר: װאוהין שלעפּט מען? צו װאָס דאָס װאַרטן, די מורא, דאָס אָפּלײגן? די גאַנצע װעלט איז אײן גרױסע טרעבלינקע, אײן סיסטעם פֿון אױװנס און גאַז־קאַמערן. מיר אַלע טראָגן נומערן אױף די אָרעמס. מיר אַלע זענען קאַנדידאַטן. פֿון אױשװיץ און טרעבלינקע האָט זיך נאָך עמיץ אַפּגעראַטעװעט. אָבער פֿון גאָט׳ס קאָנצענטראַציע־לאַגער קאָן קײנער ניט אַנטלױפֿן.

מ׳הערט כּמעט װי גאָטליב טראַכט: דער פֿירער פֿון דער װעלט איז אױך אַ סאָרט היטלער, — אַ געטליכער היטלער . . .

אַ מענטש מיט אַזױנע געדאַנקען, שפּילט זיך נישט אין קײן פֿאָרמען, באַצירט נישט זײַנע פֿעדערן מיט פֿליטערלעך.

געשענקטע יאָרן — אַלטע, גרײַזע.
און אפֿשר טעג — װער קאָן מיר זאָגן?
אָװעקנעמען אױף לעצטער רײַזע —
עס װאַרט אױף מיר שױן שװאַרצער װאָגן.

# דיין עולם הזה

דיין עולם הזה — דאָקטאָר און שפּיטאָל,
באַנדאַזש און יאָד, לאַנצעט און כלאָראָפאָרם
(פון דרויסן טראָגט זיך פון אַ קראָ אַ קול —
דערציילט פון בלינדע ווערעמדיקע קברים).

און אינדערהיים — ווי דו, אַ קראַנקע פרוי,
איר בליק, ווי דיינער — אָנגעבלייט מיט זאָרגן,
איר קאָפּ, ווי דיינער, פול איז שוין מיט גרוי,
און ביידע קלערט איר — ערגער נאָך דער מאָרגן.

דער ביסן ברויט מיט ביטערניש קומט אָנעט,
און צו דעם רימל — שיפעניש פון שונאים.
און פריינט — ניטאָ, אין עלנט ביזט פאַרשמידט —

איין טרייסטונג כאָטש: אַ זומער־פעלד אַ העלער,
אַ בוים אַ גרינער, פייגלשע געטרעלן,
און אין פרימאָרגנס — אויפבלי פון אַ ליד.

נאָקעטן פּעסימיזם איז ניט לייכט צו פאַרטראָגן. מיר פאַרלאַנגען אַביסל טרייסט אַפילו אויף אַ לוויה. שרייבער וואָס הילן ניט איין דעם גורל פון מענטש אין קיין שום האָפנונגען אָדער אילוזיעס, קומען אונז פאָר גרויזאַם און אַמאָל אויך באַנאַל. עס ווילט זיך פרעגן אַזוינע שרייבער: וואָס זענט איר דאָ מחדש? מיר ווייסן אויך וואָס איר ווייסט, ניט מער, מיר ווילן פאַרגעסן אויף אַ ווייל. באַדלער און ווערלען וואָלטן ניט געוואָרן באַרימט ווען זיי וואָלטן ניט באַצירט זייער פּעסימיזם מיט שטאַרקע אויסדרוקן, מיט פּאָעטישע דעקאָראַציעס, מיט שפּראַכלעכע אויפטועןָ. מיר קאָנען פאַרטראָגן אַפילו די שרעקן פון עדגאַר אַלאַן פּאָ אויב זיי זיינען פאַרבונדן מיט סטיל, מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע, מיט יענעם קינסטלערישן עפּעס וואָס קאָמפּענסירט און פאַראינטערעסירט. אָן דעם, זאָגן מיר זיך אָפּ מיטצוגיין מיט דעם שרייבער. עס איז אָן אינסטינקט וואָס האָט מסתמא זיין אויפקלערונג.

נ. י. גאָטליב נעמט זיך ווייניק מי צו קאָמפּענסירן אונז פאַר דער מרה־שחורה וואָס ער וואַרפט אָן. על איז אַ פּאָעט אַ רעאַליסט. ער זאָגט נישט צו קיין יענע וועלט, ווי אהרן צייטלין. ער וואַרפט נישט אַריין קיין וויץ ווי משה לייב האַלפּערן. אין איינעם פון זיינע לידער טענה'ט נ. י. גאָטליב:

אַ, זאָג מיר עפּעס ליבס.
די טעג — ווי גרוי, ווי טריב.
די נעכט — ווי שוואַרץ, ווי פינצטער.
דערפריי מיך מיט אַ וואָרט,

מאַך גרינגער מיר מיין וואָר, —
אַז האָפענונג אַז מינדסטער.
וואָס ביזטו אַזוי קאַלט,
ווי הונדערט יאָר שוין אַלט?

וואָס זיצסטו אַזוי שווייגיק?
נו, נעם און טוליע־צו
און גיב אַ רגע רו,
פאַר נויט און קרענק און דאגות — — —

דאָס דאָזיקע ליד האָט נ. י. גאָטליב געקאָנט שרייבן צו זיך אַליין, צו זיין מוזע. אַזאַ מעלאַנכאָליע ווי גאָטליב'ס פאַרדרעט מייסטערשאַפט מ'זאָל זי קאָנען פאַרטראָגן. נו, אָבער קאָן מען האָבן צום פאָעט טענות? עס איז אונזער שולד וואָס מיר ווילן פון אַלץ געניסן, מיר ווילן אַלץ באַהענגען מיט די גלעק־לעך פון עסטעטיק. דאָ אין אַמעריקע פאַרבט מען אפילו די פּנים'ער פון די מתים. נ. י. גאָטליב האָט, ווייזט אויס, נישט דאָס געמיט און דאָס געדולד פאַר אַזוינע אָפּנאַרערייען. עס פעלט אים אפשר אויך די קענטעניש, די ווירטואָזיטעט. דער רעזולטאַט: אַ פּאָעט פון גרויס ערלעכקייט, פון פּחדים'דיקער רעאַליטעט, אָבער אַן יענער קאָמפּענסאַציע וואָס דער לייענער פאַרלאַנגט פאַר כאַפּן אַ בליק אין תהום.

ס'קאָן אפילו גרייליך מעגלעך זיין, אַז דער לייענער איז גערעכט אויך פון אַן אָביעקטיוון שטאַנדפּונקט. אָט האָט דאָך גאָט אַליין אויך באַצירט זיין שעבט־הויז. ער האָט, אַפּנים, אויך ניט באַוואוסט אַז דער מענטש זאָל קלאָגן אויף זיין אייגענעם טויט פון וויגל ביז צום קבר. איך וויל דאָ ציטירן אַ פּאָר פערזן פון אהרן צייטלינ'ס אַ ליד אין דעם לעצטן נומער „סביבה".

שטיל, ס'קינד שלאָפט. אינעם זומער פאַרנאַכט
זענען געבליבן פאַרלאָזט מאַנטי און ראָסטי.
דער זיידע גייט אַרויס צו די ערשטע שטערן.
ער ווייסט: ס'וועט נישט העלפן קיין געבעט.
מ'וועט אים אויך אָוועקטראָגן. ס'וואַרט אַ בעט.
זיידעס מוזן שלאָפן־גיין.
וואָס קוקט ער צו די שטערן? ער וויל פון זיי הערן
אַ וואָרט אַ פאַרבאָרגנס.
אַן אָנזאָג וויל ער הערן,
אַז אָוועקטראָגן וועלן אים מאַמעשע אָרעמס
און אַז אויפשטיין וועט ער צומאָרגנס.

צוזאַמען מיט דער ראַפינירטער פאָרם גיט אהרן צייטלין אויך אַ צוזאָג אויפצושטיין. יעדע העברעע דיכטונג האָט טרייסט. יעדער טיפערער דענקער קומט צום אויספיר, אַז גאָט'ס וועלט קאָן נישט זיין אַזוי אומזיניק, אַזוי פוסט און צוועקלאָז ווי עס זעט אויס דעם יאוש. אַ קאָסמאָס איז נישט אַ מתים־שטיבל . . .

די נאַכט וואָס אויף איר וואַרט נ. י. גאָטליב מיט אַזוי פיל שרעק, קאָן אַמאָל זיין ליכטיקער פון דעם ליכטיקסטן טאָג.

„פאָרווערטס"
ניו יאָרק, 1962.

ד. וואָלפע

# פאַרוואָרצלטקייט און בענקשאַפט

## וועגן נ. י. גאָטליב'ס „ליטע מיין היימלאַנד"

כ'מוז מודה זיין: כ'האָב דאָס בוך איז האַנט גענומען מיט אַן אינערליכן ציטער, ווי מ'נעמט אָנעט אַ וואַרעמע האַנט פון אַ יוגנט־חבר נאָך אַ לאַנגע צעשיידונג. און כ'האָב דאָס ערשטע בלעטל אויפגעעפנט און עטלעכע סטראָפן אַדורכגעלייענט. און — שוין האָט מיך פאַרגאָסן אַ כוואַליע ליטוויש־יידישע לופט: ליטווישע לופט מיט יידישע לונגען אריינגעאָטעמט; יידישע בענקשאַפט, אויסגעכאַוועט דורך יאָרהונדערטער צוגעבונדנקייט צו דער ליטווישער ערד, האָט פון יעדער שורה אַ וויי געטאָן. די עמאָציעס זיינען עכטע, שטאַרק אַדורכגעלעבטע אין ווייטער פאַרוואָגלטקייט.

טיף איז די ליבע, וואָס בינדט דעם דיכטער צו זיין געוועזענעם היימלאַנד. דורך דורות ציען זיך די וואָרצלען, וואָס דאָס יידיש לעבן האָט געהאַט געשלאָגן אין ליטעלאַנד:

„און ווו איך קער זיך, ווו מיין בליק עס פאַלט,
איז יידיש, יידיש, — הונדערטער שוין יאָרן;
אַז אָפט מיר דאכט זיך: ס'איז מיין פאָלק מיין אַלט
ביי דיינע ברעגן, ניעמאַן, דאָ געבאָרן;"

און אין דיכטערס בליק שפיגלט זיך מיט בענקשאַפט דער עבר, וואָס ווערט פאַרפלייצט דורך אַ גרויליקער וויזיע פון זיין פאַרטיליגטער היים. יעדעס ליד שפילט אויך מיט מעלאָדיש ריטמישע קלאַנגען פון פערז — אַ צעזונגענע בענקשאַפט; ערטערווייז אַזוי שטיל, ליריש און טרוימעריש, ווי אַ דינע סטרונע פון אַ פידל וואָלט געצאַפּלט . . .

אָבער יעדער סוף־ליד איז אַ געברום פון אַ באַס, אַ געבייזער, דאָס רייסן דעם אייגענעם טיף־פאַרוואָרצלטן שורש מיט קללה און פלוך צו דעם היימלאַנד באָדן. וואָס שטאַרקער די צוגעבונדנקייט און צאַרטער די בענקשאַפט, אַלץ מעכטיקער און שטורמישער איז דער אינערלעכער געדראַנג פריי צו ווערן פון די ליבע־פענטעס און באַשפייען מיט גאַליקער שנאה דאָס פאַרשאָלטענע היימלאַנד.

„און ס׳גרוילט אצינד מיך, ליטע, פון דיין ערד,
וואס איז געווען מיר טייער לאנגע יארן;
און ס׳איז מיר, ליטע, איצטער מיט דיר שווער;
און פרעמד מיר, היימלאנד, ביסטו איצט געווארן.״

די אויסגעזונגענע בענקשאפט און די בילדער זיינען נאך פון אמאל, פון דער יוגנט. אט אזוי דערמאנט זיך דער דיכטער וועגן קאוונע:
„אין פריער יוגנט, א פארטרוימטער יינגל,
האט שוין דיין שיינקייט אין מיין אויג געגלאנצט.״

האט דער פארטרוימטער יינגל, אין זיין פריעסטער יוגנט, ווי אין א פילם־קאמערא, אלע בילדער איינגעזאפט אין זיין בליק און פארבאהאלטן אוז זארגפעלטיק אויפגעהיט אלע פארבן, שאטירונגען, ניואנסן, טענער און שטימונגען: עצבות און פרייד, ווינטל און כוואליע, בארג, גרעזל און בלאט, פיש־מארק און אלטשטאט און חסידים־שטיבל — גארניט פארפעלט!

מיט ליבע דערמאנט ער אויך די פעז חברים: קאפלאן (אן אונדזעריקער שארית־הפליטהניק), היימאן (אומגעקומען אין א „מאלינע״ ביים ליקווידירן קאוונער געטא).

וואלט אנדערש אויסגעזען די דאזיקע בענקשאפט אין שנים כתקונן, ווען דער דיכטער זיצט רואיק ביי זיין שרייבטיש און דאס „געליבטע״ היימלאנד „צערטלט״ אים אויף זיין היים־צעטרוימטן קאפ? אפילו איצט, ביי אונדז יידן, האט דאך יעדער מיטגענומען פון זיין היימלאנד עפעס אזוינס, וואס ס׳איז אויך שווער צו פארבייטן אדער אוועקצווארפן . . .
„און ביסט מיין לאנדשאפט אומעטום געווען,
אין לאנד אין יעדן, ווו איך בין געקומען,
האב איך דיך, ליטע, פאר מיין בליק געזען,
איז נאכגעגאנגען, ליטע, מיר דיין אומעט.״

אבער דאך שרייבט זיך, אדער מוז זיך שרייבן אנדערש אין א דערשי־טערטן און אנטווישטן צושטאנד, ווען דאס „געליבטע״ היימלאנד שטייט מיט א חלף אין האנט און מיט גרוויזאמער רציחה שעכט זי אוים דיין משפחה און דיין פאלק:
„און ס׳גרוילט מיך, ליטע, ווען איך טו א קלער
פון יעדן דיינעם פלאקסענעם ליטווינער:
קען זיין, מיין מאמען האט דערמארדעט ער,
קען זיין, מיין היים האט ער מיט טויט פארכלינעט.״

פרובירט טאקע איינמאל דער דיכטער אנטלויפן צו אילוזיעס און וויס־טע פאנטאזיעס. ער איז פארפייניקט פון גרויל און אומקום און זוכט אויף א ווײַלע א רעטונג „א פסיכישן אפרו״ אין אויפשטעלן א פאטא מארגאנא. דאס ליד: א „חלום.״

צי האט זיך געקענט א יידן, אפילו חלומען, (פשוט כמשמעו!) אין 1944 וועגן ליטע: „ניטא דא קיין נאצישער סדום״? איז דאס ליד טאקע מער ניט ווי אן איבערגאנג פון חלום צו וואר, צו שפירעוודיק קרוב׳שער ווירקלעכקייט! פון

די וויטערדיקע לידער רייסט זיך דער ווײ פון אַ עלנטן זון און ברודער, ווי דער ווײ פון אָפּגעריסענע גלידער . . .

„אַ בינטל בילדער ליגט אין קעשענע ביי מיר — אַ זכר פון דער היים, מיט חורבן־שטויב פאַרוויטער; איך נעם עס אָפּט אין האַנט און יעדעס בילד צערירט אַן אַנדער וווּנד אין האַרץ, אַן אַנדער טיפן ווייטאָג״.

אויף דעם־אַ לייוונט פון גרויל און אומקום מאָלט דער דיכטער זיין מאַמען און טאַטן, זיינע ברידער און שוועסטער. מיט טרערן פון ליבשאַפט ווערט יעדער געשילדערט, מיט טרערן פון בלוט — באַקלאָגט. זיי קומען אַלע אויף ליכטיקע און צאַרטע און פאַרגייען אין בלוט און פלאַמען און רויך.

„אַ, אַלטע מאַמע מיין, מיט אויגן — שבת־ליכט! אַ, גוטע מאַמע מיין, אין בלוטיק נאַנטע קאָרבן!״

איין ליד, געשריבן אין 1944, איז געווידמעט זיין ברודער, דעם דיכטער יעקב גאַטליב. אַ צווייט ליד איז געווידמעט נאָך אַ ברודער, וואָס איז געפאַלן אַלס רויטאַרמייער. נאָכהער אַ ליד געווידמעט זיין טאַטן און נאָך צוויי ברידער. די אַלע לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם שאַרפן ווייטיק פון דער חרוב־געוואָרענער היים; מיר דערשפּירן די יידישע שטוב און יידישע משפּחה, יידיש־טראַדיציאָנעל לעבן; שבתים און יום־טובים און אפילו שטוב־חפצים. אַלץ וואָס איז געווען און ניטאָ מער.

דאַן קומען 2 לידער. איינע: „צו ליטע״, אַ צווייטע — מיטן טיטל־נאָמען פון בוך: „ליטע מיין היימלאַנד״. ווידער וויקלען זיך ליטוויש יידישע שטעטלעך און שליאַכן און לאַנדשאַפטן דורכגעמישט מיט דערזעלבער בענקשאַפט און ווייטיק פון יידישן אונטערגאַנג. פאַר אונדזער בליק ציט פאַרביי אַ גרויי, אומעטיק, איינטאָניק לאַנד, וואָס אויך ביים דיכטער חזרט זיך איבער דער זעלבער בילד און שטימונג אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. און צום סוף ווידער דער הילפלאָזער געשריי און קללה.

„ — ליטע מיין היימלאַנד! אַ פלוך צו די מערדער, פינצטערן אייביק עס זאָל זייער גורל, וואָגלען זיי זאָלן, ווי קין, דורך ערדן בלוטיק באַצייכנט — עד סוף כל הדורות״!

עס פילט זיך אַ געוויסע דיספּראָפּאָרץ צווישן דער בענקשאַפט פון דאָס געוועזענע, איבערהויפּט אין די לירישע שטעלן, און דאָס וואָס געשעט. די צייטונגס־נייעס, די ווייטיקדיקע כראָניקאַלע ידיעות, איז דאָס מאַטעריאַל, און דער־ריבער פעלט די פּערספּעקטיוו און דאָס בילד. און ס'איז ניט קיין וווּנדער, אַז דער דיכטער רעאַגירט מיט קללות, איינע שטאַרקער פון דער צווייטער און די עפּיטעטן, וואָס עס האָט געברויכט צו יענער צייט אַ יעדער צייטונגס־מענטש: מערדער, רויבער, בעסטיע, חיה־רעה, מענטשנפרעסער א. א.

דער צווייטער טייל, און דער קלענערער פון בוך, איז מער אַ כראָניק פון יענער בליצייט פון חלוציות און הכשרה־קבוצות אין ליטע. ס'ווערט גע־שילדערט די קבוצה און איר לעבנס־שטייגער, טיפּן פון בחורים און מיידלעך — חלוצים.

ווער עס קען יענע גרויסע צייט פון אויפשוואונג און שטורמישן זיך רייסן אויף הכשרה און פון דאָרט קיין ארץ־ישראל, ווען דער נאָמען „חלוץ" איז גע־ווען אַן אדלטיטל, דער וועט פארשטיין פארוואָס דער דיכטער האָט געווידמעט אַ האַלבן בוך דער־אַ צייט: אַזאַ צייט, וואָס איז נאָך לײדער אין דער פולער מאָס ניט אָפגעשפיגלט אין דער שאַפונג פון יידישן דיכטער און שרייבער פון דער ליטע.

דאָס בוך לידער פון נ. י. גאָטליב, איז בלי ספק אַ גרויסער בייטראַג צום מאָנומענט, וואָס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן פאַרן חרוב געוואָרענעם היימלאַנד, די עפּאָפּייע פון יידישן שפּרודלדיק־זאַפטיקן לעבן אין דער ליטע.

# אַ געזאַנג דער חלוצישער ליטע

(וועגן בוך „חלוצים" פון נ. י. גאָטליב)

אזוי הויבט זיך אָן די ערשטע סטראָפע אין בוך:

פון יוגנט פון ווייטער, פון יוגנט פון שיינער
באַווייזט זיך, שווימט אָנעט אַ ליכטיקער פרילינג,
אַ פרילינג אין ליטע, אויף ליטווישע פליינען,
אין געגנט פון באַלטיק, אין קאַנט אינעם שטילן.

די צייט דאָן — פרילינג פאַר יידן: אַ טויזנט יאָריקער טרום ציט אָן זיך מיט הויט און ביינער, אַ קוואַליע פון פרייד צעשטראָמט זיך און פאַרגיסט די גרוי־אומעטיקע יידישע געסלעך און עס גיבן זיך אַ רים יידישע בחורים און מיידלעך פון די ענגע, פינצטערע שטיבלעך צום פונאַנדערגעפּראַלטן, ליכטיקן דרויסן:

זיי קומען פון שטעטלעך פון מאַכיקע, גרויע,
פון אָרעמע היימען — פאַר׳דאגה׳ט, פאַרטרויערט,
און רייסן דאָ איבער ירושה פון דורות,
און נעמען צו מי זיך צו שווערער אָן מורא.

שטאַרקע, אומצערייסבאַרע פעדעם פאַרבינדן דעם דיכטער מיט יענער עפּאָכע אין ליטווישן יידנטום נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט דער חלו־צישער ליטע, האָפערדיקע טעג ווינקען נאָענט און צעשטראַלט — דאָס האָט דער דורות׳דיקער ציון־חלום זיך צעפינקלט מיט בונטע, שפּילעוודיקע פאַרבן און געוועקט אין יידישע הערצער דעם גלויבן אין אַ גיכן מקוים־ווערן פון ותחזנה עינינו בשובך לציון . . .

ציון!

אַ אידעאַליסטישע יוגנט, וואָס אַלע ציון־חלומות פון אַלע גלות־דורות האָבן אין איר זייער תיקון געפונען, האָט מיטאַמאָל אויפגעטויכט, ווי אַ קוואַל, וואָס שלאָגט אומגעריכט אַרויס אַקעגן זון.

חלוצים — אַ וואָרט, אָנגעפילט מיט זין, אידייע, אָפּפערוויליקייט: אַ ניי, וואונדערבאַר שיין, וואָס מאַכט ליכטיק דעם וועג און מונטער דעם טראָט

פון יידישן יוגנטלעכן. א יוגנטלעכער חלוץ, וואָס קומט אויף הכשרה באַזעלט מיט אומדערשיטערלעכן גלויבן אויפצוריכטן דאָס פאָלק פון גלות און אויפצו־בויען די יידישע מדינה. אַט־דעם האַרעפּאַשנעם טרעגער פון דער גרויסער עפּאָ־כע פון חלוצישן אויפשוווּנג, דעם הכשרהניק אין דער ליטע, באַזינגט נ. י. גאָט־ליב אין זיין דאָזיקן בוך, וואָס איז (טאַקע דערפאַר!) „געווידמעט דער נייער יידישער מדינה".

חלוצים — אַ ליטערער קוואַל, וואָס האָט פאַרשיכורט מיט זיין פרישקייט, מיט יונגער ענערגיע, וואָס האָט פון אים געשפּרודלט. אויף ליכטיק־צע־שטראַלטע האָריזאָנטן האָט אויפגעבליט דער באַגינען, דער פרילינג־אויפקום פון אַ ניי יידיש לעבן.

נ. י. גאָטליב, אַ געקומענער פון יידישן דלות און ישיבה־באַנק, ווערט אויך פאַרכאַפּט און מיטגעריסן. ער איז זיי, די חלוצים, מקנא און עס ציט אים אַהין, ווי ער איז זיך אַליין מודה:

ווי זיי דאָ, מיר ווילט זיך אַרויס אויף די פעלדער
און קאָסיען דעם קאָרן, דעם גאָלדיק צעהעלטן.

נאָר קנאָפּ איז דערווייַלע מיין פיזישער כוח
פאַר קאָסע און רידל, פאַר קי־שטאָל און רויערד;

מיין גוף איז אַ דאַרער, מיין פּנים — אַ בלאַסער:
סימנים פון דינען דעם „הענט־ניט־געוואַשן".

איז דער שפּעטערדיקער דיכטער־פּאַראייביקער פון די חלוצים געוואָרן דאָן—מהאי טעמא, צוליב קנאַפּע פיזישע כוחות,—דער גייסטיקער כוח־לערער און מדריך — דער קלאָמער, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַפטן זייער חלום מיט דער ווירקלעכקייט, דאָס שיין־אויסגעטרוימטע מיט די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און פּראַצע. אָבער חוץ לערער, אויך חבר, אויסגעבונדן, אינטים מיט יעדן פון זיינע חלוצים.

און אַזוי ווי זיינע חברים, מאַכט ער אויך דורך די אומוואַנדלונג: וואַקסט אַריין אין נייעם חלוציש־פּויערישן לעבן. דערפאַר זענען די לידער געזונט און שמעקן מיט ריחות פון היי און קאָרן, ביימער, רויערד, שוויס און מי.

דער נייער חלוצישער שטראָם האָט גלייך טיפע וואָרצלען געשלאָגן, איז געוואַקסטן שנעל, קרעפטיק, האַרט און עקשנותדיק:

פאַרברוינטע בחורות, פון פּראַצע פאַרשוויצטע,
בחורים מיט פּלייצעס — אַ וואַנט פון אַ מויער;
און ליפּן — צעשמייכלט, און בליקן — צעבליצטע,
און ס'אָטעמט פון יעדן מיט שטאָל און מיט רויערד.

אַלץ האָט געגלאַנצט מיט פרישער פאַרב, געווען ניי, מונטער, יונג, אימ־פּעטפול. מיט הונגער־פיבער שלינגט דער דיכטער אַלץ אַרום זיך. ער איז פאַר־גאַפט פון דער ניי־אַנדעקטער וועלט. מיט קינסטלערישן פּאַטאָס מאָלט ער די נאַטור:

און איך הער זיך איינעט. און אויגן און מיינע,
זיי הערן נים אויפעט, פארגאפטע, צו שלינגען
די הימלען די גראמע, מיט בלויקייט וואס שיינען,
די פעלדער — צעגרינטע מיט גראזישע צינגער.

ס'איז אלעם מיר ניי דא — די הייכן, די ברייטן,
דאס טרעלן פון פייגל, דאס זשומען פון בינען,
די ווינטלעך די לינדע, די פארביקע קווייטן,
פון הייען און זאנגען די דופטן די דינע.

וויפל צארטע פארבן און דינע קלאנגען זענען פאראן אין די ווייטערדיקע צוזאמענגעפרעסטע מאלערישע שורות:

און ווינטלעך עס וויגן זיך אומעט
אויף שלאנקע געוויקסיקע זאנגען;
און גאלדענע בינען עס זשומען,
און ס'זילבערן פייגלשע קלאנגען.

דאכט זיך, אז מע פילט דעם טעם פון זיסן ווינטל, מע הערט דעם לייכטן זשום פון דער בין, געצוויטשער פון פייגל — און אלץ אזוי שטיל, ליריש, אזש מיר ווערן פארטראגן אויף די צייטיק־צעבליטע פעלדער פון דיכטערס לאנד.

אבער דער עיקר אין די לידער, יעדעס איינציקע פאר זיך: איז דאס גע־זאנג, די שירה פאר דעם איינזאמען יחיד, דעם וואנדערפויגל, ניי אויפגעוועקטן עלעמענטארן כוח, דעם חלוץ־פרט געבונדן אין זיין טאג־טעגלעכער ווירקלעכ־קייט: ביים שלאפן און אויפשטיין, ביי דער ארבעט און ביים עסן, ביים הורא־טאנצן און אויף א שיחה, אין זיין ליגן און אין זיין בענקען.

אין מעלאדיש־ריטמישע לאנג־געקייטלטע לידער, פריידיק און לעבעדיק, מיט ריח און פארב און געמיט־שטימונג, אין ליטווישע לאנדשאפטן געראמט, שילדערט דער מחבר זיינע חלוצים. זיי דערשיינען פאר אונז קלאר און פאר־שטענדלעך, איינפאך און פשוט ווי זייער לעבן אליין. מיר ווערן מיט זיי נאענט און אויסגעבונדן, באדופטעטע מיט יוגנט־חלומות, וועקן זיי, אויך ביי אונז, ווי ביים דיכטער, א זיסע בענקשאפט אוןווארעמע געפילן צו זיך. מאדנע, טשי־קאווע פארשוינינען זענען זיי:

טשיקאווע חלוצים געוועזן
אין „גליל" פון ליטע, ביים באלטיק:
איך האב זיי פאר קלארער פאעזיע
אין הארצן אין מיינעם באהאלטן.

די גאלעריע טיפן איז א ליכטיק־בונטע מאזאאיק, וואס שאפט דאס אלגעמיינע בילד פון די חלוצים.

טייל לידער זענען פול מיט לירישער בענקשאפט און צארטער טרוימע־רישקייט. איינס פון זיי — „חביבה", לייענט זיך ווי א ראמאן אין פערזן און מיר פילן דעם שטארקן ליבע־וויי פון דיכטער:

לופטיק ווי פייגלשע קלאנגען,
דופטיק וויביימערשער צוויט,
גייט אין מיין זעל אַ געזאַנג אויף,
בליט אין מיין האַרץ אויף אַ ליד.

אין דעם ליד ווערן געשילדערט גליקלעכע מאָמענטן פון יונגע צוויי הערצער, און אז חביבה, וואָס דער דיכטער רופט זי צערטלעך „ילדה", איז עולה, — שרייט ער אַרויס מיט פאַרצווייפלטן קומער:
ילדה! איך האָב ניט פאַרגעסן,
ס'לויכט אין מיין בליק דיין געשטאַלט.

אָבער די אַלע געשטאַלטן פון בוד לויכטן אין דיכטערס בליק. ניט פאַר־דושעט נאָך איז נ. י. גאָטליבס פאַרחלומטער בליק פון יענער פאַרגאַנגענער אויפבליי־תקופה פון פּיאָנעריש־חלוצישער באַוועגונג אין דער ליטע. פריש און בלאַנק און פריילעך שימערן נאָך די פאַרבן אין זיין אויג. ניט באַדעקט מיט שטויב פון דער צייט איז יענער דור חלוצים.

טייל לידער זענען באַטאַנט מיט לייכטן הומאָר, שטיפעריש און פול מיטלעבן: „דער סקובענט", „די צוויקס און די הורוויצעס" א. א. וו. די טיפּן ווערן אונז נאָענט און אייגן אזוי ווי זיי זענען, מיט זייער אָפּגעלאָזנקייט און זייער פוצן זיך. אפילו זייערע קליינבירגערלעכע מאַניערן און לעבערלעכקייט, וואָס זענען געצייכנט פּלאַסטיש, פּילבאַר, דערוועקן אין אונז סימפּאַטיע צו זיך, ווי צו אייגענע גוטע, אומבאַהאָלפענע חברים, וואָס מע מעג אַמאָל אַ לאַך טאָן פון זיי, א לאַך טאָן מתוך אהבה . . .

צווישן די אַלע איז ניט קיין קליינער טייל לידער — באַשרייבונגען פון אויסטערלישע טיפּן, וואָס זענען דורך משונהדיק־מאָדנע דרכים געקומען צו דער באַוועגונג. אַלע אויסגעהיט אין זכרון פון דיכטער, מיטן ריכטיקן נאָמען און ביינאָמען, מיט אויג און האַר־קאָליר — לעבעדיקע מענטשן מיט זייערע ספּע־ציפישע געוווינהייטן און שוואַכקייטן. דער יונגער יידישער בעטלער, וואָס פאַר־בלאָנקעט נאָך א נדבה אין א קבוצה, בלייבט שוין דאָ איבער נאָך אַן אויפקלע־רערישער לעקציע פון איינער א חברה: די זינגעריין מינע ראַנדער, וואָס ווארפט אַ גלענצנדיקע קאַריערע און ווערט אַ חלוצה; די שיינע, באַרימטע טענצעריין, וואָס פאַרבייט דעם רום פון אַ באַלערינע אויף אַרבעט אין דער קבוצה; די בת יחידה פון רייכן יידישן פּריץ, וואָס פאַרמאָגט מאַיאָנטקעס, גייט אויך אוועק צום החלוץ; און סתם אַ ייד אַ וואַגלער, מיט אומרו אין נשמה, וואָס:
ס'געפעלט אים שפּאַצירן ביים באַלטיק,
צו קוקן, ווי שוימיקע כוואַליעס
פאַר הענט פאַר די נאַסע זיך האַלטן
און — וויגן די יאַמישע מיילן . . .

די אַלע שילדערונגען זיינען טריי דערווירקלעכקייט ביז אויף איינצל־הייטן. עס דוכט זיך מאַנכעס־מאָל, ווי דאָ וואָלטן פאַרצייכנט געוואָרן אין פערזן

כראָניקאַלע געשעעניש, ביי זייער פאַרלויפן פאַרן דיכטערס אויג. אַלע די אַרי־גינעלע טיפן זענען עכט און לעבעדיק־צאַפּלדיקע מענטשן, בלוט און פלייש. דער דיכטער געפינט זיך נאָר אַלץ מיט האַרץ און זעל אין יענעם צייט־אָפּשניט, ביי זיינע חלוצים און מיט זיי.

עס פעלט לחלוטין אין די לידער די באַגלייט־נאָטע, דער ווייַ פון נאָכן גרויסן חורבן אונזערן, ווי מיר מערקן עס לעצטנס ביי פיל דיכטער. אין דעם בוך „חלוצים" איז עס אַן ספק אַ טעם לשבח. מיר בלייבן דאָ די גאַנצע צייט אין יענער גליאיק־חלוצישער לופט, אַנגעזאַפּט מיט אימפּעטיקן אויפבּרויז פון יונגע, יידישע מענטשן.

נ. י. גאָטליב האָט שוין צוריק מיט דריי יאָר אויסגעזונגען זיין צער און צאָרן אויף „ליטע מיין היימלאַנד" (נאָמען פון זיינעם אַ בוך לידער). אין יענעם בוך דאָמינירט דער בענקשאַפט־טאָן. לירישע שורות, אַ פאַרחלומט, שטיל גע־זאַנג פון אַ פאַרוואָגלטן פון היים. דאָ — אַ הילפלאָז רייסן די אייגענע וואָרצ־לען, ווי אַ בוים, צעוויגט אין שטורעם.

נאָר די וואָרצלען זיצן טיף אין יידיש־ליטווישן באָדן. ליטע, די געוועז־זענע, אומגעקומענע היים, בינדט נאָך מיט טויזנט פעדים און צויבערט מיט טויזנט אַדורכגעלעבטע ליכטיקע טעג. חלוצים — דאָס איז איינער פון די שטאַרקסטע בינד־פעדים ביי נ. י. גאָטליבן.

און גרויס איז טאָקע דער זכות פון אַ פּאַרטיליקטער היים, וואָס ווערט פאַרגאָסן מיט אַ בלענדיק־דיכטעריש ליכט. אין שאָטנס פאַרבליבענע ווינקלען פון הערלעכן אַמאָל ווערן ווידער אין זונשיין צעפּרילינגט.

„חלוצים" פון נ. י. גאָטליב איז נאָך אַ ווינקלשטיין צום פּרעכטיקן בנין, וואָס הייסט ליטווישער יידנטום. די לידער וועלן בלייבן ווי אַ קינסטלערישע פאַראייביקונג פון דעם אויסדרויער און קראַפט פון דעם שבט חלוצים אין דער ליטע.

„אונזער וועג",
מינכען,
1948

## נ. י. גאָטליב — דער דיכטער פון אַ פאַרשניטענער היים

(צום דערשיינען פון זיין בוך „אַ מענטש אין די הימלען")

ס'איז דאָס אַכטע בוך פון דיכטער נ. י. גאָטליב, פון וועלכע איינס בלויז איז געווען אין פּראָזע. די ערשטע צוויי ביכער לידער זיינע דערשינען אין קאָוונע, און אַלע איבעריקע — אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, וווּ דער דיכטער איז אַ תושב פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר. נ. י. גאָטליב איז אָבער אויך אַ לאַנג־יאָריקער תושב אין דער יידישער ליטעראַטור; אַזאַ איינער, וואָס האָט אויף די פעלדער פון אונזער פּאָעזיע פאַראַקערט זיין אייגן ווינקעלע מיט לידער־זאַט און פאַר אַ גאַנצע ריי יאָרן איינגעזאַמלט אַ גאָר היבשע גערעטעניש.

פאַראַיאָרן איז געווען דאָס יובילייִ־יאָר פון נ. י. גאָטליבס ליטעראַרישן דעביוט. אין 1927 איז דערשינען זיין ערשט־בוך „בלויע גנאָד“ — און די קריטיק האָט עס דאַן אויפגענומען זייער וואַרעם און פול מיט דערמונטערונג און האָפענונגען אויף זיין יונגן טאַלענט. מיר קאָנען ניט, שרייבנדיק די דאָזיקע שורות, נאָכקומען אונדזער אייגענעם פאַרלאַנג צו נאָכפאָלגן די ערשטע שריט פון דיכטער, ווייל מיר האָבן ניט אין אונדזער רשות דאָס בוך. נאָר ס'זיינען געווען, ווי כ'דערמאַן מיך — כאָטש אַ קאַפעטשקע בלאַס — לידער פון בלאָע, ראָזע און זוניקע פאַרבן פול מיט יוגנטלעכן קרעפטיקן ריטם און פרייד אויף היימישע שליאַכן, פול מיט בענקשאַפטן און טרוים.

אָבער די לעצטע יאָרן, וואָס האָבן טראַגיש אָפגעווישט מיט בלוט און פלאַם די ווייטע יידישע היים פון נ. י. גאָטליב, האָבן טיפע שפורן אין זיין נשמה געלאָזן. מיט אַן אַ צאָל דינע און צאַרטע פעדים איז דער דיכטער געווען געבונדן מיט די כאַראַקטעריסטישע קאָוונער אָרעמע געסלעך אין זייער אומעטיקער גראָער באַראַמונג. אין זייער ענגשאַפט איז זיין ערשט געזאַנג אויפגעגאַנגען און ער איז געבליבן זייער באַזינגער. ער האָט זייערע ליכטיקסטע בלענדיקסטע שימערן אין זיינע לידער פאַרפלאָכטן. זיין ליד האָט געוואָרצלט אין דער יידישער ליטע־ערד, געאָטעמט מיט איר לופט, געטובלט אין אירע שטילע טייכן און מיט אירע קאַרגע פאַרבן געשפילט. אפילו אין יאָרן אַרום און שוין ווייט פון היים איז דער פאַטריאָטיש־יידישער ליטע־מאָטיוו געווען דער דאָמינירנדיקער אין זיין ליד. ער איז געווען און געבליבן אָרגאַניש, מיט ליב־און־לעבן, פאַרוואַקסן מיט ליטע־היים, און ניט צייט און ניט שטח און ניט סביבה האָבן קיין שליטה אויף אים ניט געהאַט. זיין היימיש ליטוואַקישער פייזאַזש, קאָלאָריט, טאָן איז ניט געווען דער כוח, וואָס זאָל זיי קאָנען אַסימילירן אָדער אַ פאַלשן קלאַנג זיי געבן. נ. י. גאָטליב איז מיט גייסטיקער פאַרעקשנטקייט געבליבן טריי זיין אָפשטאַם, דעריבער איז זיין ליד עד היום פול מיט עכטער בענקשאַפט, מיט לירישע פערזן פון היים. ס'איז דער אורדראַנג, די בראשית־קראַפט, וואָס ווירקט און שטראָמט אין זיינע פאָעטישע געבליטן.

נ. י. גאָטליבס ליד איז ניט קיין קינסטלעך געמאַכטע. ס'איז דער אינערלעכער און נאַטירלעכער צאַפל פון זיינע געפילן, פון זיין געמיט. ער איז ניט פון די זוכערס און צופאַסערס, דעריבער וואַנדלט זיך ניט זיין ניגון און ער בלייבט תמיד אָריגינעל „גאָטליביש“. ס'איז שוין די טבע פון אַ קינסטלער, אַז ביי שטילקייט און אויפטרייסלענישן בלייבט ער דער זעלבער, געגליכן צו אַ פעלז, וואָס בלייבט אומפאַרענדערלעך ביי אַלע נאַטור־דערשיינונגען. זיינע ליכטיקע און אויך אומעטיק־בלוטנדיקע לידער זיינען אין דער גלייכער מאָס ליריש־צאַרטע שאַפונגען, ווי בלימעלעך געפלעגט און געציכטעט פון איין און דער זעלבער האַנט. זיין סטראָפע איז ריטמיש און מעלאָדיש מיט ניט ווייניק פיין געגראַמטע ניי־קלאַנגיקע ווערטער, וואָס לאָזן איבער אין דער נשמה אַן אָפהילך ווי אַ פאַרשטילטער אַקאָרד פון גוטער מוזיק.

נ. י. גאָטליבס לעצט בוך נייע לידער און פאָעמעס: „אַ מענטש אין די הימלען“, איז אין זיין גרעסטן טייל טעמאַטיש נאָך אַלץ פאַראַנקערט אין דער

אלטער היים: און האט 4 טיילן. דער ערשטער טייל „פון מיינע היימען די פאר־שניטענע" (1874) איז בעיקר א קדיש־יתום — ער קלאגט אויס זיין עלנט און טרויער נאך דער אומגעקומענער משפחה, נאך יעדן איינעם פון זיינע באגאבטע טייערע ברידער, שוועסטער, מאמען און אנדערע קרובים. דאס גאנצע בוך איז „געהייליקט דעם אנדענק פון מיין טייערן, יונג פארשניטענעם ברודער, דעם טאלאנטפולן דיכטער און קריטיקער יעקב גאטליב."

אט אזוי גיבן מיר גלייך א פאל אריין אין תהום פון יענעם גרויסן חורבן־אומעט „פול פינצטערניש געדיכטער", אין וועלכן ס'זינקט צוזאמען מיטן גאנצן יידישן ישוב פון ליטע אויך דעם דיכטערס טייערסטער חלום — זיין היים! — דאס ערשטע ליד פון בוך: „22־טער יוני, 1941" — ס'איז דער „טאג פון גזר" — שניידט אדורך מיט זיין „מערדער־האק" די גרענעץ פון די צייטן — א לעצטער טאג פון א תקופה, ווען „איר אלע האט געלעבט נאך"... און דאן —

„א, גרויער אש, צעוויטער, פון מיין היים, —
כ'וועל שטענדיק דיך דערמאנען מיט געוויין". (זייט 7)

און ס'איז אמת: נ. י. גאטליב איז דורכגענומען פון א טיפן זעלישן צער, ער קאן ניט און וויל ניט זיך טרייסטן. אלע זיינע ווערטער זיינען דורכגעזאפט מיט שווארץ־פינצטערע אבלות, אלע האפענונגען זיינען אויסגערונען און ס'זיי־נען מער ניט פארבליבן ווי יארצייט־דאטעס —

„אויף יזכור בלויז, אויף יזכור זאגן.
אויף שטעלן לידערשע מצבות.
אויף אומגליק מיינעם אויסצוקלאגן —
פונוויים — אויף יעדן אייער קבר". (זייט 22)

און בלייבנדיק „דער לעצטער צווייג פון שטאם", פארוואנדלט ער אלע בענקשאפטן, יוגנט־טרוימען און דערמאנונגען פון דער אלטער היים אין א קוואל פון זיין שירישער יניקה. אן דעם דאזיקן מעטאפיזישן כוחות־רעזערוואר וואלט אזא דיכטונג, וואס האט תמיד געקרייזט ווי א פלאנעט ארום איר זון — היים, געווים אויסגעטריקנט געווארן אין מאמענט ווען דאס היים־ליכט, ווי א קאנקרעטער באגריף, איז לנצח פארגאנגען.

אבער דאס היימישע ליכט דערגייט נאך ביז היינט צום דיכטער ווי פון ווייטע אויסגעלאשענע זונען: עס קומט איבער ווייטע שטחים און צייטן מיט רעגונג און וועקונג צו נייע פארמעסטן, צו געשטאלטיקן די פארשוווּנדענע היים אין נייע און נייע פערזן, ווייל — קיינמאל —

— „ס'איז ניט ארויסעט די היים מיר פון זינען,
די ארימע היים מיין, אין ליטע־מדינה". (זייט 35)

און ער, דער „לײדנפולער זינגער" און „וויי פולער פאעט", פילט איצט, נאך דעם אזוי „הארבן בראך", פילפאכיק מער די אחריות אויף זיינע קראנקע און שוואכע שולטערן לגבי זיין פארזונקענער היים, ווייל — קיינער וויל שוין היינט ניט זאגן קדיש נאך איר, און „זיי ווילן מער קיין קלאג־לידער ניט הערן". טא ווער זאל עס טאן —

„אויב ניט אַז איך, דיין יתום נע־ונדער,
אויב ניט אַז איך, — פאַרייןזאַמט ווי אַ שטיין ?"

און ס'איז גרויס דעם דיכטערס טרויעריקער זכות אויף זיין פּאַרקיילעכ־דיקטער יתומדיקייט, ווייל ער איז

„פון טאַכטער איינער און פון זין פון זיבן,
פון גאַנצן בוים — די איינציק־לעצטע צווייג".

ער ווערט גרויזאַם געפּלאָגט און געפּייניקט פון דעם חורבן־היים, אַז ער בעט זיך ביי זיין מאַמען, וואָס קומט אים ביינאַכט צו חלום, זי זאָל אים נעמען „צו זיך דאָרט, אינדערהויך! —" דעריבער טאַקע איז אַזוי שווידערלעך־אויפ־ריכטיק דער פאַרוואורף צו די יעניקע, וואָס:

„זיי ווילן מער, מיין היים, דיך ניט געדענקען,
נאָך פרייד איז גרויס אַצינדער זייער גיר, —
און איך, מיין היים, — איך הער ניט אויף צו קרענקען
אויף בענקעניש אויף פרעסנדער נאָך דיר". (זייט 68)

און ווער ווייסט, אויב די דאָזיקע קינות וואָלטן שוין יאָ דערגרייכט די אויערן פון די יעניקע צו וועמען זיי זיינען געווענדט, צי ס'וואָלטן זיך נאָך אַ ריר געטאָן זייערע פאַרשטיינערטע פאַרטעמפּטע הערצער?

דער צווייטער טייל, און דער קלענסטער (77‑96 זייטן) מיטן טיטל־נאָמען פון בוך: „אַ מענטש אין די הימלען", איז אַ פּראָטעסט־געשריי קעגן דעם טעכנישן פּראָגרעס און דערפינדערישקייט פון מענטשלעכן גייסט, וואָס דאָס אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין מכשירים פון אומקום און אויסגענוצט צו טויטן און מאָרדן. און דער דיכטער שמועסט זיך דורך אין זיין מחשבה מיטן פויגלשן מענטשן — דעם „פליער אין הימלען" און פאַרביטערט וואַרפט ער אים צו זיין טענה:

„אַט רודערסטו, ברודער, אין רחבות צעבלויטער,
נאָר וויפל דיין פליען האָט לעבנס געטויט שוין ?"

זיין הומאַניטאַר און בונטאַריש געפיל קעגן מענטשן, וואָס שטעקט נאָך אַלץ אין דזשונגל פון מלחמות און בלוט־פאַרגיסענישן, איז ענג געקניפּט מיט זיין אייביקן גרויסן וויי: „וויי מיר: פאַרשאַטן מיט טויט איז מיין ליטע!"

אין צענטער פון דעם אומרחמנותדיקן געקנויל פון יאָמער און רישעות שטייט דער בחיר־היצירה — מענטש — „פול, ווי געווען מיט לוסט פון צעשטע־רונג — מיט גיר פון רציחה". און ס'דאַכט זיך אים, דעם דיכטער, אַז דער בלוט־טיקער קאַשמאַר וועט שוין קיינמאָל מער ניט אויפהערן, אומגעקערט — דער טאָטאַליטאַרער אַלוועלטישער אונטערגאַנג הייבט זיך ערשט אָן. און קעגן אַזאַ ווילדן כּאַאָטישן כּוח איז מאַכטלאָז דאָס דיכטערישע וואָרט, זיינע צאַרטע און איידעלע שטרעבונגען און בענקענישן, וואָס קאָנען זיך בשום אופן ניט פאַרלאָזן אויף דער מאַשין און אויפן מענטשנס האַרץ, וואָס „איז אַלץ נאָך פאַרשאַלטן". צוליב דעם־אַ וואַרשיינלעך, בענקט דער דיכטער אַזוי שטאַרק נאָך יענע גוטע

צייטן, ווען „דער מענטש איז נאָך געווען אַ קינד און — האָט נאָך ניט אַזוי געמעסערט". נאָך אַזאַ וועלט־קוק דערשיינט טיף־כאַראַקטעריסטיש דאָס ליד „צו אַ הונט" און די אויסטערלישע קרובהדיקייט, וואָס דער דיכטער אַנטפּלעקט מיטאַמאָל אין זיך צום דאָזיקן בעל־חי:

„דו ביסט מיר נאָנט, דו צויג דו געלע,
מיט אויגן, פול מיט מאַמע־פייער;
דו ביסט מיר נענטער, גוטער כלב,
פון מענטש, וואָס בייזער איז פון חיה". (זייט 88)

נ. י. גאָטליב, וואָס זעט אַזויפיל לויטערע און ליכטיקע פאַרבן אין דער נאַטור, זעט די מענטשלעכע נאַטור אין אַ הילע פון כולה־חושך: ס'איז ניטאָ פאַראַן קיין שפּרינקעלע ליכט אין מענטשן און קיין תקומה ניט פאַר אים, ווייל די „וועלט, זי האָט זיך ניט געביטן": אַט

— „זיצט באַניים דער קאַט אין זאַטל,
דער רויבער — ער באַניים באַפעלט;
און שוואַרץ אַרומוועבט זייער שאָטן —
אַזוו אַ ליכטשטראַל אויף דער וועלט".

און דעריבער איז אַזוי קלאָר, אין דער־אַ פינצטערניש, דעם מענטשנס גורל, דעם באַנקראָטירטן מענטש, וואָס „האָט זיין גאָט פאַרלאָרן". ווי אַ בייזע נבואה קלינגען די שורות געשריבן אין יוני, 1950 — און ס'האָט טאַקע ניט געקאָנט זיין אַנדערש דער לאָגישער אויספיר, ווי — אַ קאָנסעקווענץ פון דיכטערס געדאַנקען, — די לעצטע שורות פון ליד „קאַרעא":

„מ'עט אַלע פאַרשפּילן. מ'עט אַלע פאַרשווינדן
אין מבול אין לעצטן, אין ווילדן, אין בלינדן.

די ראַסע די שוואַרצע, די געלע, די ווייסע — —
פון מענטשהייט פון גאַנצער וועט בלייבן אַ מעשה.

פון מענטשהייט פון גאַנצער וועט בלייבן — לעגענדע.
און לייענען וועט זי — דער גאָט פון פאַרלענדונג — — —"

דער דריטער טייל „מיט זיך" (99—209 ז'ז) איז דער שפּיגל פון דיכטערס ליידן און פריידן. די נאַטור בליצט דאָ און ליכטיקט מיט היימיש בונטע פאַרבן און ס'דאַכט זיך אַ מאָמענט, אַז דער דיכטער האָט טאַקע בדעה צו פאַרגעסן דעם נעכטן און ניט קלערן פון מאָרגן, נאָר געניסן פון לויטער־קלאָרן היינט". ער פאַרכלינעט זיך מיט דער שלווה פון אַרום, אָבער באַלד גיט די שטימונג ראַפּטום אַ פאַל ביז ביטערער פאַרצווייפלונג.

די אַלע „מיט זיך" אינטים־לירישע פערזן זעען אויס ווי אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן ווי דעם דיכטערס נשמה וואָלט זיך אַט פאַרצויגן מיט אַ כמאַרע, מיט אַ שוואַרצן שלייער און אַט אויסגעלייטערט ביז אויף קרישטאַליקער פרייד — „אַט איז מיר גרינג, אַט ווערט מיר שווער". איז טאַקע זיין דיכטונג

במזל פון „א שטענדיקע באוועגונג" — פון פארצווייפלונג צו לעבנסלוסט וחוזר חלילה. איבערהויפט פילן אים אז בערג און פעלד און טאלן (איז עס ניט ליט-ווישע נאטור?) מיט יונגע דראנגען.

די סעריע „זומערדיקע לידער" גלאנצט מיט א שפע פון בילדער, קאלא-ריט, טענער און שטימונגען, ווי א גאלעריי פון מאלעריש-קינסטלערישע פיי-זאזשן פון זומער-לאנד. ס'איז אן אפפרישונג און איבערחזרונג פון יונגע יארן:

„טוליע צו מיר, ערד צעבליטע, צו דיין שויס,
ווי אין יוגנט, ווי אין יארן — לאנג פארגאנגען;
ס'איז מיין הארץ היינט אנגעטרונקען מיט געברויז,
ס'איז מיין זעל היינט אנגעלאגלט מיט פארלאנגען."

(זייט 104)

אויך די סעריע „הארבסטיקע לידער", כאטש פון זיי ווייט שוין א כמורנער און אויך א ליכטיקער טרויער, און ווי א מיסטישער באגלייטער „גייט אונדז נאך, א ליכטיקער, — דער טויט". — פון דעסטוועגן זיינען די פארבן מיט א זיכערן פינדזל און אויף ברייטע לייוונטן געמאלן, און פארבן — לאו דווקא גראע; אט איז — „א הארבסט-נאכט א צעבלויטע" — „א לבנה — קיילאכדיק-צעהעלט" און „עס פאלן שטערן רויטע" און — עס „שיטן בלעטער — געל". אויך דער הארבסט, ווי דער זומער, „ניגונט אין מיין (דיכטערס) הארצן יונג אזויווי א הארן". און פילט עס אז מיט הארבסט-פריידן.

דאן קומען עטלעכע אויטאביאגראפישע פאעמעס און שפעטער — נאך מער אומעטיקערע לידער. צארטע בענקשאפט הויכט פון די „טעג פון קינדהייט". אין דער פאנטאזיע פון א חדר-יינגל מאלט זיך די ליטווישע נאטור מיט יידישע מעטאפארן („פרימער פליסן וואסערן ווילעס": „זון אין רוים — א געלער אתרוג" א"א). די אנדערע לידער און פאעמעס זיינען פול מיט האמעטנער טראגיק פון א מענטשן געטראפן דורך א שווערן שיקזאל. פון זיי דערוויסן מיר זיך, אז דעם דיכטערס לעבנגאנג איז ניט געווען קאמפליצירט און פאטאל ביז — מאנטרעאל: „א, מאנטרעאל!" —

„וואס קען איך נאך ביי דיר דערווארטן ? —
א קבר-בעט א פינצטער-הארטע.
א נעקראלאג אין צייטונג נאכן טויט". (זייט 164)

און אפילו אין זיינע לידער געפינט ער שוין ניט קיין טרייסט, זיי זיינען געווארן בלויז א מיטל צו דערשטיקן זיין עלנט. און טאקע פאר וועמען זיינען נוציק די פארשעמטע, פארשטויסענע לידער? —

„פאר וועמען דיין שרייבן, פאר וועמען דיין יידיש,
אויף וועלכן די קאוונער, די ווארשעווער יידן

און יידן פון ווילנע, און יידן פון כעלם
עס האבן געפרייט זיך, עס האבן געחלומט?" (זייט 169)

און די אונטערשטע שורה פון אזא מעשה איז, אז די לידער זיינע —

„עס דאַרף זיי ניט קיינער. ניט נייטיק זיי זענען.
אין אייוועלע דיינעם דו מעגסט זיי פֿאַרברענען.
און אויך דיך מע דאַרף ניט, און אויך דו — ניט נויטיק.
„אַ מענטש מיט אַ לשון פֿון קברים, פֿון טויטע״ (ז׳ז 2־171)

„עלנט, נויט און קראַנקהייט״ איז דער לעצטער סך־הכל פֿון דיכטערס „מיט זיך״. דאָס זיינען זיינע „דריי באַהיטער — דריי געטרייע שומרים״. און זיין פֿיין טוט ער פֿאַרגלייכן צו איובס, נייערט אַז דער גלייכער פֿאַרגיטיקונג ווי ביי יענעם: האָט ער אפֿילו מיט דעם גורל זיינעם שוין שלום געמאַכט און נעמט אים אָן מיט אַ ווירדיקער און שטאָלצער קאַפּיטולאַציע:

„שוין אַז פֿראַטעסטן נעם איך אַן די ענדע
און מיטן פּסוק זאָג איך: עס איז גוט — — — ״

ס׳קומט צולעצט דער פֿערטער טייל: „ישראל״. נאָך די ערשטע עט־לעכע באַגייסטערטע לידער פֿאַר דער דערוואַכונג און אויפֿקום פֿון מדינת ישראל קומער דריי גרעסערע פּאָעמעס: חנה סענעש; יוסף טרומפּעלדאָר; אהרן דוד גאָרדאָן. ביאָגראַפֿישע פֿאַקטן ווערן דאָ געשילדערט אין פֿיין־ריטמישע גע־טאַקטע שורות. דער דיכטער ברענגט אַרויס מיט פּלאַסטישע שטריכן זייערע אידעאַלן און שטרעבונגען, זייער לעבן און שטאַרבן על קידוש העם והארץ — ווי מאַרטירער און העלדן.

אָבער טראָץ זיין דיכטער־תרומה פֿאַר ישראל בלייבט נ. י. גאָטליב דער לירישער באַזינגער און קדיש־זאָגער־מקונן נאָך זיין־אונדזער חרוב געוואָרענער היים מיט יידן. גאָר ווייניק שמחה איז פֿאַראַן אין זיינע לידער, אָבער דערפֿאַר זיינען זיי נאַטירלעך, טיף־ערלעך און עכט. זייער סטיל איז לייכט און די פֿאָרעם אַ שפּילעוודיק־מעלאָדישע. מיט ניט פֿיל סימבאָלן אָפּערירט דער דיכ־טער, אָבער מיט גאָר אַ סך רעאַליסטישע און ניט געקינצלטע מיטלען, וואָס אַ דאַנק זיי דערגרייכן זיינע לידער זייער קינסטלערישע גאַנצקייט. נ. י. גאָט־ליבס לידער זיכערן זיך מיט זייער טעמאַטיק און זשאַנער אַ מקום מיוחד, אַ חשוב אייגן־ווינקעלע אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע.

„דרום אפֿריקע״, יאָהאַנעסבורג,
.1953

## באַזינגער פֿון ניט־געוויינלעכע געשטאַלטן

באַקומענדיק אַ ניי בוך פֿון נ. י. גאָטליב, עפֿן איך עס תמיד מיט אַ געוויסן ציטער. כ׳ווייס שוין: באַלד וועט עס אַ ווייע־טאָן מיטן האַרבן ריח פֿון היים, פֿון אומעטיקער לאַנדשאַפֿט, גאָלדענע קאָרן־פֿעלדער און יעסנדיקע טריבע הימלען — פֿאַרבן און שטימונגען פֿון דעם מיר אַזוי גוט באַקאַנטן גאָטליבישן געמיט. זיין היימיש ליד איז אָנגעזאָפּט מיט בענקשאַפֿט, טרוימען און קאָלאָ־ריט פֿון זיין אַמאָליקער היים און יוגנט.

ביז איך היינטיקס מאָל געוועז אַנגענעם „אַנטוישט" פון אונדזער לי־טעלאַנד־טרייעז דיכטער, ווייל — ס'איז געוועז אַ בוד פון גאָר אַן אַנדער „לאַנד" — דאָס לאַנד פון גרויסע נאַציאָנאַלע יידן. און די נייע טעמאַטיק האָט גאַטליב ניט מער געשעפּט בלויז פון זיין אינערלעכער געפילן־וועלט, נייערט אויך פון זיין אידייען־וועלט — דער ציון־באַוועגונג מיט וועלכער ער איז פאַרבונדן פון זיין סאַמע פריסטער יוגנט. ער האָט ליב אירע טרוימער און די קעמפער, די גרונט־לייגער און פאַרווירקלעכער פון דעם־אַ חלום. וועגן „די־אַ פשוטע, אַנאָנימע העלדן", וועגן „די־אַ יונגע וואונדערלעכע יידן — געוויינ־לעכע חלוצישע געשטאַלטן" האָט ער שוין „צענדליקער אַרטיקלען און דער־ציילונגען, לידער און פּאָעמעס אָנגעשריבן. און צוויי ביכער זיינע: אין פּראָזע „איבערבוי" און אַ בוד פּאָעמעס — „חלוצים" זיינען אינגאַנצן געווידמעט דער חלוצישער טעמע.

„מיט די יאָרן — שרייבט ער אין אַריינפיר — איז זיך צעוואַקסן אין מיר אַ תשוקה צו אויסדיכטן ניט בלויז געוויינלעכע חלוצישע געשטאַלטן, ניט בלויז טאָגטעגלעכע הכשרהניקעס, — נאָר אויך צו פאַרפּיקסירן פאַר די קינפ־טיקע יידישע גענעראַציעס ניט־געוויינלעכע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן". און אין זיין פריערדיק לידער־בוד, אַ מענטש אין די הימלען", האָט שוין גאַטליב גע־מאַכט דעם בראשית. דאָרט געפינען זיך דריי לענגערע פּאָעמעס פון אַזאַ טעמאַטיק און זשאַנר: „חנה סענעש", „יוסף טרומפּעלדאָר" און „אהרן דוד גאָרדאָן". און איצט קומען ווידער „דריי פּאָעמעס" אין איין בוד. דריי גרויסע יידיש־נאַציאָנאַלע געשטאַלטן פּרוּווט גאַטליב צו אויסדיכטן: טעאָדאָר הערצל, יוסף חיים ברענער, ענצא סערעני.

די ערשטע פּאָעמע, „טעאָדאָר הערצל", איז געבויט אין צוויי־שורהדיקע סטראָפעס, וואָס וויקלען זיך און פליסן ריטמיש און לייכט, אויסוועבנדיק די אימפּאָזאַנטע געשטאַלט פון דעם מאַן, וועלכער איז געגאַנגען

„פון חלום צו חלום דורך ברעניקער וואָר,
דורך הארבן גראַנגל פון פערציק פיר יאָר".

און די־אַ פיר און פערציק יאָר הערצל־לעגענדע האָט גאַטליב אין פיינע, ניט איבערלאָדענע פערזן צוזאַמענגעפלאָכטן און צוזאַמענגעקייטלט צו איין גאַנצקייט. אַ פאַררונדיקט, כאָטש ניט אויסגעלעבט לעבן פון אַ גרויסן ייד.

נ. י. גאַטליב האָט געמאָלט די הערצל פיגור אין איר גאַנצער גרויסקייט און באַשטראַלט מיטן בלענדיקן ליכט פון זיין לעבנס־חלום. און אַ דאַנק דעם, וואָס די פּאָעמע בלייבט טריי די געשיכטלעכע פאַקטן און דער פּאָעט פליט ניט צו הויך אין די הימלען, קלינגט זי עכט, גאַנץ, און דער מאַן הערצל דערשיינט פאַר אונדז אין זיין טאָג־טעגלעכער דערהייבנקייט, זיין מענטשלעכער טראַגיק און זיין גליאיקן גלויבן.

די צווייטע פּאָעמע, „יוסף חיים ברענער" איז געשריבן אין פיר־שורה־דיקע סטראָפעס און קענטיק, מיט אַ ביסל הייסערן דיכטערישן אָטעם: אפילו שורות ליריש אָנגעהויכט. און ניט קיין וואונדער: זיינען דאָך דאָ פאַראַן מער

באריר־פונקטן: אוקראינע און — ליטע; דלות־הײם, נויט, ישיבה, „טעג" און כלערליי מענטשלעכע פיינען, וואס זיינען נאענט און באקאנט אויך גאטליבן.

און ניט ווי אין דער ערשטער פאעמע, וואו דער דיכטער פילט זיך א פנים ניט גאר זיכער און פרעמדלעך צו דער אומגעבונג פון א בודאפעסט, וויז א.א.וו. און שוין ביי די ערשטע שורות איז ער מתפלל: „איך וויל אייך דער־ציילן". נאר — „גאט גיב מיר די קראפט — מיין ווארט מיין באשיידן זאל האבן א האפט". אבער דא, ביי ברענערן, פילט ער זיך שוין היימישער, חברי־שער, דירעקטער, ווייל ברענער איז מיט אים אונטער איין באלקן, טראץ דעם וואס ער איז „טויט שוין יארן". גייסטיק באַרירן זיך ביידע דיכטער. ווי מיס־טעריעז און באלאדיש, מיט צארטע און טיפע טענער קלינגען די ערשטע סטראפעס:

„ער בליקט אראפ צו מיר פון וואנט,
ער. יוסף חיים, — טויט שוין יארן.
נאר פלוצים כ'פיל: זיין רעכטע האנט,
זי רירט מיך אן, — ווי ניי־געבארן.

„זי נעמט מיך אן און אינדערוויייט
מיך פירט אוועק — אן אויפגעברויזטן:
דורך טעג — פארוויייטע פון דער צייט,
דורך יארן — לאנגשוין אפגערוישטע.

דאס זיינען די ערשטע צוויי פאעמעס וועגן צוויי מענער, וואס זייער פערזענלעכער לעבן איז געווען אזוי גרונטיק פארשידן און ווייט: הערצל — אויפן ליכטיק־זוניקן וועג פון פארערונג ביי א פאלק, כבוד און גדולה, זעלבסט־זיכער און אמביציעז; ברענער — דער וועג פון חושכניש, פיין, גריבלענישן און פע־סימיזם ביז צום לעצטן אויסהויך פון זיין טראגיש־פארשניטן לעבן.

די דריטע פאעמע: „ענצא סערעני", זינגט וועגן א היינטצייטיקן ייד פון די חורבן־טעג. אבער דער ייד קומט פון אן אנדער יידישער סביבה און אטמאספער: איטאליעניש יידישער אדל; און שפעטער — פון קיבוץ אין ארץ ישראל מיט דער יידישער בריגאדע צוריק קיין איטאליע. א ייד אן אידעאליסט און מארטירער, וואס קומט אום אויף זיין לעצטער שליחות — ווען ער לאזט זיך אראפ מיט א פאראשוט אין שונא'ס הינטערלאנד, כדי צו העלפן די דארטי־קע געררודפטע שוועסטער און ברידער; אבער ער ווערט געכאפט און טיילט זייער פינצטערן גורל: הויכט אויס זיין נשמה אין קרעמאטאריע־פייער פון דאכאוער קאנצענטראציע לאגער. אויך דא באוועגט זיך גאטליבס פערז אין די פוסטריט פון דעם כראנאלאגישן לעבנסגאנג פון ענצא סערעני. און ס'איז דעם דיכטער געלונגען צו געבן די אינטערעסאנטע שטורמישע יוגנט פון איטאליע־נישן אינגל אויפן פאן פון דער שיינער „איטאליע — זיין ליכטיקע וויגל"; דאן — זיין קיבוץ־לעבן אין ארץ ישראל און — ביזן סוף, מיט דער זעלבער ניט געמינערטער גאנצקייט און עכטקייט ווי די ערשטע צוויי פאעמעס.

די־אַ „דריי פּאָעמעס" פון גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן איז פאַר גאָטליבן געווען אַ ניסיון פון זיין דיכטערישער קראַפט. ניט לייכט איז אויסצו־קנעטן אין פּערזן היסטאָרישע געשטאַלטן, זייערע כאַראַקטערן און טאַטן. ווען גאָטליב זינגט זיינע „געוויינלעכע חלוצישע „געשטאַלטן", ציטערט ביי אים אַ ליריש־צאַרטע סטרונע, וואָס פילט אַן זיין וואָרט מיט בענקשאַפט און האַר־ציקייט, זיינע פּערזן — מיט וואַרעמער מוזיק פון אייגן היים; אָבער ביי די פּאָעמעס איז אים בייגעשטאַנען הילף פון אַן אַנדער זייט: די אידייע, דער חלום און זיין אייגענער גלויבן. די־אַ עלעמענטן האָבן פולקאָם קאָמפּענסירט און פאַרפולט דעם חסר. נ. י. גאָטליב האָט אין די דריי פּאָעמעס „פאַרפלייסט" און אַריינגעבלאָזן אַ רוח היים אין דריי גרויסע יידן — בעלי חלומות און קעמ־פער־מאַרטירער.

„אפריקאַנער יידישע צייטונג"
יאָהאַנעסבורג,
פעברואַר 11, 1955.

ש. טענענבוים

## נאַטור און מענטש

נ. י. גאָטליב איז מיר ביז איצט געווען באַקאַנט אַלס דערציילער, וועלכן איך טרעף אַן דאָ און דאָרט אין דער יידישער פּרעסע; אַ דערציילער מיט אַפּט־ביזאַרע טעמעס. איך געדענק צום ביישפּיל איינע פון זיינע דערציילונגען ווי אַ מאַן ווערט געפרוירן אין ווינטערנעכט. ער זיצט און ברענט אויס זיין ביבליאָ־טעק, וואַרעמט זיך ביי די פלאַמען פון זיינע טייערע ביכער. איך פּערזענלעך, זייענדיק אידעאַליסטיש, וואָלט אַזאַ זאַך ניט אָנגעשריבן. איך וואָלט מיין העלד געלאָזט זיך וואַרעמען אין די גייסטער פון די ווערק. אָבער דאָס וואָלט זיין פּאָעטיש, אידעאַליזירט. דער אמת איז אַז ווען דאָס פלייש פילט קאַלט — מוז עס זיך וואַרעמען אין מאַגישן פייער . . .

איצט האָט זיך מיר נ. י. גאָטליב אַנטפּלעקט אַלס אַ פּאָעט אין זיינס אַ בוך לידער — „זעגלען אין זון". אויסער אַ דערציילער און פּאָעט, איז נ. י. גאָטליב אַ טאַלאַנטפולער קריטיקער און ער פאַרעפנטלעכט ניט זעלטן אַרטיקלען איבער יידישע שרייבער, וועלכע אָטעמען מיט גייסט און ליבשאַפט.

וואָס איז דער מהות פון נ. י. גאָטליבס פּאָעזיע? די פראַגע געפין איך פאַר צו לאַקאַליסטיש און באַגרענעצט. פּאָעזיע איז איין גרויסער אָקעאַן, וואָס זינגט, שאַלט, שטורעמט און שפּילט. די פּאָעטן זענען זיינע כוואַליעס. טראָץ־דעם וואָס יעדע כוואַליע איז אַנדערש, האָט אַנדערע פאָרמען, שטראַלט אויף,

פֿליִוסקעט זיך און שטאַרבט אַנדערש — ־דאַך איז דאָס ליד דאָס זעלבע. דער גאַנצער ים זינגט אײן גרויסע מעלאָדיע צום קאָסמאָס. דער גאָט פֿון דיכטונג — דער שענסטער און גרעסטער גאָט פֿון אַלע געטער — זינגט זײַן גרויסע דיכטונג אין אוניווערז. יעדער פּאָעט העלפֿט מיט אין קאָלאָסאַלן כאָר. און אַזוי פֿאַרייניקן זיך די פּאָעטן פֿון אַלע דורות אין אײן קאָלאָסאַלן געזאַנג, וואָס רירט אָן די בלאָסע געזיכטער פֿון די שטערן . . .

דער אינהאַלט, דער מהות פֿון פּאָעזיע איז — אויסגעשריי פֿון אַנציקונג און באַוואונדערונג; סימפּאַניע פֿון פֿרייד און טרויער, טיפֿער באַדויערן נאָך דעם וואָס גייט אַוועק, אײַביקע האָפֿענונג פֿאַר דעם וואָס קומט, הערצאָישער ענטוזיאַזם צום שײנעם, ליבע און פֿרייהייט, באַוואונדערונג פֿון גאָט, וואָס דריקט זיך אויס אין טויזנט מאָדוסן אין דער רעאַלער וועלט.

יעדער פּאָעט איז אין גרונט — ניט קײן נײעס, אַ נײע כוואַליע אין גרויסן אָקעאַן פֿון דיכטונג. בלויז עטוואָס ספּעציפֿישעס אַנטהאַלט יעדע כוואַליע. און טאַקע דאָס ספּעציפֿישע צווינגט אונז צו שרײַבן אַזויפֿיל ליטעראַרישע עסייען, קריטיקן, רעצענזיעס. מיר רעגיסטרירן ניט דאָס, וואָס איז געמײנזאַם אין אַלע פּאָעטן, נאָר דאָס, וואָס שיידט זײ אונטער.

וואָס איז דאָס ספּעציפֿישע אין דער דיכטונג פֿון נ. י. גאָטליב?

נ. י. גאָטליב איז אַ פּאָעט, וואָס זינגט וועגן נאַטור און לעבן. זײַן פּערז, סטיל, שטימונג איז שנעל, דינאַמיש געיאָגט און געאײַלט, אַזוי ווי אַ זילבערנער ווינט אין אַ פֿרילינג־פֿרימאָרגן. ער האָט אַ זעלטן טיפֿן טרעמפּישן טרויער, אַ מעלאַנכאָליע פֿון אַן אײנזאַמען און טראַגישן מענטשן. נאָר זײַן ריטם איז אַזוי פֿליסנדיק, לויפֿנדיק, שוועבנדיק און שטורעמדיק — אַז דער טרויער ווערט צעריבן, צעפֿלויגן, צעבראָכן, ווי אַ געצקע אין שטורעמווינט און אין בליץ. דער ווינט צעבלאָזט דעם טרויער. דער ריטם טרײַבט אים און לאָזט אים ניט רוען, לאָזט אים ניט אָקומולירן זײַן טרויער. ער געהערט צו יענע פּאָעטן, וואָס האָבן זייער טרויער ניט געקענט בינדן, ער איז אַ הייסער־טראַגישער פּאָעט, וואָס טרינקט זונליכט ווי ווײַן, וואָס באַוואונדערט דאָס מענטשלעכע לעבן אין אַלע זײַנע אַספּעקטן, קלעטערט אויף געוואַלטיקע בערג און דערזעט דאָס קאָלאָסאַלע וואונדער פֿון דער נאַטור. ער האָט טאַלאַנט צו מאָלן לאַנדשאַפֿטן און לײַדנשאַפֿן. ער האָט צאַרטע לידער, הארבסטיקע שטימונגען. ער האָט אַ ציקל לײַדנשאַפֿטלעכע לידער — זײַנען זײ עכט, שטאַרק, פֿול און גאַנץ מיט זייער פֿרייער, מעכטיקער עראָטיק. די עראָטיק זײַנע איז פֿולקאָם, געזונט, סטיכיש און נאַטוראָרטיק. די העלדין פֿון זײַן טרוים, פֿון זײַן לײַדנשאַפֿט איז געזונט, קרעפֿטיק, ווענוסאַרטיק. ווי אַ ווײַסע געטין שטראַלט זי פֿאַר אים מיט איר האַרמאָנישגעשניטענעם קערפּער. און די מענטשלעכע עראָטיק פֿלייצט איבער די ברעגן, פֿאַרייניקט זיך — ווי אין אַלע גרויסע ליבע־געזאַנגען — מיט דער גרויסער נאַטור, מיט ערד, הימל, וואָלקן און גאָט. דער טרויער ווערט פֿאַרצערט פֿון לעבנס־פֿײַער. דער הארבסט ווערט אויפֿגעפֿרעסן פֿון פֿרילינג. דער עלנט און דאָס לעבנהדיק־ראַכיטישע געזאַנג שטראַלט אויף אין באַוווסטזײַן פֿון דער גרוי־

סער וועלט פון שיינקייט און אָרדענונג. דאָס דאָזן קיכאָטישע אין אים, דער בלאַסער פּאָעט, וואָס זינגט פאַרחלומט, ווי דער טרוימערישער לי־טיי־פּאָ, שטייגט אויף צו אַ מין מעכטיקן באַנעמען פון לעבן, וועלט, נאַטור און גאָט.

נ. י. גאָטליב איז אויך אַ ראַדיקאַל און דאָס פילט זיך אין זיינע לידער, ווו דאָס אָרעמקייט, אומרעכט, סאָציאַלע ניט־גלייכהייט איז — אומעטיש און אומעסטעטיש, און מוז אַרויסרופן אין אַ פּאָעט אַ שטאַרקע רעאַקציע.

נ. י. גאָטליבס פערז און פרייער שווונג איז באַווירקט פון אַזעלכע פיינע פּאָעטן אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי לייב ניידוס און דוד איינהאָרן. דער ערש־טער האָט אַריינגעבראַכט פּושקינס פרייען שווונג און באַדלערס לײדנשאַפט־לעכקייט. דער צווייטער האָט צעצונדן שטילע לירישמעלאַנכאָלישע לידער אינעם זון־אונטערגאַנג פון דעם יידישן שטעטל מיט זיינע רעליגיעזע טראַדיצי־עס, האָט אַריינגעבראַכט דעם טרויער פון דער ליטווישער נאַטור.

„דער יידישער קוריער"
שיקאַגאָ, 1940.

## זון־ליכט — באַנדאַזש פאַר ליידנדע
### נ. י. גאָטליבס „נייע לידער"

נ. י. גאָטליב איז אַ פּאָעט און אַ פּראָזאַיקער. די לעצטע יאָרן פאַר־ברענגט ער אין שפּיטעלער און אין קור־ערטער. דאָרטן, אונטער די גרינע ביימער, איינגעהילט אין קילן שאָטן — ווען די זון פלייצט מיט שטראָמען גאָלד, שעפּט ער טרייסט און דיכטונג פאַר זיין שווער געמיט. עס איז אין די פיינע נאָכמיטאָגן, ווען ווי אַ ליימענער זייגער שטייט הויך די זון אין הימל — ווו נ. י. גאָטליב שרייבט זיינע דערציילונגען און זיין קריטיק, זיין פּאָעזיע און זיינע בריוו. די בריוו — זיי אָטעמען מיטן פּיין פון לעבן. מיט ווייטיק פון ראַנגלען זיך פאַר די בעסערע מאָמענטן פון לעבן. מען האָט די אילוזיע אַז מען איז געזונט. דאָ באַשרייבט ער די טיפן פון שפּיטאָל — די אייביק־ליידנדע, די הייליקע אויף די ווייסע בעטן. דאָ רופט ער צוריק די דערינערונגען פון זיין יוגנט. פון ערשטן וועלט־קריג. זיינע דערינערונגען זענען פאַרשפּיצט, ביזאַר. זיינס אַ דערציילונג — הגם פּשוט אין פאָרם, האָט אַ קאָמפּליצירטע געשיכטע, האָט דעם פאַנטאַסטישן עלעמענט, וואָס איז דער הויפּט־באַדינג אין יעדער דערציילונג. און אַזוי, דורך דער פּראָזע — דורך זיין לעצטן ווערק „איבערבוי" — באַפרייט זיך נ. י. גאָטליב פון זיין אויטאָביאָגראַפישן באַלאַסט. פון דעם, וואָס צייט רייניקט אָרום, ברענגט אַרויס די קינסטלערישע שטעלן, באַפרייט פון איבעריקער דעקאָראַציע, יע־דער קינסטלער ברענגט צו דער וועלט זיין ליטעראַרישן באַגאַזש — די קינד־הייט. איר קענט עס זען אויף באַרימטע מאָלערייען. די לאַנדשאַפטן זענען דעם קינסטלערס קינדהייט . . . דאָ האָט ער זיך געשפּילט . . . דאָ האָט ער געקושט דאָס ערשטע מיידל. דאָ האָט ער דורכגעלעבט דעם מיסטישן שרעק־געפיל פאַר אַ שטורם . . .

נ. י. גאָטליב, ווי געזאָגט, אין זיינע בעסערע מאָמענטן — שרייבט לידער. די לידער זענען די ספּאָנטאַנע אויסדריקן פון זיין וועזן. זיין פּאָעזיע טיילט זיך אויף לירישע און סאָציאַלע. מיר פּערזענלעך איז נענטער די ליי־רישע דיכטונג, — די דיכטונג ווו נ. י. גאָטליב פרייט זיך און טרויערט. פרייט זיך מיט דער נאַטור, אין וועמענס שויס דער פאַרוואונדעטער מענטש געפינט טרייסט און רו. שטילקייט און אינטימיטעט — ווי אַ קינד געפינט אינטימיטעט ביים קלייד פון זיין מוטער. די נאַטור האָט אונז געבוירן און זי נעמט אונז צוריק . . . מיר וואַנדערן אייביק אין אירע אַלייען . . .

ווען איך זאָל ציטירן דאָס ליד „זאָג נישט, מענטש, דו...” — וואָלט עס געווען דער מאָטאָ צו נ. י. גאָטליבס דיכטונג:

„זאָג נישט, מענטש דו גוט איז דאָרטן ווו איך בין נישטאָ. —
ס'איז דיר בעסער. מערמאָל בעסער דאָ ווי דאָרטן.
סאַראַ בלויקייט, סאַראַ גרינקייט, סאַראַ העלער טאָג,
סאַראַ ברייטע, סאַראַ ווייטע האָריזאָנטן.

רונד אַרום — נאָר בערג צעשטרעקטע, ווו אַ קער נאָר — בערג.
האָסט דאָך ליב זיי, אָט די בערג די וווּנדערשיינע.
האָסט דאָך האָלט זי, אָט די ליבע, אָט די גוטע ערד,
אָט די גרעזלעך, אָט די בלימלעך אָט די קליינע.

שווייג־זשע איצטער, רייד ניט גאָרניט, זאָרג ניט און ניט טראַכט
וואָס געווען איז, וואָס דאַרף קומען — ניט דיין דאגה.
סאַראַ פרישקייט, סאַראַ לייכטקייט, סאַראַ ווייכער שליאָך,
סאַראַ זינגען פון די פייגל אויף די צווייגן.”

דאָס ליד ציט זיך אין זעלבן טאָן נאָך דריי סטראָפן. נ. י. גאָטליבן „ווילט זיך היינט אַ הויב טון זיך אין לופט, אין רוים; ווילט זיך היינט די זון די גאָלדענע דערגרייכן”.

דער אָפּטימיסטישער טאָן, דאָס פאַנטאַסטישע זיך איבערגעבן דער נאַטור, זי זאָל בינדן אין ליכט־באַנדאַזשן די פאַרוואונדעטע זעל — ווערט אָפט ביי נ. י. גאָטליב איבערגעבראָכן מיט אומעטיקע טענער. באַלד נאָך די לידער פון טרייסט און נאַטור־אַנטרינונג — קומען די צאַרטע לידער פון פאַרגיין. דאָס איז אַ טאָן ביי מערסטע דיכטער. דאָס איז אַ טאָן אין לעבן זעלבסט. אין ליבע. פריער קומט דער עקסטאַז. דאָס לוסטיקע געפיל. מענטש קוקט אַריין מיט זיין איידעלן אויג אין די פּאַנאָראַמעס און פרייט זיך — זעענדיק ווי דאָס גאָלד פליסט און שטראָמט. ווי די זון איז עקסטראַוואַגאַנט און רייסט אָפּ שטיקער בערג מיט גאָלד פון זיך און וואַרפט עס צו די פּלאַ־נעטן. מענטש, ספּעציעל דער קראַנקער, דער איידעלער, דער דעליקאַטער — איז מער סענסיטיוו צו די שיינקייטן פון דער נאַטור. ווער קען אַזוי שעצן די בלומען און די פלאַנצן, ווי דער, וואָס קוקט אָפט אויף זיי דורך די קראַטן פון אַ שפּיטאָל... ווער פאַרשטייט אַזוי דעם זינען, געטלעכן צויבער פון אַ

פרילינג, וואָס עפנט זיך ווי אַ גוואַלטיק טעאַטער צו דער וועלט — צו דער דערוואַכנדער, ווייכער, ווייבלעכער ערד — ווי דער פּאָעט, וואָס הילט זיך איין אין דעם פרילינג, אין דעם זוניקן טאָג, און שוועבט אין אַ ליכט־וואָלקן צו גאָט זעלבסט, צו די פאַרגאַנגענע דורות, באַרירט מיט זיין טיפן, גרויסן געפיל — די טויטע אין די קברים אפילו, לאָדט זיי איין אַרויסצוגיין פון דער ווייכער, פון אונטער שניי־צעשמאָלצענער ערד און זיך וואַרעמען די סקעלעטן אונטער דער זון...

נאָכן גרויסן טאָג קומען די ווייכע, פיינע שאָטנס פון דעמערונג... און אַזוי איז עס אויך מיטן פּאָעט. נאָכן עקסטאַז און ראַנדעווו מיט דער גאַנצער נאַטור — גייט אויף דאָס געפיל פון רעזיגנאַציע... דער האַרבסט טוט אָן זיין גאָלדענעם מאַנטל און איבער גאָר דער ערד גייט דורך דער טויט... נ. י. גאָטליב, זייענדיק זייער סענסיטיוו און פול מיט רעספּאָנס צו דער נאַטורס איידעלע ניואַנסן — זינגט דעריבער:

„ס'נאָגט מיך היינט אַ גאַנצן טאָג אַ געלער טרויער.
גאָלד פון אַסיען אין די אויגן מידער שפּילט.
ווי פאַרשמאַכטע, מידע בינען אין מיין אויער
זשומען ווערטער פון קהלת — האַרבסטיק־קיל.

מידע ווערטער, ווי דער שאַרך פון לעצטע בלעטער
אין אַ שטילן תשרי־טאָג אַזאַ, ווי היינט,
ווען דער ווינט אין פעלד אין הוילן קאַלטער גלעט שוין,
און די זון אין בלוי אין בלייכן בלאַסער שיינט.

ליבע מיינע! מיידל־פרוי, מיט לייב מיט דינעם!
ס'נאָגט מיך היינט דער געלער וואָרם פון פאַרגיין.
נעם פאַרוויג מיך, שלעפער איין מיין האַרץ און זינען
מיט דיין יונגן, מיט דיין צאַרטן פלייש אוןביין.

מערקט די איידעלע טענער פון דעם ליד. עס איז איינע פון די בעסטע אין דעם בוך — ווייל עס גנבעט זיך נישט אַריין דערין קיין איין פאַלשער טאָן. דער דיכטער — אין מאָמענט פון דערפילן דאָס פאַרגיין — פון נאַטור און מענטש — ווענדט זיך צו דער פרוי, וואָס ער וויל אין איר דערוועקן די ראָמאַנטישע ליבע, די דערינערונג ווען זי איז געווען נישט די „פרוי" — נאָר דאָס „מיידל". די „געליבטע"... און — ווי אין קהלת, ווי אין שיר־השירים, ווי אין די „רובאיאט" — זוכט דער פּאָעט די פרוי, כדי צו פאַרוויגן דעם שמערץ... הגם אויך די פרוי איז — דעמער, בלייך־בלויער דעמער... אויך די פרוי איז ווי בלום וואָס גוססט, וואָס שטאַרבט אין דינע מאָמענטן... אין קורץ־אָטעמדיקע מינוטן...

אַז נ. י. גאָטליב איז אַן אמתער דיכטער — דערציילט יעדעם ליד. שוין דער פאַקט אַליין וואָס „עס רעדט צו מיר דער האַרבסט מיט ווערטער צאַרטע, באַרואיק זיך מיין פריינט, מיין טרויעריקער פריינט" — באַווייזט

אז נ. י. גאַטליב איז אינטים פאַרבונדן מיט דער נאַטור און ביידע רעדן אויף דער שפּראַך וואָס איז ביידן אייגן — די דיכטונג.

רירנד, זייער רירנד איז דאָס ציקל לידער צו נ. י. גאַטליבס ברודער — אַ העלד פון שפּאַנישן בירגער־קריג. דער דיכטער געדענקט אים אַלס קינד, אַלס קליין ייִנגל. דאָס שטורעמדיקע בלוט האָט שוין אין אים פרי גע־פלאַמט.

„צו זעכצן יאָר האָסט שוין געשטורעמט
פון אַלטן לעבן די באַסטיל".
און שוין פריערהייט — נאָך אַ מאַרש אין ערשטן מאַי איבער
די גאַסן —

„באַטאַפּט האָט מאַמע רויע וווּנדן, דאָס ליב געזיכט, אין בלוט צעשמירט און אַ פאַרווייִנטע, זיך געוווּנדערט: ווי קומט אַ קינד אַזאַ צו איר?"

און שפּעטער — ווען נ. י. גאַטליב, זיין ברודער, לייענט דעם קעמ־פערס בריוו פון שפּאַניען — זאָגט ער שטילאַז:

„דערציילסט פון שלאַכטן און פון פראָנט,
ביסט שוין געווען צוויי מאָל פאַרוווּנדעט,
נאָר טויטן דיך האָט ניט געקענט
ניט פראַנקאָס קויל, ניט קעלט, ניט הונגער."

וואָס שייך סאָציאַלע לידער — איז עס אַ שווערע זאַך צו דיכטן דאָס שטאַרקע ליד אין אַ צייט ווען די געשעענישן זענען ווילד און אַפּאָקאַליפּ־טיש. ווען אַ כוואַליע בלוט פאַרפלייצט די גאַנצע ערד. אפילו ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" — וואָס דערציילט וועגן פּעדערן, וואָס פליען פון צערי־סענע קישנס — וואָלט געווען בלייך אין פאַרגלייך צו די ביטערע געשעע־נישן פון אונזער צייט. בלויז אַזעלכע מייסטער ווי גאָיאַ און דאָמיעי — צו אילוסטרירן אַ ביישפּיל פון דער מאָלעריי — וואָלטן אומשטאַנד געווען צו שילדערן די קינסטלערישע רעפלעקציע פון אונזער גרויזאַמער, בלוטיקער ווירקלעכקייט.

נ. י. גאַטליבס לידער ליידן אין אַלגעמיין פון אַ געוויסער שטייפקייט, האַרטקייט פון פערז. זיין ליד איז טעכניש גוט געבויעט. נאָר דאָס ליד פון האַרצן — און נ. י. גאַטליבס לידער קומען פון סאַמע האַרצנסבלוט — דאַרף זיין געבראָכן. דאַרף האָבן ניואַנסן, האַלב־טענער. נ. י. גאַטליבס פערז איז צופיל אויסגעשמידט, ווי אַ בלאַנקע קלינג פון אַ שווערד. עס פאַ־דערט זיך אָבער אין דיכטונג — ווי אין קונסט בכלל — די געבראָכענע ליניע, דער האַלב־טאָן.

— נ. י. גאַטליבס פערז דאַרף נישט זיין צו האַרט, צו גראַדליניק, צו דינאַמיש. ער דאַרף זיין ווי די „בערג פאַרנעפּלט־בלויע, געהילט אין קרענקלעכער, אין אויסגעבלייכטער זון"...

צום סוף — לאָמיר באַגריסן נ. י. גאַטליבן צו זיין נייעם לידער־בוך און אים ווינטשן אַ סך יאָרן פון געזונט און שעפערישקייט. און אַז די וויזיע

פון זיין לעצטן ליד אינם בוך — ווו ער מאָלט די לעצטע שלאַכט און דעם נצחון פון דער פרייער מענטשהייט — וועט מקוים ווערן...

„און אין זעניט
די זון, אַ גרויסע, —
צעפלאַמט, צעגליט,
ווי אין בראשית.
און טאָג מיט בלענד
פון זון — באַבלענדיקט,
אַ טאָג אָן ענד,
אַ טאָג פון שטענדיק.
עס וועט די זון
שוין בלייבן הענגען
אין הימל־רונד
און — ניט פאַרגיין מער!"

„די שטימע",
מעקסיקאָ.

## דניאל טשאַרני באַגריסט נ. י. גאָטליבן

מיין טייערער נח יצחק:

ליענענדיק אייער בוך „חלוצים", איז אויפגעשטאַנען פאַר מיר תחית המתים גאַנץ ליטע מיט אַלע אירע שטעטלעך, אָנגעהויבן פון בירזש און טעלז ביז זשאַגער, קראָקינאָווע און אַזוי ווייטער און ווייטער. האָב איך מיטגעטאַנצט מיט אייער תחיה'ן און מיטגעזונגען מיט אייער מינעלע ראַנדער, כאָטש איך בין, ווי איר ווייסט, אַ שוואַכער טענצער און נאָך אַ שוואַכערער זינגער.

איך בין אָבער אַ „חלוץ" פון דער יידישער ליטעראַטור און דעריבער איז פאַר מיר יעטווידער נייער בוך פון אַ פריינט און קאָלעגע אַ זייער אָנגעלייגטער גאַסט און איר פריי זיך מיט אים, ווי עס וואָלט געווען מיינס אַן אייגנס.

פרייט מיך זייער, וואָס דער יידישער ישוב אין מאָנטרעאָל גיט אייך די גוטע מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אייערע ווערק, וועלכע שטעלן זיך אויס, ליידער־ליידער, ווי מצבות איבער אַלע שליאַכן און טראַקטן פון אונזער חרוב געוואָרענעם ליטע־לאַנד.

דאַרפן מיר זיין צופרידן, לכל הפּחות, מיט דעם, וואָס אַ היפּשער טייל פון אייערע חלוצים האָבן זיך באַצייטנס געראַטעוועט קיין ארץ ישראל און וואָס דער באַזינגער זייערער — נח יצחק גאָטליב — האָט זיך באַצייטנס אָפּגע־טראָגן קיין „ירושלים ד'קאַנאַדע", ווו איר געפינט אייער תיקון.

על כן, פאַרבלייבט געזונטער און מונטער אינייגעם מיט אייער פרוי און איך ווינטש אייך אַ דערפאָלגרייכן אָונט, וועלכן איר האָט כשר פאַרדינט.

אייער דניאל טשאַרני.

„קענעדער אדלער", מאָנטרעאָל,
„דער וועג", מעקסיקאָ סיטי,
1948.

אײַדע מאַזע

# נ. י. גאָטליבס „ליטע מײַן הײמלאַנד“

קען זײַן, אַז דער שטאַרקער פאַרלאַנג צוריקצופאַנגען דאָס פאַרגאַנגענע און װעלן עס בײַ זיך אין דמיון צוריקבויען: גיט דעם קינסטלער די כוחות צו קענען אַנגײן מיט זײַן לעבן און שאַפן אַפילו דאַן, װען זײַן גאַנצער אַרום איז שוין אַ צעשטערטער און חרובער. ער בויט זיך אויף אַ טורעם פון דעם געװעזענעם, װאוהין ער זאָל קענען אַנטלויפן און זיך אָפּשליסן פון דער װיסטער װאָר און דאָרט זײַן פאַרװוּנדעטע האַרץ אַנװאַרעמען. אויף דעם, פאַרשטײט זיך, פאַדערט זיך אַ גרויסע גײַסטיקע אָנשטרענגונג. מען דאַרף האָבן אַ באַזונדערן כוח צו קענען סובלימירן די שװערע איבערלעבונגען און װוּנדן פון אײגענעם גוף און זעל ביז צו פאָרמולירן עס אין קונסט־פאָרם, צו מאַכן עס מאָנומענטאַל פאַר קומענדיקע דורות. אַזױ אַז דעם מענטשנס מעשים זאָלן ניט פאַרגעסן װערן, — דאָס גרױזאַמע אַזױ װי דאָס גוטע. מיט דעם לאָזט זיך אפשר פאַרענטפערן פון װאַנען עס נעמט זיך דער כוח בײַ אַ מענטשן אין אונזער איצטיקער צײַט אַז דער געדאַנק זאָל אים נאָך דינען צו קענען אָפּהיטן דאָס בעסערע װאָרט און אים שמידן אין בעסערן פערזן און ליד, װי דער דיכטער נ. י. גאָטליב האָט עס באַװיזן צו טאָן אין זײַן נאָרװאָס דערשינענעם בוך „ליטע מײַן הײמלאַנד“, אַ בוך, געהײליקט זײַנע טײַערסטע און נאָענטסטע, װאָס זענען אַלע אומגעקומען אין איצטיקן װעלט־פײַער. דאָס בוך איז אַ געזעגענונגס־בוך. דער דיכטער געזעגנט זיך דאָ ניט נאָר מיט זײַן משפּחה, נאָר מיט יעדער שטאָט און שטעטל פון זײַן אומגעקומענער הײם, מיט יעדן שטעג און װעג, װו זײַן פוס האָט געטראָטן — פון זײַן קינדהײט אָן, דורך זײַן יוגנט, און ביז זײַן פאַרלאָזן די הײם, װו יעדער שטײן פון ברוק איז אים געװעזן אײגן און איצט איז עס אויף אײביק אָפּגעװישט געװאָרן. פרוּװט ער איצט, דורך זײַן װײטיק און גרויסער בענקשאַפט, צוריקבויען עס דורך װאָרט און פערז. װי אונזערע אַמאָליקע גרויסע דיכטער האָבן באַזונגען און באַװײנט די שטאָט ירושלים, אַזױ באַװײנט נ. י. גאָטליב זײַן הײמשטאָט קאָװנע — די קרוינשטאָט פון ליטע:

מיט שטילע טײַכן שפּרײטסטו זיך באַרינגלט,  
מיט בערג מיט גרינע שטרעקסטו זיך באַקראַנצט:  
אין פריער יוגנט, אַ פאַרטרוימטער ייִנגל,  
האָט שוין דײַן שײנקײט אין מײַן אויג געגלאַנצט.

דער שלאָס דער אַלטער — טונקעלע רואינען,  
מיט װוּנדער־מעשׂיות ליכטיקע באַהעלט, —  
ער האָט מיט נײַגער אָנגעשפּאַנט מײַן זינען,  
ער האָט מיט חידוש אָנגעפילט מײַן זעל.

ניט נאָר פאַרן יונגן דיכטער אַלײן איז די שײנע ליטװיש־ייִדישע שטאָט געװען פול מיט װוּנדער־מעשׂיות, נאָר פאַר אַ סך ייִדישע גרויסע געלערנטע,

דענקער און טרוימער. און פאַר דעם יונגן נייגעריקן דיכטער האָט יעדער ווינקל און יעדער בוים געהאַט אַ באַזונדערן באַדייט, אַ באַזונדערן סוד אים צו דערציילן:

אויף וואַסילוווקע די פּאַרקלערטע בוימער
אַ סוד אַ בלויעם האָבן מיר פאַרטרויט:
עס האָט דאָ מאַפּו, דער סלאָבאָדקער טרוימער,
זיין „אהבת ציון״ זוניק אויסגעטרוימט.

זייענדיק אַ קינד פון אַ פרומער שטוב, די מאַמע — אַן איידעלע יידישע צנועה, דער טאַטע אַ ראש ישיבה, וואָס האָט געלעבט מער אויף תעניתים און לערנען און געוואוסט מער פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויפן הימל ווי אויף דער ערד, ווי דער דיכטער זאָגט:

מיין קוואַל מיין אייגן — צניעותדיקער דלות:
מיין היים מיין ענגע אויף דער יאַטקע־גאַס;
די מאַנטיקס, מיטוואָכס, מאַגער, איינגעפאַלן,
דער שבת אָבער, אַ מאַגנאַט אַ גאַסט.

איז קיין חידוש ניט, אַז זיין קינדהייט זאָל זיין פאַרבונדן מיט אַלץ, וואָס איז פרום, שיין און סודותדיק: מיטן חסידים־שטיבל און דעם באַרג דעם גרינעם (פון זיין קינדהייט — „העלע עדות צוויי״); נאָכדעם — די סלאָבאָדקער ישיבה און דאָס שטעטל:

פון ווייטער קינדהייט וויינט אין מיר דיין טרויער,
פון ווייטער קינדהייט זינגט אין מיר דיין פרייד . . .

דאָרט האָט דער דיכטער זיין יונג האַרץ פאַרבונדן מיט די צעשאַלטע קלאַנגען פון די לערנער, און פונעם ווילִיע־טייך, און פונעם שיינעם ניעמאַן, וואָס פליסט פאַרביי זיין באַליבט היימשטאָט:

פון אַלע טייכן, וואָס איך האָב געקענט,
אין מיין זכרון שטראַמסטו, ניעמאַן, העלער,
צופוסנס הויכע, שטיינערדיקע ווענט
אין היימשטאָט מיינער זינגען דיינע כוואַליעס.

די ווענגן פון נ. י. גאָטליב זענען אַלעמאָל געווען פאַרבענקטע. נאָך אין ערשטן וועלטקריג, ווען ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין היים אין דער ווייטער קאַלטער פרעמדע, האָט ער שוין געפילט, אַז זיין היים וועט שוין מער פאַר אים ניט זיין די גוטע און וואַרעמע, מיט טאַטע־מאַמע־באַשיצונג, וואָס עס פילט אַ קינד, ווען ער קערט זיך צו איד צוריק פון ווייטע וואַגלעניש. דאָך האָט ער נאָך געהאָפט, אַז זיין לאַנד „וועט אין דער צוקונפט יושרדיקער שיינען״. נאָכן ערשטן וועלטקריג האָט מען נאָך געקענט אַזוי האָפן. דאַן האָט נאָך דער דיכטער געקענט זאָגן:

ס'האָט אין מיין זינען דיין געשטאַלט באַגלייט מיך,
און מיטגעפאָרן אין מיין האַרץ — דיין ערד.

אבער פון דאַן אַז איז געשען אַזעלכעס, אַז צו דעם דיכטערס היים, אַז צו דער גאַנצער וועלט, וואָס אַנשטאָט עס זאָלן אים קענען באַגלייטן וועלכע עס איז האָפענונגען, איז אים פול איצט זיין האַרץ מיט איוב־קלאָגן, און ווי איוב זאָגט ער איצט:

און כ'פרעג זיך כסדר: פאַרוואָס אַזאַ צאָרן?
פאַר וואָסערע שולדן אַ גזר אַזאַ קומט מיר?
אווו נאָר איך קער זיך, באַגלייטן מיך קברים,
אווו נאָר איך ווענד זיך — בית עולמשע שטומקייט.

אין אַלע לידער פון ערשטן טייל אין בוך רעדט זיך דורך דער דיכטער, דורך „בית עולמשער שטומקייט", מיט כמעט יעדן איינעם פון זיין פאַרשניטענער משפחה: מיטן יונגן, קעמפערישן ברודער אייזיק, וואָס איז צו זיבעצן יאָר אוועק פון דער היים און העלדיש דורכגעקעמפט דעם קריג אַקעגן פראַנקאָ אין שפּאַניע און איז נאָכדעם, אין יאָר 1943, געפאַלן ווי אַ קעמפער קעגן די נאַצים אויפן רוסישן פראָנט; און מיט זיין יונגען פאַרשטאָרבענעם ברודער, דעם באַגאַבטן דיכטער און עסייאיסט יעקב גאָטליב, וואָס איז געווען באַליבט ביי יעדן איינעם, וואָס האָט אים געקענט, סיי פון זיין שרייבן, סיי פערזענלעך, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דער צווייטער טייל פון בוך איז געווידמעט די יונגע חלוצים פון דער ליטע — דער שיינער געזונטער יוגנט פון מאַפּוס חלומות; די קבוצות, ווו דער דיכטער האָט מיטגעאַרבעט און, צוזאַמען מיט די יונגע מיידלעך און בחורים, געגרייט זיך צו אַ צוקונפט אין ארץ ישראל. דערפאַר זענען די לידער פון דאָזיקן טייל געשריבן אין אַ פריידיק־האָפערדיקן טאָן און זענען אַ קאָנטראַסט צום ערשטן טייל, ווו יעדעס ליד און פּאָעמע איז צאַרט און ליריש, אָבער אין דער זעלבער צייט ביז גאָר טרויעריק.

דער יזכור־בוך פון נ. י. גאָטליב איז זייער אַ טרויעריקער. עס איז ניט נאָר ז י י ן מצבה אויף דעם גרויסן חורבן — עס איז אונזער אַ ל ע מ ע נ ס מצבה.

„קענעדער אָדלער", 1946

ד"ר. א. מוקדוני

# נ. י. גאָטליבס „נייע לידער"

יעדער יידישער דיכטער שטייט אַ דערשראָקענער און אַ צעבראָכע־נער פאַר דער איצטיקער צייט און פאַרן גרויסן חורבן אונזערן. אַנדערע קענען פון דער אימה זיך ניט באַפרייען, און אַנדערע רייסן זיך אַרויס אויף אַ ווײַלע פון דער אימה און טוען אַ שמייכל צו די בלויע הימלען, צום פעלד און צום וואַלד.

נ. י. גאָטליב באַפרייט זיך דאָ און דאָרט פון דער אימה און פּרובירט זינגען אויף ליכטיקערע טעמעס. אָבער די אימה גייט אונז נאָך, די אימה ליגט ווי בליי אויף אונזער געמיט. קען ער נאָך מיט שטילער מעלאַנכאָליע אונז געבן אַ יולי־נאַכט:

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
פון ביימער, קוסטעס ציען שאָטנס — לאַנג, פאַרקלערט.
אין ווינט אין לינדן בלעטער זיך באַוועגן.
אין טוי אין קילן וויקלט זיך די זאַטע ערד.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
דער זוים פון מערב איז מיט שקיעה ראָז צעבליט.
דער אָוונט שווימט שוין פון די מזרח־בערגן.
די לופט איז פול מיט פייגלשן פאַרטרוימטן ליד.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
אַ וואַסערל פאַרשלאָפן מורמלט אין אַ טאָל.
אַ גריל אין גראָז, אַ מידע שוין, טוט זעגן.
אויף קעפּ פון בערג לעשט אוים די זון איר לעצטן גאָלד.

פאַרנאַכט אויף שטילע זומערדיקע וועגן.
פון סעדער, גאָרטנס ווייען ריחות — וואַניק־זים.
פון לאַנען, פעלדער פאַרן פולע וועגן
מיט רייפן היי, מיט קאָרן־זאַנגען — צייטיק־פריש.

יאָ, מה נאה אילן זה, אין אַ צייט פון אימה, אָבער אזוי איז דער מענטש און דער דיכטער, זיי קענען כסדר אין אימה ניט לעבן.

די איכהדיקע לידער נ. י. גאָטליבס זענען ניט נאָך שטאַרק, זייער מעלה איז, וואָס זיי זענען פּשוט, עס איז פּשוטער צער, אפשר אַביסל צו פּשוט פאַרן גרויסן צער אונזערן. אָבער מע דאַרף האָבן גיגאַנטישע דיכטע־רישע פליגעלען צו אויפהויבן אונזער שווערן און גרויסן צער. און ווער האָט ביי אונז אַזעלכע דיכטערישע פלייצעס?

אין זיין ליד, וואָס הייסט „אַ ניט־געשיקטער בריוו", איז דאָ דאָס פּשוטסטע און אין דער זעלבער צייט דאָס שטאַרקסטע, וואָס מע קאָן זאָגן. עס ליגט פאַר אים אַ קאַרטל פון זיין שוועסטער, אַ קאַרטל, ווי תמיד, פול

מיט פרומער צאַרטקייט — מען איז געזונט, און זאָל ער זיך ניט זאָרגן. מען האָפט צו גאָט, אַז דער מאָרגן וועט זיין בעסער. נאָך דער קאָרטל זענען גע־קומען ידיעות וועגן דעם נאַצישן היישעריק, וואָס האָט זיך אָראָפּגעלאָזן אויף דער יידישער וועלט, אויף דער שטילער, אָרעמער יידישער וועלט.

ווו זענען זיי, זיינע ליבסטע, זיין אַלטע מוטער, זי איז אַלט און קראַנק, ווי קען זי לויפן? און די קינדערלעך דער שוועסטערס, אַזעלכע ברעק־לעך, זיי וויינען מסתמא ערגעץ אויף זייער וואָגל . . . און וואָס איז געוואָרן מיט דער שטוב, מיט יעדן בעט, און וואָס איז מיטן טאַטנס ספרים? . . . צי וועל איך אייך נאָך זען?

דאָס אַלץ איז אַנגעשריבן אין אַ בריוו . . . אָבער וווהין זאָל ער דעם בריוו שיקן? בלייבט דער בריוו אַ ניט־געשיקטער מיטן דיכטער צוזאַמען אין דער פרעמד . . . עס איז ביז גאָר פשוט און דערפאַר ביז גאָר רירנד. עס איז ביז גאָר קליין און אפשר דערפאַר גרעסער ווי מע קען מיינען. אין קלייני־קייטן ליגט אָפּט באַהאַלטן די גרויסקייט . . .

דער דיכטער לעבט אין קאַנאַדע, אָבער ליטע איז זיין וועלט, ליטע איז זיין היים.

קאָוונע, קוידענאַוו און ליובאַוויטש. אין קאָוונע איז דער דיכטער געבאָרן געוואָרן, אין קוידענאַוו האָט זיך זיין האַרץ צעבליט און אין ליובאַ־וויטש האָט ער געשאַרפן דעם מוח אין דער דאָרטיקער ישיבה. אויך פשוט און אויך רירנד. עס איז היים, היים, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן פאַר־וויסט, גיט יעדער נאָמען בלויז אַ שלאָג אין קאָפּ ווי מיט אַ האַמער.

פון קאָוונע איז אים געבליבן אַ שטיק פרייד אין האַרצן — עס איז פינפטער יאָר, דאָס יאָר פון רעוואָלוציע . . . ער איז נאָך אַ עופל געווען און די פרייד האָט זיך אַריינגעשניטן אויף אייביק אין אים.

און אַזוי איינפאַך און אַזוי פשוט דערציילט דער דיכטער וועגן זיין לײדנשאַפט צו שרייבן לידער. עס איז ביז גאָר פשוט — איינער געפינט טרייסט אין קאָרטנשפּיל, אַ צווייטער אין ביטערן טראָפּן, און ער, דער דיכ־טער, געפינט זיין טרייסט אין שנירלען פערזן.

די שיינקייט פון נ. י. גאָטליבס לידער איז אין זייער פשטות און אין זייער אונמיטלבאַרקייט.

„מאָרגן־זשורנאַל",
ניו יאָרק, 1943.

## קינות אויף אונזער חורבן
(„ליטע מיין היימלאַנד" פון נ. י. גאָטליב)

קליין איז די צאָל פון די קדיש־זאָגער און פון די שבעה־זיצערס אויף די זעקס מיליאָן מאַרטירער. דאָס הייפעלע יידישע שרייבער איז דער קליי־נער קאָלעקטיווער מקונן, דער קאָלעקטיווער קדיש־זאָגער.

ניטאָ כמעט קיין יידישער שרייבער, ניטאָ קיין יידישער שרייבער אין

ביידע שפּראַכן, וואָס זאָל ניט וויינען און ברעכן די הענט אויף אונזער בראָך.

אפילו די אַסימילירטע, יידישע ענגליש־שרייבנדיקע אינטעליגענץ אין אַמעריקע איז שטאַרק צערודערט געוואָרן פון דעם גרויסן יידישן חורבן און זי קען ממש ניט קומען צו זיך.

דאָס פאָלק אָבער, די גרויסע מאַסע פון יידישע פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, קלאָגט ניט, וויינט ניט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער מלחמה־שפע מיט אַ וואָלפישן אַפּעטיט, זי האָט פולע קעשענעס מיט געלט, אַ פולן מויל מיט עסן, פולע שאַפעס מיט קליידער און מיט די בעסטע משקאות.

מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט די עשרה בטלנים, די צען בית־מדרשני־קעס, וואָס זאָלן כסדר דינען דעם רבונו של עולם, באַקלאָגן דעם מת, זאָגן תהילים אויף אַ מקשה־לילדת פאַרן געלט־מאַכער, וואָס האָט אַפּט קיין צייט ניט פאַר אַזעלכע זאַכן.

אין דעם איצטיקן גרויסן חורבן זענען מיר די עשרה בטלנים, וואָס וויינען, ברעכן מיט די הענט אויף אונזער גרויסן אומגליק. מיר זענען קדיש־זאָגער און שבעה־זיצערס.

די געלט־מאַכער זענען שטאַרק פאַרטאָן, עס איז אַ רעגן, עס איז אַ מבול פון דאָלאַרן, האָט ער קיין צייט ניט, דער געלט־מאַכער, ער איז שרעק־לעך „ביזי" . .

ער נעמט אַרויס פון גראָבן טייסטער אַ זשמעניע געלט און גיט פאַר אַלץ. געלט האָט ער, קען ער עס געבן און ער גיט, אָבער קיין האַרץ האָט ער ניט. דאָס האַרץ ליגט באַהאַלטן אונטער גראָבע פלאַסטערס, אונטער גראָבע שמאַלץ־פלאַסטן.

אין איטלעכס ביכל לידער, וואָס דערשיינט די לעצטע עטלעכע יאָר, אַ קינה. אַמאָל איז עס אַ געוויין בכלל, אַמאָל אַ נאַציאָנאַלער, און אַמאָל פון איין לאַנד, אָדער אַ לאָקאַלער.

אויפן שער־בלאַט פון נ. י. גאָטליבס „ליטע מיין היימלאַנד" איז דאָ אַ צעטל פון זיינע אייגענע, ליבלעכע קדושים, פון אַ מאַמע, אַ שוועסטער, איר מאַן און איר קינד, ברידער מיט זייערע פרויען און קינדער, אַ ברודער יעקב, אויך אַ דיכטער, און אַ ברודער אייזיק. איין קדיש איז געבליבן נאָך דער גרויסער פאַמיליע פון קדושים, און איין שבעה־זיצער אויף אַ פאַר־צווייגטער פאַמיליע, וואָס די דייטשישע מאַסן־מערדער האָבן אומגעבראַכט. נ. י. גאָטליב איז געבליבן דער איינער גאַנץ, געבליבן איין קדיש־זאָגער, איין שבעה־זיצער.

מיט וואָס קענען מיר טרייסטן דעם דיכטער נ. י. גאָטליב? לאָמיר אים ווינטשן גרויסן מוט און גלויבן אין נצח ישראל.

* * *

נ. י. גאָטליב האָט די טרערן אויף דעם טויט פון זיין גאַנצער פאַמי־ליע באַהאַלטן פאַר זיך. עס איז זיין ריין פערזענלעכער טרויער: ער טראָגט

אים ניט אַרויס אין גאַס דורך לידער. בלויז עטלעכע לידער זענען געווידמעט זיין גרויסן פּערזענלעכן צער.

ער וויינט אויף חורבן ליטע, אויפן חורבן פון דער יידישער ליטע, אויף זיין ליטע. און צו זיין יידישער ליטע געהערן אויך די ליטווישע הימ־לען, דער ניעמאַן, די שטעט פול מיט יידן, דער אָרעמער, אָבער רירנדער פּייזאַזש, דער חבר אברהם, דער בית־החלוץ, דער כיבוש, הכלל ליטע, זיין יידישע ליטע, ווו ער האָט דערזען די וועלט, ווו ער האָט געלערנט אין חדר, ווו ער איז געווען אַ חלוץ און ווו ער איז געוואָרן אַ דיכטער.

דאָס איז ליטע, וואָס קיינער, קיינער קען זי ביי אים ניט צונעמען. ער האָט זי מיטגענומען קיין קאַנאַדע, און ער האָט זי אין קאַנאַדע. זי איז ניט קיין קאָנקורענץ צו קאַנאַדע. ער האָט ליבביידע לענדער. און קיינער קען ניט זאָגן, אַז ליטע איז ניט זיינע און אַז קאַנאַדע, ווו ער לעבט איצט, איז ניט זיינע.

אין נ. י. גאָטליבס לידער האָט איר די יידישע ליטע, די גאַנצע יידי־שע ליטע. ער שטייט איבער דער חרובער ליטע און רעדט צו זיך מיט שטילע טרערן וועגן די טייערע ליבע ערטער, וועגן די קרומע אומעטיקע געסלעך, וואָס זענען אים אַזוי נאָענט און אַזוי ליב. וועגן די „גרינע דערפער, איינגע־הילט אין שטרוי, מיט זאַטע כאַטעס, שמעקנדע מיט בלינעס; מיט קלויס־טער־שפּיצן אינעם הימלבלוי, מיט פויערימלעך — גלויביקע ליטווינער". ער רעדט:

פון גרויע שטעטלעך, אָרעם ליטע־לאַנד,  
פון ליבע שטעטלעך, פולע מיט ליטוואַקעס,  
מיט ליטע־יידן — מיר אַזוי באַקאַנט,  
מיט מאַמע־לשון קאָרענעס, געשמאַקן.  
— — — — — — — — — — — — —  
די שמאָלע געסלעך און דער ברייטער מאַרק,  
די בתי־תפילה, פול מיט דאַוונער־קלאַנגען;  
דער בית־הקברות — וויטלעך, אויף אַ באַרג,  
מיט הייכע הייזן דופטנדיק באַהאַנגען.  
די גוטע טאַטעס, שטענדיק אינעם יאָך,  
די מילדע מאַמעס, קינדער, שניר און איידעמס;  
די האָוועדיקע טומלדיקע וואָך,  
דער רוענדיקער, שטילער שבת־קודש.  
די ימים טובים און די טרויער־טעג,  
די בריתן, תנאימס, חתונות, בר־מצווה'ס;  
דער גאָרער שטייגער, גאָר דער לעבן־וועג,  
וואָס האָט דאָרט, ליטע, טיף אין דיר פאַרקריצט זיך.

און די וויים־בלויע יוגנט, וואָס וויל דאָס אייגן לעבן איבערבויען און חלומט פון אַן אייגן העלן לאַנד. און יוגנט „לינקע", ברויזנדיק און רויט,

וואָס פּילן אַז די תּפיסות אין ליטע. און די פּאָלקיסטן, דער „בונד". און צום סוף:

און דו, מיין פרומע, אָרעם־שטילע היים,
און איר, די נאָנטסטע, טייערסטע און ליבסטע,
וואָס צוליב אייך איז יעדער שליאַך און פּליין
נאָך טייערער געוועזן מיר אין דער ליטע.

אַזעלכע פּשוטע, רירנדיקע שורות, וואָס וואָלטן געווען אמתע דיכ־טונג, ווען זיי וואָלטן זיך אפילו ניט געגראַמט און ניט געווען ריטמיש, ווייל אַ טיפערער גראַם און אַ טיפערער ריטם איז דאָ אין די פּשוטע האַרציקע ווערטער.

דאָס האַרץ האָט אירע גראַמען און איר ריטם. די גאַנצע יידיש־ליט־ווישע וועלט גייט פאַר דעם דיכטער דורך. עס איז זיין וועלט, און זי איז חרוב, גרוויזאַם חרוב, ווייל דער מענטש, וואָס באַלעבט אַלץ אַרום זיך, איז דערמאָרדעט געוואָרן.

עס איז דאָ אַ שטילער טאָן אין די לידער. דאָס זענען די שטילע רייד, ווען מען שטייט איבער אַ בר־מינן. עס איז דאָ אין די לידער דער שטילער, הייליק־מידער געוויין, וואָס מען הערט אין הויז פון אַ ליבן, נאָענטן מת. די יידישע טייערע און ליבע ליטע איז נ. י. גאָטליבס טייערער נאָענטער מת. דער דאָזיקער שטילער געוויין רייסט ממש דאָס האַרץ, ער רירט ביז די סאַמע טיפענישן. ער זאָגט ניט נאָך דעם בר־מינן קיין גרויסע שבחים, דער בר־מינן איז אים טייער ווי ער איז, ווייל ער איז זיינער, זיין אייגן בלוט און פלייש.

דאָ וואָלט אפשר דער געצירקלטער גראַם, דער שטרענגער ריטם ניט געווען אויפן ריכטיקן אָרט, זיי וואָלטן אַריינגעבראַכט פאַלשקייט, גע־קינסטלטקייט און טעאַטראַלן טרויער, וואָס קען מאַכן אַן איינדרוק, אָבער איז ניט עכט.

נ. י. גאָטליבס בוך לידער איז אַ קדיש אויף דער יידישער ליטע, אַ קדיש פון אַן אמתן יתום. ער זינגט ניט אויס דעם קדיש, ער זאָגט אים פון טיפן האַרצן. די יידישע ליטע איז ניט געשטאָרבן אַן אַ קדיש. און דער דיכטער נ. י. גאָטליב איז ניט דער איינציקער קדיש־זאָגער. די יידישע ליטע האָט אויף גאָר דער וועלט געלאָזן פרומע און גוטע קדשים. ליטע האָט צעשיקט אין אַלע עקן וועלט טייערע, גוטע און פרומע קינדער. און אומעטום, אין אַלע עקן וועלט, זאָגן די קדשים קדיש און זיצן שבעה. דאָ זעט איר ממש ווי קאָנקרעטער ווייטיק, קאָנקרעטער טרויער און קאָנקרעטער קדיש ווירקן שטאַרקער און טיפער ווי סתם קדיש־זאָגעריי און ווי סתם קריעה־רייס־סעריי. און דאָס איז ניט קיין נייעס. די לידער־כראָניקעס וועגן אונזערע אמאָליקע ליידן ווירקן טיפער און שטאַרקער ווי די געוויין־לידער פון אונ־זערע אַמאָליקע דיכטער.

„דער יידישער זשורנאַל"
ניו יאָרק, 1946.

י. עמיאט

## נ. י. גאָטליב

וויפל יאָרן גאָטליב איז שוין אין קאַנאַדע — און מיט זיין גאַנץ וועזן שטעקט ער אין דער היים, אין דער אַלטער היים, וועלכע ער באַזינגט מיט אַזאַ רירנדיקער פשטות און שיינקייט. ס'איז אַזוי פיל עכטע יידישקייט דאָ אין זיין „לאַנד זיין לידערשע", אַז ווען איך לייען דאָס בוך, שפּיגל איך זיך ווי אין אַ שפּיגל, און זע אין דעם די עכטע, ניט געפעלשטע יידישקייט פון מיין קינדהייט און יוגנט. היינריך היינע האָט זיך צעזונגען מיט הלל צו האַנס זאַקסן, פאַר זיין עכטער פאָלקסטימלעכקייט. די גאָטליבישע פשטות שטעקט אָן, און אויב עס הענגען ביי אים אַמאָל אויף די ווענט אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס, זענען עס די בילדער פון טאַטע־מאַמע. אַזעלכע בילדער נעמט מען ניט אַראָפּ און מען פאַרטויששט זיי ניט אפילו אויף אַן אָריגינאַל פון אַ רעמבראַנד. אַז מיר ווערן מיד פון ראַפינירטער מוזיק, הערן מיר מיט פאַרגעניגן אַ שיינעם, אַ האַרציקן ניגון, און אַזאַ ניגון איז דאָ אין אַזעלכע שורות, ווי:

> מיד לאָקט נאָך אַלץ די שטילקייט פון פאַרנאַכטן
>
> אויף זייטיקע, אויף פויערישע וועגן . . .

און אָט דער ניגון קוועלט אַרויס פון דאָס רוב לידער גאָטליבס, אַ שטילער אַזאַ, אַן איינגעהילטער, וואָס מען קען אים נאָר זינגען מיט צוגעלענטע וויעס.

י. ראַבינאָוויטש

## נ. י. גאָטליבס נייער בוך לידער

מען דאַרף פאַר די לעזער פון „קענעדער אדלער" ניט פאָרשטעלן נ. י. גאָטליבן. ער רעדט צו זיי זייער אָפט דורך זיינע דערציילונגען און אויך דורך רעצענזיעס איבער ביכער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ זעלטענער אָביעקטיוויטעט און אַן פּרעטענזיעס אויף שטרענגער מבינות־זאַגעריי. ער שרייבט וועגן ביכער ווי איינער, וואָס וויל אינפאָרמירן דעם לעזער וועגן אינהאַלט און פאָרם פון דעם געגעבענעם בוך אָן צו פאַררייסן זיך דערביי מיט דעם אָנשטעל פון אַ פּוסק אחרון, וואָס גיט אַרויס דעם „לעצטן אורטייל" וועגן דעם שרייבער און זיין טאַלאַנט. דאָס איז אַ זייער נוצלעכער אופן פון שרייבן וועגן ביכער אין אַ צייטונג.

דאָס איז גאָטליבס ליטעראַרישע „וואָד". זיין יום טוב פּראַוועט ער פאַר זיך, ביחידות, שרייבנדיק זיינע לירישע לידער. אַ ריי פון זיינע לידער־זאַמלונגען זענען שוין אַרויס, פריער אין זיין געבורטלאַנד ליטע, נאָכדעם דאָ אין קאַנאַדע. איצט איז אַרויס זיין נייסטער בוך לידער — „נייע לידער".

אין זיינע לידער דעקט זיך גאָטליב אַלעמאָל אויף ווי אַ האַרציקער ליריקער, וואָס זינגט אויס אין מעלאָדיש־קלינגענדיקע טענער אַלץ, וואָס ער

האט אויף זיין הארצן. אויך דאָ איז ער אַז פּרעטענציעס און זוכט ניט צו זיין טיפער ווי ער איז, אַדער אַנצוהאַלטן פּאַסאַן מיט געוויסע נייסטע מאָדעס אין דער פּאָעזיע, וואָס דינען דעם טאַלאַנטפולן מאָדערניסט אויף אַן אויס־געצייכנטן אופן, אָבער דינען גלייכצייטיק אויך דעם טאַלאַנטלאָזן מאָדיסט צו פאַרדעקן זיין גאָרניט זאַגנדיקייט מיט דער פּרעטענציע פון פּאָעטישער חכמת הנסתר, וואָס ניט יעדערער איז זוכה צו דערגרונטעווען איר טיפקייט. פאַראַן אַ גאַנץ באַשטימטע אָרנטלעכקייט אין גאַטליבס האַלטן זיך ביי דער פאָרם פון פּאָעטישער ׳נגלה״, ווו קיינזאַך קען זיך ניט באַהאַלטן אונטער דער פּרעטענזיע, אַז עס איז איבער דעם כוח התפיסה פון דעם דורכשניט־לעכן לייענער. דאָ איז אַלץ אָפן, קלאָר, ערטערווייז שוין צו אָפן און צו קלאָר. אָבער דאָס איז זיין וועג, און ער זינגט זיין אייגענעם ניגון מיט זיין אייגענער שטים, ניט זוכנדיק נאָכצומאַכן דעם ניגון און די שטים פון עמיצן אַנדערש.

זיין מעלאָדישער נוסח איז ניט אַזאַ, וואָס איז פול מיט האַלב־טענע־רישע מאָדולירונגען, נאָר איז צום גרעסטן טייל גאַנץ טענערדיק און אין מינאָרנעם גוסט. ס׳איז אַ נוסח, וואָס האַלט זיך ניט אָפּ פון זיין סענטי־מענטאַל, אָבער אויפריכטיק סענטימענטאַל, אַן געמאַכטער סענטימענטאַ־לעכץ.

אַ גרויסער טייל פון זיין איצטיקן בוך איז פאַרנומען מיט לידער, וואָס זינגען אויס דעם ווייטיק פון אונזער בלוטיקער צייט. דער ווייטיק איז אַ פּערזענלעך דורכגעלעבטער. ס׳איז ניט קיין סטיליזירטער קלאָג־געשריי, נאָר אַן אויפריכטיקער אויסגוס פון עלעגיעס אויף דעם בראַך פון דער וועלט און דער געזונקנקייט פון דעם מין מענטש. נאָך מער ווי דעם שרעקלעכן, בלוטיק־טראַגישן קאַשמאַר „דאָרט״, באַקלאָגט ער די רואיקע גלייכגילטיקייט דאָ. אַט איז ער אין דאָרף, ווו ער קומט זיך „ראַטעווען״ פון אייגענעם, פיזישן און גייסטיקן פּיין, אָבער דער טויזנטפאַכער פּיין פון דער וועלט לויפט אים נאָך, לאָזט אים ניט אָפּ. דאַך געפינט ער, אַז דער גרויסער מאַסע דורכשניט־מענטשן לויפט קיינזאַך ניט נאָך. נאָר א י ם גייט כסדר נאָך דער באַוווסטזיין, אַז —

עס ציען ווו מיט טריט מיט מידע פּליטים־וואָגלער —
מיט זעק אין הענט, מיט פּעק אויף אַקסלען, יונג און גרייז;
און איבער קעפּ מיט הייסן בליי אערצאָס האַגלען,
און אַלע וויל פּאַלט ווער אַוועק מיט אויג — פאַרגלייזט.

און קענען דעם — אַז אַנדער בילד:

פון שטעט, פון דערפער ציען זיך שאַסייען גלאַטע
און איבער זיי — געזאַנג פון אויטאָס אין געיעג,
און אין די אויטאָס מאַמעס, קינדער, זקנים זאַטע, —
מע פאָרט געניסן פון די שיינע גרינע בערג.
און פול עס זענען די האָטעלן מיט פאַרוויילער,
אין זון אין הייסער קערפּער נאַקעטער זיך הילט,
ביי קאָרטן־טישלעך פינקלען אויגן, שמייכלען מיילער,

צום טאַקט פון דזשאַז פאַרשייטע פאַרלעך טאַנצן ווילד.
און רונדאַרום זיך טיפן הימלען בלוי צעשפּרייטע,
און רונדאַרום זיך שטרעקן ערדן — העל באַזונט:
און יעדער בוים, און יעדער גראָז, און יעדער קווייטל —
פול פייגל־קלאַנג און גריל־געזעג און בין־געזשום.
און איך אַדאָ — איך דריי זיך אומעט אַ צעדולטער,
און איך אַדאָ — איך זע מיין היים אין פייער־קאָז,
און גריבער זע איך — מיט הרוגים אָנגעפּולטע,
און כ׳ווייס ניט מערער ווי צו לעבן, וואָס צו טאָן.

דאָס איז דער אויסגעשריי פון אונזער געוויסן, וואָס איז טעמפּ פאַר־שלאָפן ביי דער גרויסער מערהייט און קינסטלעך פאַרשלעפּערט אפילו ביים קליינעם מיעוט מער פיינפילנדיקע. גאַטליב איז איצט ניט דער איינציקער, וואָס „ווייס ניט ווי צו לעבן ווייטער, וואָס צו טאָן". און ווייל מע ווייסט ניט, גיט מען זיך איבער דער אינערציע פונם „לעבנס־טריב" און מען לאָזט עס גיין ווי עס גייט מיטן „פּיצעלע היינט". אָבער אַ געפיל פון שולד מאַטערט און פּייניקט. די אויפריכטיקסטע פון אונז וועלן ניט זאָגן, אַז גאַטליבס פאַרוואָרף איז געצילט צו יענעם און ניט צו מיר. די זינד פון טעמפּער גלייכ־גילטיקייט און מאָראַלישע געפאַלנקייט איז ניט בלויז ביים קאָרטנטיש אין די זומערדיקע האָטעלן: זי איז בעוונותינו הרבים אויסגעשפּרייט איבער אַלע אַנדערע עס־און שפּיל־טישן, מעג עס אפילו זיין ביי די טישן פון די אַלטע, אָדער נייע רביים, וו מ׳זוכט כלומרשט אַ תיקון פאַר דער וועלט, אָבער מע פאַרגעסט זוכן אַ תיקון פאַר זיך אַליין. גאַטליב אַליין ווייס עס. אין איינעם פון די לידער אין זיין נייעם בוך זינגט ער:

איינער אין קאָרטן אַ טרייסט זיך געפינט,
אַ צווייטער — אין ביטערן טראָפּן:
מיך האָט אין נעץ אין איר דינעם פאַרשפּינט
די תאוה צו ריטמישע סטראָפן.

אין תוך גענומען זענען מיר אַלע פאַרשפּינט אין עפּעס אַ נעץ און מיר זענען אַלע אייז בינטל, אָבער עס מוז זיך דאָך געפינען איינער, וואָס זאָל עס אונז זאָגן און וועקן אין אונז דעם שולד באַוווסטזיין: און היינט, ווי אַלע מאָל, איז עס דער דיכטער, דער מענטש פון שטאַרקער סענסיווי־טעט, וואָס נעמט אויף זיך אָט די עובדא.

ניט אַלע לידער אין בוך זענען פון זעלביקן געמיט און אויף דעם זעלביקן מאָטיוו, פאַראַן דאָרטן לידער, וואָס שטאַמען נאָך פון אַ רואיקער צייט און די זענען דווקא די גרעסטנסטע פון ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. אָבער וויכטיק איז גאַטליבס נייעם בוך לידער דווקא מיט די מאָטיוון, וואָס זענען פול מיט עטישן אויפברויז. די ריינע עסטעטיק איז איצט אַ זאַך, וואָס מעג וואַרטן אויף בעסערע צייטן.

„קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 1943.

מלך ראוויטש

# נ. י. גאָטליבס „מיין לאַנד מיין לידערשע“

דאָס בוך „מיין לאַנד מיין לידערשע“ פון נ. י. גאָטליב איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין מאָנטרעאַל, דאַטע 1958, פון אַ קאָמיטעט מיט דער מיט־הילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס. עס האָט 224 זייטן און איז דאָס צענ־טע בעלעטריסטישע בוך פון דעם דיכטער. חוץ די ביכער מיט לידער, פּאָע־מעס און אויך אַ ראָמאַן — האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַמאָל אַ זייער אינ־פאָרמאַטיוו בוך וועגן די יידישע שרייבער אין רוסלאַנד. בסך הכל זיינען עס בכן עלף ביכער. גאָטליב שרייבט אויך קליינע דערציילונגען אין צייטונגען און אויך אַ סך רעצענזיעס אויף ביכער. אָבער נישט די רעצענזיעס און נישט די קורצע דערציילונגען האָט ער ביז איצט געזאַמלט אין טאָמען. אַ פּרוכטבאַרער שרייבער. אַ גרינג פאַרשטענדלעכער. איך וואָלט אפילו גע־זאָגט אַ פּאָפּולערער שרייבער. און אויפן געביט פון דער דיכטונג איז עס אין די הייגטיקע קאָמפּליצירטע צייטן — נישט ווייניקער אויפן געביט פון פּאָעזיע, ווי אויפן געביט פון העכערער מאַטעמאַטיק און פיזיק — אַ זעלטנקייט.

איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז דער טיטל „מיין לאַנד מיין לידערשע“ איז שטאַרק געראָטן. „מיין לידערלאַנד“ וואָלט געקלונגען אַ סך פּשוטער און אויך „לידערשער“... אָבער אַ דיכטער האָט ליב אַנדערשדיקייט און אויך גאָטליב איז נישט פריי פון דעם. און ווי האָט עס אַמאָל אַ דיכטער געזאָגט, אַז מען האָט געהאַט טענות צו זיינס אַ ליד־טיטל: — אַ טיטל איז נישט מער ווי אַ היטל, דער עיקר איז דער קאָפּ.

נ. י. גאָטליבס נייער בוך איז איינגעטיילט שבלדיק אין זעקס ציק־לען, לאָגיש און דייטלעך. אָט זיינען די נעמען פון די זעקס ציקלען און נישט שווער זיך אָנצושטויסן וואָס זיי אַנטהאַלטן: קינדערשער באַגין, אין דער פרעמד, מיין לאַנד מיין לידערשע, אינצווייען, פון אונדזער היינט, פאַרנאַכט. גאָטליב איז נישט נאָר אַ גוטער און לאָגישער איינטיילער פון זיינע לידער, נייערט יעדעס ליד באַזונדער איז גאַנץ אין זיין פאָרם. נישטאָ ביי אים קיין פרייע און צעלאָזענע פערזן, נישטאָ קיין עקסטראַוואַגאַנטע פאָרמען, נישטאָ קיין פערזן אָן גראַמען, אָדער אַסאָנאַנסן, און אויפן געביט פון אַסאָנאַנסן — אָדער האַלב־גראַמען, בלויז לויט דעם וואָקאַל איז ער גאָר אַן אויפטוער. ער קולטיווירט דעם אַסאָנאַנס שוין זינט יאָרן. (למשל: ווינטער, צעגרינטן; אַ פויגל, רעגנבויגן: עבודה, חודש א. אַז. וו.) גאָטליב האָט אַן אויסגעהאַלטע־נעם ריטם — לרוב יאַמבן, אָדער טראָכעיען. און ריטם אין פּאָעזיע איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי די פּאָעזיע אַליין אין דער פּאָעזיע. נ. י. גאָטליב איז איינער פון אונדזערע אויסגעהאַלטענסטע פאָרם־קינסטלער פּאָעטן.

וואָסזשע איז זיין לייטמאָטיוו — און דער עיקר דער לייטמאָטיוו אין אינהאַלטלעכן זינען — פון זיין נייסטן בוך?

איך זאָג עס אָפנהאַרציק: דער לייטמאָטיוו אין גאָטליבס גאַנצן פאָר־עטישן שאַפן און גאַנץ באַזונדערס אין זיין נייסטן בוך איז שטאַרק איינטאָ־ניק. אָבער איינטאָניקייט האָט איר רעכט און באַרעכטיקונג אין דער פּאָעזיע. זי האָט איר אָרט. אַ פּאָעט דאַרף מען אויפנעמען אָט אַזוי ווי ער איז. מען דאַרף זוכן דאָס פּאָזיטיווע אין דעם, וואָס ער גיט אונדז און נישט זוכן דאָס נעגאַטיווע דורך דעם, וואָס ער גיט אונדז נישט, ווייל אַזוי און נישט אַנ־דערש איז זיין נאַטור. גאָטליבס לייטמאָטיוו איז נאָגנדיקע בענקשאַפט, קלאָגנדיקע אייביקע טענה — פאַר איינזאַמקייט און פאַר יאָרן וואָס האָבן אַ טבע זיך באַוועגן אין איין ריכטונג בלויז, און דווקא שנעל . . . און דאָס לעבן איז דאָך אַזוי שיין און אַ שאָד עס. און טענה פאַר נויט און פאַר קרענקען און פאַר דער פאַרלאָזנקייט אונטער וועלכער עס ליידט דער יידי־שער דיכטער אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. און טענה פאַר דעם רשעות פון דער וועלט בכלל און דעם רשעות צו יידן בפרט. פאַרהאַנען נאָך איין געביט אויף וועלכן דיכטער קלאָגן זיך און דאָס איז — ליבע. היינריך היינע האָט פיל הונדערטער לידער אָט דער קלאָג געווידמעט. אָבער גראָד אין דעם געביט זיינען גאָטליבס לידער די סאַמע הייטערסטע און מונטערסטע און יוגנטלעכע אפילו. שיינט טאַקע די זון איבער דעם ציקל לידער „אינצווייען" און עס רוישט דאָרט דער וואַלד און עס גרינען גראָזן און עס גאָלדיקט דאָס פעלד און עס שטראַלט די זון. אגב האָט גאָטליב אַ סך נאַטור־לידער, און דאָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, ווייל דער מאָטיוו איז לעצטנס זעלטענער גע־וואָרן ביי אונדז.

דיכטונג איז כמו אויטאָביאָגראַפיע אין ריטם און גראַם. ווער ווייסט עס נישט, וואָס האָט ווען עס איז כאָטש איין ליד געלייענט מיט אַן אָפענעם קאָפּ. אָבער אַ גרויסער טייל פון נ. י. גאָטליבס נייעם לידער־בוך איז אויטאָ־ביאָגראַפיע ממש. דאָרט ווערן חברים און משפחה־מיטגלידער אָנגערופן מיט זייערע אמתע נעמען און עס ווערן — ווי אין זכרונות — באַשריבן מענטשן און געשעענישן אָט אַזוי ווי זיי זיינען פאָרגעקומען. מיינע דאָזיקע ווערטער באַציען זיך אויף דעם ציקל פון עלף סאָנעטן אונטערן נאָמען „עלעגיע אויף מיין חרובער היים" אין דעם אָפּטייל „פון אונדזער היינט". אַזאַ אָפענע פשטות איז שוין — דאַכט זיך — אַ ביסל איבערגעטריבן. אַזאַ געפיל האָסטו ביים לייענען. אָבער אין סך הכל — און דער עיקר איז דאָך אין אַלץ דער סך הכל — האָסטו פאַר זיך אַ לידער־בילד פון אַ דורכגייסטיקטער יידי־שער היים אין דער אָרעמער, הייליק אָרעמער, ליטע. נישט וויניקער ווי זיבן ברידער און איין שוועסטער. און אַלע — באַזונדערע פּערזענלעכקייטן, אָבער אין גרונט ענלעכע כאַראַקטערן. דאַ האָסטו נישט בלויז אַ בילד פון אַ משפּחה, נייערט אויך אַ בילד פון דער גרויסער פאַרלענדונג — דעם דריטן חורבן, ווייל נח יצחק איז צווישן די אַלע ברידער זיבן און איין שוועסטער — אַליין אויף דער וועלט געבליבן. איינציקע פון די זיבן ברידער זיינען געווען שרייבער. באַזונדערס איז באַקאַנט געוועזן יעקב גאָטליב. אים איז געוויד־מעט דער ניינטער פון די עלף סאָנעטן פון דעם ציקל „עלעגיע אויף מיין

חרובער היים״. און לאָמיר אַט דעם סאָנעט טאַקע דאָ ציטירן אין גאַנצן און אין איין וועגס דערמאָנען נ. י. גאָטליבס געליבטן ברודער און אונדזער טייערן חבר ז״ל:

אַ, יאַנקעלע — פּאָעט און עסייאיסט!
געכאַוועט האָסטו אונדזער מאַמע־יידיש
אין ערלאַכע און האַרצעדיקע לידער,
אין שיינער פּראָזע — פּרילינגדיק און פריש.

געטרוימט האָסטו פון אונדזער אייגן לאַנד,
געריסן זיך פון ליטע־ערד פון גרויער:
נאָר אַנגעשטורעמט האָט דער קריג־שגעון —
אַריינגעשליידערט אין אַ ווייטן קאַנט.

אויף עלנטקייט, אויף הונגער־פּיין, אויף קרענקען
אויף צאַנקען יונג אין אויסוועגלאָזן בענקען,
אויף ווערן פרי — צו דרייסיק־פיר — פאַרמעקט.

פינף ביכער, ברודער, זיינען דיין ירושה,
אָפּט ווילט זיך מיר אַ יעדן בלעטל קושן —
דיין ליכטיקן, דיין הייליקן פאַרמעג — — — —

און ווידער — סך הכל. אַזאַ ציקל מוז מען לייענען אינגאַנצן. און אפשר אפילו לייענען מיט אַן איכה־ניגון — און דעמאָלט ערשט קומען צום פולן אַריינפילן זיך אין דעם אומעט פון אָט דער קינה אויפן חורבן פון אַ משפחה.

דאָס בוך איז בכלל פול מיט ציקלען לידער און סאָנעטן. באַזונדערס דערמאָנען ווילט זיך אַ ציקל — באַלד אין אָנהייב פון בוך — וואָס כמעט יעדער סאָנעט אין אים הייבט זיך טאַקע אָן מיט די ווערטער „ס׳דערמאָנט זיך״ . . . דער ציקל איז אַ מין לוח אין לידער־פאָרם. סאָנעטן וועגן שטייגער פון יידישע יום טוב־טעג.

דער ציקל בעט זיך ממש רעקאָמענדירט צו ווערן ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישע לערנביכער פאַר שולעס. מיר זיינען דאָ מיט אונדזער רעקאָמענדאַציע גאָר נישט אָריגינעל. שוין יעקב גלאַטשטיין האָט אין שייכות מיט אַן אַנדער בוך פון נ. י. גאָטליב אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זייער אַנווענדבאַרקייט אויף דעם פּעדאַגאָגישן געביט. גאָטליבס לשון איז גרינג און מעלאָדיש, עס איז אַ פול לשון, כאָטש נישט צו רייך, זיינע אינהאַלטן גרינג צו באַנעמען.

לרוב האַלט זיך גאָטליב שטענדיק אָן עטלעכע סוזשעטן: אַלטע היים־דערמאָנונגען, איינזאַמקייט־קלאָג, ליבע צו דער נאַטור, אָבער נישט נאַטור סתם, נאָר נאַטור ווי אַן עיר מקלט פון אַ פיינטלעכער וועלט . . . און נאָר איינמאָל האָט ער זיך אין דעם בוך „מיין היים, מיין לידערשע״ אַ הייב גע־

טאַן איבער זיין אייגענער טעמאַטיק און — אויב שוין, זאָל עס שוין זיין ווי עס געהער צו זיין — ער האָט אויפגעשריבן אַ פאַנטאַסטישע פּאָעמע „אַ נסיעה" און טאַקע ממש אַ נסיעה צו די שטערן. נישט נאָר איז אין דער פּאָעמע אַ הייטערער ריטם, נאָר אפילו הומאָר און אפילו אַ היפּשע קענטשאַפט אין פּאָפּולערער אַסטראָנאָמיע. אַ סיורפּריז.

פּעסימיזם איז אָבער פּאַרט — אין לעצטן סך הכל — דער גרונטטאָן פון גאָטליבס נייעם לידער־בוך. וועמעס יידישע לידער־בוך איז עס דען נישט אין די לעצטע דרייסיק יאָר? דאָך גאָטליב האָט דעם דאָזיקן גרונט־טאָן פאַרוואַנדלט אין אַ פּרינציפּ ממש — אַזוי דאַכט זיך עס אָפּט. און אויב שוין אַזוי — האָט ער טאַקע דאָס בוך פאַרענדיקט מיט אַ סאָנעט־נעקראָלאָג אויף זיך אַליין . . .

„איז אויך גאָטליב שוין נישטאָ — אַ שאָד, אַ שאָד,
שטיל־צעקוואַליקט אָפּגעפלאָסן אין זיין לעבן . . . "

דערמאָנען מיר דעם סאָנעט, וואָס איז אַ גוטער, כאָטש ער האָט דייטלעכע רעמיניסצענצן פון ביאַליקס אַן ענלעך ליד און פון שלום עליכמס אייגן עפּיטאַף.

אונדזער סוף־פּסוק: אַ רייף נ. י. גאָטליב־בוך. אפשר דאָס רייפסטע לידער בוך זיינס. אַ סך פון די לידער בעטן זיך צו ניגונים, פּונקט ווי אַנדערע — אין אַ לערן־קלאַס. ערשט אין ניגון־לבוש וועלן זיי קריגן זייער פולן תיקון. למשל אַזאַ ליד „פּאַראַן נאָך פרייד, פּאַראַן", זייט 97. און מזל וויל, אַז עס איז דווקא אַן אָפּטימיסטיש ליד. אפשר דאָס איינציקע אין בוך. אַן אומעטיק אָפּטימיסטיש ליד — אַזאַ מין נ. י. גאָטליב־אָפּטימיזם . . .

„צוקונפט"
סעפּטעמבער, 1958.

חוה ראָזנפאַרב

# נ. י. גאָטליב

(וועגן זיין בוך „מיין לאַנד מיין לידערשע״)

דער נאָמען פון גאָטליבס נייעם בוך פּאָעזיע איז: „מיין לאַנד מיין לידערשע״. אייגנטלעך איז עס דער נאָמען בלויז פון אַן אָפּטיילונג אינעם בוך, פון אַ גרופּע לידער. אָבער דער דיכטער האָט דעמדאָזיקן נאָמען אויסגעשפּרייט איבער אַלע זיינע לידער און דאָס גאַנצע בוך פאַרזאָרגט מיט דעם פּאָעטישן און שפּראַכלעך ריין ליטווישן נאָמען. מיר, אַ פּוילישער, וואָלט קיינמאָל ניט געקומען אויפן צונג אַזאַ נאָמען. אויב שוין יאָ, וואָלט איך געזאָגט: מיין לאַנד מיין לידערישס, אָדער מיין לידעריש לאַנד. און אַזוי, צי אַזוי, וואָלט עס ביי מיר קיין טעם און קיין ריח ניט געהאָט. אָבער „מיין לאַנד מיין לידערשע״, הגם אַזוי שווער פאַר מיין פּוילישער צונג, האָט פאַר מיר דווקא אַן עקזאָטישן חן און עס פּאַסט זיך זייער גוט צו דעם וועזן פון גאָטליבן און זיינע לידער.

וואָס באַדייט דער זאָג: „מיין לאַנד מיין לידערשע״? באַדייט עס מיט אַנדערע ווערטער: דאָס לאַנד פון מיינע געזאַנגען. דער גייסטיקער, דער געדאַנקלעכער און חלומדיקער קלימאַט, אין וועלכן דעם דיכטערס לידער האָבן זיך אויסגעאָטעמט, אויסגעזונגען און אויסגעגראַמט. אַז מען וויל קען מען ביי אַט דער דערקלערונג פאַרבלייבן און ניט פּרואוון אַריינטייטשן זיך ווייטער. דאָס דאָזיקע בוך גאָטליבס איז אָבער פאַר אים אַ ספּעציעל בוך און פון זיינע רייך צו מיר וועגן אים, הגם אַ פּאָר קאַרגע ווערטער, האָב איך אַרויסגעפילט, אַז דאָ האַנדלט זיך אין עפּעס, וואָס איז אַ סך מער ווי סתם בוך. און גלייך ווי איך האָב עס אָנגעהויבן לייענען — האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס.

דאָס איז אַ בוך אין גראַמען פון אַ לעבן. אַ לעבן פון אַ דיכטער. דאָס לאַנד דאָס לידערשע איז ביי אים ניט בלויז די ניט רעאַלע חלומות-וועלט זיינע, ניט בלויז די געדאַנקען-וועלט זיינע, ניט בלויז אַ סובלימירטער פּרוש צו דעם גאַנצן אַרום זיינעם, עס איז מער. דאָס לאַנד דאָס לידערשע איז זיין גאַנץ לעבן.

אַ לעבן פון אַ מענטשן איז אויסגעשפּרייט אין צייט, עס איז אַ טעפּיך, וואָס וועבט זיך און וויקלט זיך, וועבט זיך און וויקלט זיך שיכט אויף שיכט, וואָס יעדן מאָמענט זעט מען נאָר אַ שטיקלע פון אים און, גוט, צי שלעכט, געראָטן, צי ניט געראָטן, וועט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּשטעלן און קיינמאָל ניט צוריקוויקלען. בלויז אין אונדזער דמיון קענען מיר זען דעם טעפּיך אַ צעוויקלטן אין אַל זיין פאַרביקייט פון אָנהייב ביז דער געגנוואַרט.

דערדאָזיקער טעפּיך פון לעבן קען געגליכן ווערן צו אַ לאַנד. יעדער מענטשלעך לעבן איז אַ לאַנד מיט אַן אייגענעם קלימאַט, מיט הויכקייטן און טאָלן, מיט בונטער פּרוכפּערדיקער פאַרביקייט און מיט טונקעלער שאָטנדיקער פּיין.

דאָס לעבן פון דיכטער גאָטליב איז אין דעם בוך זיין לאַנד דאָס לידערשע. ווייל די לידער דאָ זיינען ניט בלויז לירישע איך־מאָטיוון, נאָר זיי זיינען בפירוש אויטאָביאָגראַפישע לאַנדשאַפטן.

ווי מיר זעען, האָט לכן דער נאָמען פון בוך אַ דאָפּלטע באַרעכטי־קונג. סיי ער נעמט אַרום גאָטליבס אינערלעך לעבן, סיי ער נעמט אַרום גאָט־ליבס פּאַקטיש לעבן אַלס בן אדם. און ווי ביי יעדן דיכטער איז ניט פאַראַן קיין גרענעץ צווישן דיביידע לעבנס, נאָר אַ כסדרדיק קנופּן זיך און בינדן זיך אַזוי, אַז טיילמאָל איז אוממעגלעך צו וויסן, ווען דאָס לעבן באַווירקט דאָס שאַפן און ווען דאָס שאַפן באַווירקט דאָס לעבן פונעם קינסטלער. ניט אומזיסט האָט געטע זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק אָנגערופן „דיכטונג און וואַרהייט". דאָס לעבן פון אַ קינסטלער איז דער זיווג צווישן דיכטונג און וואַרהייט.

אויב מיר רעדן שוין מיט געאָגראַפישע טערמינען און מיר האָבן אַ לאַנד אַ לידערשע, טאָ לאָמיר אָנהייבן אונדזערע רייד וועגן גאָטליבס לידער־לאַנד מיט דער „הויפּט שטאָט", מיט דעם ציקל לידער, וואָס רופט זיך מיטן נאָמען פונעם בוך. און אין דער „הויפּט־שטאָט" לאָמיר אַריין אין דער „הויפּט־גאַס". לאָמיר גיין צו דעם ליד, וואָס רופט זיך „מיין לאַנד מיין לי־דערשע":

מיין לאַנד מיין לידערשע — אַ שטילער שליאַך
אין גבול פון גרינע פּרילינגדיקע פּלווינען;
אַ הימלדיקער זויבער־בלויער דאַך
אויף ביימערישע אויפגעבליטע קרוינען.

מיין לאַנד מיין לידערשע — די זומער־זון,
וואָס וויגט איר גאָלד אויף דינע הענט פון גראָזן;
אַ טראָפּן טוי אין בעכער פון אַ בלום,
אַ וואַסערל, צעמורמלט בחיפזון.

מיין לאַנד מיין לידערשע — די שעה פאַרפרי,
ווען ראָזע וואָלקנס אינעם רוים זיך שיפן;
אַ פינקלדיקער מעטעאָר־געפלי
דורך אוונטיקע שטערנפולע טיפן.

מיין לאַנד מיין לידערשע — אַ גלעט פון ווינט,
אַ בין־געזשום, אַ פלאַפּל פון אַ בלעטל,
אַ פּרוים אַ בליק, אַ שמייכל פון אַ קינד,
אַ שפּור פון טריט אין שניי אין פריש צעבעטן.

דערציילט אונדז דאָס ליד וועגן דעם גאַנצן גאָטליב? אין דאַסדאָזיקע ליד באמת דער תמצית פון גאָטליבס גאַנצן שאַפן? אין אַ געווויסן זין יאָ. עס דערציילט אונדז און זייער פריי וועגן דעם דיכטערס פאַרליבטקייט אין

דער נאַטור, וואָס איז אַזוי בולט אין אַלעם, וואָס גאָטליב שאַפט. די דאָזיקע פאַרליבטקייט איז, דעם אמת געזאָגט, ניט אייביק קיין געזונטע. זי איז טיילמאָל אַ קלאַמערן זיך פון אַ האָפנונגסלאָזן אין עפּעס אַ טרייסט. זי איז טיילמאָל אַן אַנטרינונג פאַר דעם געיאָגטן, אַ פאַרגעסונג פאַר דעם צעווייטאָגטן פאָעט. די נאַטור איז פאַר אים טיילמאָל דאָס איינציק פאָזיטיווע אין לעבן, די איינציקע באַיאָונג פון אונדזער עקזיסטענץ. און נאָך עפּעס ווערט אונדז קלאָר פון דעם ליד. גאָטליב פילט זיך מיט דער נאַטור נענטער ווי מיט דעם מענטשן. ער זאָגט עס דאָ ניט אָפן, ווי ער זאָגט עס אין דעם ערשטן ליד פונעם ציקל: „מיטביימער וואו איז בעסער ווי מיט מענטשן, עס טוען ביימער קיינעם ניט קיין שלעכטס" . . . דאָ אין דעם ליד דרינגען מיר עס פון עפּעס אַנדערש. פון די זעכצן שורות, וואָס דאָס ליד פאַרמאָגט, ווידמעט ער נאָר צוויי דעם מענטשן: „אַ פרוים אַ בליק, אַ שמייכל פון אַ קינד, אַ שפור פון טריט אין שניי אין פריש צעבעטן. " . . . און פון וועמען רעדט ער, ווען ער רעדט פון מענטשן? רעדט ער פון דעם ניצוץ צאַרטקייט, וואָס עס איז פאַראַן אין אים, פון דער פרוים אַ בליק, פון שמייכל פון אַ קינד. דער מענטש בכלל איז פאַר אים בלויז „אַ שפור פון טריט אין שניי אין פריש צעבעטן . . . " אַ שפור איז רעטעניש, אַ שפור איז פראַגע־צייכן. אַ שפור שרעקט און לאָקט גלייכצייטיק. גאָטליב וויל פאַרשטיין דעם מענטשן, ער וויל אים אויסטייטשן צו גוטן. ער איילט אים אָבער ניט נאָך, ווייל ער שרעקט זיך פאַר אים. אים איז בעסער אַזוי. אין אַ שפור קען מען אַזוי פיל אַריינטייטשן און אַריינחלומען . . .

דאָסדאָזיקע ליד געפינט זיך כמעט אין סאַמע מיטן פונעם בוך און דער ציקל לידער מיטן זעלבן נאָמען געפינט זיך אויך אין מיטן פונעם בוך. ווייס איך ניט, צי גאָטליב האָט עס בכוונה אַזוי אויסגעפּלאַנט, צי ניט. הגם דאָס גאַנצע בוך קוקט אויס צו זיין אַ געפּלאַנטעס און פאַרמאָגט אַ געוויע אינהאַלטלעכע המשכדיקייט. אויב ער האָט אָבער דעמדאָזיקן ציקל ניט בכיון אַריינגעפּאַסט אין דער מיט פון בוך, האָט ער עס, לויט מיין מיינונג, געמוזט האָבן אין הינטערבאַוואוסטזיין. יעדער מענטש, אפילו דער טרוקנסטער בעל שכל האָט זיך זיין סימבאָליק, זיין באַהאַלטענע סיבה, פאַרוואָס ער טוט זאַכן אַזוי און ניט אַנדערש. אַ קינסטלער רעדט און גיט זיך אוים ניט נאָר מיט ווערטער און ריטמען און גראַמען: ער גיט זיך אויך אוים מיט טויזנטער אַנדערע קלייניקייטן. און דער סדר פון אויסשטעלן זיינס אַ בוך און דאָס אָפּקלייבן דעם נאָמען פאַר אַ ליד, פאַר אַ ציקל לידער, פאַר אַ גאַנצן בוך — דאָס זענען אופנים, דורך וועלכע ער לאָזט וויסן וועגן זיך און זיין באַציונג צו דעם, וואָס ער שאַפט. דאָס ליד וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט, איז גאָטליבס ד אָ ס  ל י ד . פשוט ווי עס איז, איז עס אַלץ, וואָס גאָטליב שטעלט מיט זיך פאָר אַלס דיכטער, אויב מיר זאָלן ניט אַריינרעכענען איין מאָמענט פון זיין שאַפן: דעם אויטאָביאָגראַפישן, וואָס אים באַרירט דער דיכטער אין דעם ליד לגמרי ניט. דאָ האָבן מיר דאָס זוכן שוץ ביי דער נאַ־

טור, דאָס פֿרייען זיך מיט פּרוילעכער און קינדישער צאַרטקייט, די שרעק און די נייגעריקייט צום מענטש בכלל. אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ ווי די־דאָזיקע שטריכן דערשיינען אין דעם ליד, דערשיינען זיי אין דעם גאַנצן ציקל און אין דעם בוך בכלל. אויב מיר זאָלן דאָ צוגעבן אויך דעם אויטאָביאָגראַפישן מאָמענט, האָבן מיר פֿאַר זיך געטליבן און זיין בוך.

און איצטער לאָמיר זיך אַביסל נענטער צוקוקן צו די אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן פֿונעם דיכטער און פּרוּוון פֿאַרשטיין דעם שייכות, וואָס זיי האָבן איינע מיט דער אַנדערער און פּרוּוון זען זייער אויסווירקונג אויף זיין לעבן און שעפֿערישקייט. און קודם כל די נאַטור.

ווי שוין געזאָגט, איז די נאַטור אַן אַנשפּאַר און אַ טרייסט פֿאַרן קינסטלער. די נאַטור פֿאַרמאָגט ביי אים אַ מין געטריישאַפֿט און ערלעכקייט. זי איז די איינציקע שיינקייט, וואָס לעבט אויף און באַנייט זיך, דער איינציקער וואונדער, וואָס קען דורך פֿאַרגאַנג קומען צו ווידערגעבורט. און פֿאַר אונדז צוקוקערס ברענגט איר יעדער פֿרילינג אַ טרייסט, אַז אויך מיר, אַלס טייל פֿון איר, גייען פֿונקט, ווי, זי, דורך פֿאַרגאַנג צו ווידערגעבורט. און דעראָ באַוואוסטזיין גיט דעם דיכטער אַ געפֿיל פֿון גליקזעליקייט, פֿון פֿרייד. אין ליד נאָך ליד דערציילט ער אונדז פֿון דערדאָזיקער דערהויבענער איבערלעבונג. „פֿאַראַן נאָך פֿרייד, פֿאַראַן — אין פֿייגלשע געזאַנגען”: „פֿאַראַן נאָך טרייסט, פֿאַראַן — אין שטילקייט פֿון פֿאַרנאַכטן”, „פֿאַראַן נאָך גליק, פֿאַראַן — אין בלאַנקען איבער וועגן” . . . מיר פֿילן ווי עפּעס אַ שווערע דריקנדיקע לאַסט וואָלט זיך אָראָפּגעקייקלט פֿון דיכטערס האַרצן מיטן מאָמענט, ווען ער טרעפֿט זיך צונויף מיט דער נאַטור. אין צענדליקער סטראָפֿעס באַשרייבט ער זיי: די וועגן, די פֿאַרנאַכטן, דיביימער, די ריחות, די זיסע דורכזיכטיקייט פֿון דער לופֿט. און פֿילנדיק דעם מחיה׳דיקן ווינט אין פּנים, דוכט זיך אים, אַז זיין נשמה איז אַליין, ווי אַ בלעטל פֿאַרהאַנגען אויף אַ צווייג, און זי וויגט זיך שפּילעוודיק צוזאַמען מיטן וואַלד, מיט די גראָזן. „הוידע, הוידע זיך, מיין יונגע פֿרייד, מיין העלע פֿרייד, מיין הייסע פֿרייד” . . . צוזאַמען מיט דער לאַסט פֿון זאָרגן פֿאַלט אַפּ פֿון אים די לאַסט פֿון יאָרן. ער איז יונג, ער איז יינגער, ער איז אַ קינד. די גרינע גרעזעלעך זענען ווי צאַרטע קינדערלעך אַקאַרשט פֿון טראַכט אַרויס, „עס זויגט זיי אַלעמען דאָס מוטערל — די ערד”. און אויך ער איז אַ גרעזעלע, און אויך זיין מוטערל איז זי, די אַלטע, זיכערע מאַמע־ערד. וויפֿל ליבשאַפֿט און וויפֿל קינדישע צוגעבונדנקייט אין דעם צערטל־וואָרט: „מוטערל־ערד”.

בכלל איז פֿאַראַן אין געטליבס באַציונג צו דער נאַטור אַ בענקשאַפֿט צו מוטערלעכקייט. ער פֿילט זיך פֿאַריתומט אין שטאָט. צו שוואַך אַנצוויאָגן דעם טעמפּאָ פֿון לעבן. צו מיד צו טראָגן די טעגלעכע לאַסטן און צו אַנדערש, צו צאַרט און צו נאַאיוו אויסצומישן זיך אין דעם מאַרק־געקאַכעריי פֿון גאַס. „אַדיע דיר, שטאָט, מיט דיינע מענטשן־היימען, איך איל צו פֿרייער פֿעלדערישער ברייט”. „איך איל פֿון דיר אַזוי ווי פֿון אַ תּפֿיסה, מיט לייב און

זעל — צעבראָכן און צעקלעמט"... און דער דיכטער פרעגט זיך אַליין, ווען ער איז אויפֿן שוים פֿון דער נאַטור: „פֿאַרוואָס איז עס אַזוי? פֿאַרוואָס ווערט גרינג מיר אַדאָ אין חיהשער, אין אוראַלט-ווילדער היים?" און ער פּרוּווט זיך ענטפֿערן: „און אפֿשר ווערט מיר לייכט אַזוי אין וואַלד דאָ, ווייל ס'איז מיר ווערגיק ענג אין שרייענדיקער שטאָט; און פֿון די רייד פֿון מענטש, די העפֿלעך-פֿאַלשע איז ליבער מיר די שטיל פֿון וועלדערישן גאָט?" ליגט ער אַזוי אינעם וואַלד אין איינער פֿון זיינע נאַטור-פֿאַעמעס און אַ דעמב מאַכט אים דעם פֿאָרשלאָג: „און אפֿשר וואָלסטו גאָר געבליבן דאָ?"... „גיי פֿון דאַנען מער שוין ניט אַרויס. בלייב מיט אונדז און — וועסט אַ בוים נאָך ווערן". און דעם דיכטער געפֿעלט דער פֿאָרשלאָג: „עס איז אַ פּלאַן, מיין גראָבער דעמב, מיין פֿעסטער"... עס איז אַ פּלאַן צו ווערן אַ בוים מיט זאַפֿטנפֿולע קנאָספּעדיקע צווייגן און מיט אַ ברייטער בלעטערישער קרוין. און דאָ האָבן מיר דעם ענטפֿער אויף גאַטליבס קלאַמערן זיך אין דער נאַטור.

אים אימפּאָנירט דער פֿעסטער, שטאַרקער דעמב, וואָס שטייט אַזוי זיכער און פֿהדלאָז מיטן קאָפּ קעגן אַלע ווינטן, ווייל ער, דער דיכטער, האָט ניט באַוויזן איינצוואָרצלען זיך אויף דעראָזיקער ערד אַלס מענטש. ער געהערט ניט צו דעם מין פֿון מענטשן-דעמבעס. ער געהערט ענדער צו די מענטשן-ווערבעס, וואָס לעבן אָפּ זייער לעבן ווייט פֿון די רוישיקע וועלדער-שטעט. איינגעהאָרכט אין זיין אייגענער נשמה, שפּיגלט ער זיך אין איר ווי אַ ווערבע שפּיגלט זיך אין פּנים פֿון שטילע וואַסערן.

פֿאַרגעסט גאַטליב, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ דעמב, ווען ער וואָלט געוועזן איינער פֿון וואַלד, וואָלט ער אפֿשר קיין דיכטער ניט געווען? איינס איז קלאָר. דער דיכטער צאָלט אַ טייערן פּרייז פֿאַר זיין אַנדערשקייט. צו שווער קומט אים אָן זיך צו ראַנגלען פֿאַרן לעבן, אַז ער זאָל קענען במנוחה געניסן פֿון זיין שעפֿערישער אייגנאַרט. אויסער דעם ציט אים צום ברודער מענטש. ער אַנטלויפֿט פֿון אים, ווייל ער שרעקט זיך פֿאַר אים, ווייל ער האָט פֿיינט זיינע מידות און פּירונגען. אָבער ער האָט ניט פֿיינט דעם מענטש גופֿא. און צו קענען לעבן מיט מענטשן אַזוי ווי זיי זיינען און אויסקומען מיט מענטשן, מוז מען טיילמאָל האָבן אַ דעמבענע גבורה.

אויסער דעם ציקל לידער „מיין לאַנד מיין לידערשע", טראָגן אַלע איבעריקע לידער אַן אויסגעשפּראָכן אויטאָביאָגראַפֿישן כאַראַקטער. די ערשטע גרופּע לידער, וואָס רופֿט זיך „קינדישער באַגין" און וואָס מיט איר הייבט גאַטליב אָן זיין בוך, איז אַ בינטל קינדער-יאָרן-דערמאָנונגען. יעדעס פֿון די קורצינקע לידלעך איז געווידמעט עפּעס אַ „ס'דערמאָנט זיך מיר..." די לידלעך זיינען פּשוט, פּרימיטיוו כמעט און די סצענעס פֿון זיין לעבן זיינען ענדער בלייכע בלייער-סקיצן ווי פֿולבלוטיקע בילדער. אַלע צוזאַמענגענומען גיבן זיי אַ דין געצייכנטע פּאַנאָראַמע פֿון אַ קינדהייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַסך קינדהייטן פֿון יענע יאָרן און גלייכצייטיק אייגנ-

אַרטיק. גאָטליב גיט ניט קיין שום קאָמענטאַרן צו זיינע דערינערונגען. ער צעשרייבט זיך ניט און צעזינגט זיך ניט וועגן זיי, ווי ער טוט עס אין זיינע לאַנגע נאַטור־לידער. איך האָב דעם איינדרוק, אַז דער דיכטער צוימט זיך דאָ בכיוון, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך צו פאַרלירן אינגאַנצן אין די זכרונות. זיי זיינען צו הייליק און צו פיינלעך. וואָס דערציילט אונדז גאָטליב וועגן זיך אַלס קינד? דערציילט ער וועגן די יומטובים אין דער היים און פאַרגעסט ניט ביי יעדן יום־טוב צו באַשרייבן די נאַטור, די צייט פון יאָר. ער דערציילט וועגן דער שטימונג אין שטוב, וועגן זיין ערשטער באַגעגעניש מיט דאָרף, וועגן זיינעם אַ שפּאַציר מיט דער מאַמען צום ניעמאַן. ער דער־ציילט וועגן זיין פאָטער, וואָס האָט פאַר אים געעפנט דעם סוד פון אלף־בית. איבער די אַלע לידער ליגט עפּעס אַ ווייכע שטילקייט. ווי זיי וואָלטן געפּליס־טערט געוואָרן אין אונדזער אויער אַריין. זיין שטוב און זיין גאַס, זיין שטאָט און די שטאָטישע חסידים, זיינע ברידער און שוועסטער זיינען פאַר אים לויטער שיין, לויטער רוחניות. „דאָ איז מיר גראַם, כאָטש קליין איז אונד־זער היים. דאָ איז מיר גוט, כאָטש קלייד און שוך געמיין. דאָ בין איך זאַט, כאָטש מאָגער איז דאָס עסן".

זיכער אידעאַליזירט גאָטליב זיין היים. זיכער האָבן זיך די שאָטנדי־קע זייטן פאַרווישט. ווייל מיר האָבן ליב צו טראָגן מיט זיך זיסע זכרונות און די ביטערע פאַרגעסן זיך לייכטער. און דאָך איז ביי אונדז קיין ספק ניט, אַז גאָטליב איז אויסגעוואַקסן אין אַ היים, וואו דער הונגער פון מויל האָט זיך לייכטער געלאָזן פאַרטראָגן אַ דאַנק דער זאַטקייט פון גייסט און נשמה. עס איז אויך ביי אונדז קיין ספק ניט, אַז דער שטילער, צאַרטער מענטש, דער פאַרליבטער אין דער נאַטור און דער זוכער פון שיינקייט האָט שוין געדרימלט אין יענעם קליינעם ייִנגעלע, וואָס איז געזעסן מיט זיין מאַ־מען ביים ניעמאַן „און ווי אברהם אין ווייטער חומש־נאַכט געציילט אין הימל די מיליאָנען שטערן". אָבער צו יונג און צו פרי האָט גאָטליב אָנגע־הויבן זיינע וואַנדער־וועגן. ניט גענוג האָט אים די היים געהאַט נאָך אויס־געוואָרעמט. ער האָט נאָך ניט געהאַט אין זיך דעם כוח פאַר דער פרעמד. און דאָ ליגט אפשר די סיבה פון זיין אומזיכערקייט אין שפּעטערדיקן לעבן. „די היים פאַרלאָז איך, אין דער פרעמד איך פאָר. אַ יידיש ייִנגל גלות מוז פאַרזוכן". און דאָס יידישע ייִנגל פון קאַרגע עלף יאָר הייבט אָן „אַריינצור־וויינען אין טויבע וועגט זיין עלנט. אַריינטרערן אין בלינדער נאַכט זיין פּיין". די פעאיקייט דעמדאָזיקן עלנט אויסצוגיסן אין ווערטער האָט זיכער אין די שפּעטערדיקע יאָרן געגעבן דעם וואָגלעד גאָטליבן כוח אָנצוגיין מיט זיין וואָגלעניש.

דער צווייטער ציקל פון זיינע לידער איז געווידמעט זיין יוגנט אין דער פרעמד. עס איז אַ כראָנאָלאָגישער המשך פון די פריערדיקע לידער און אויך אַ המשך אין דער פאָרם און אין אופן פון אָנוואַרפן די בילדער. אָבער די שטריכן זיינען דאָ שוין ניט אַזעלכע דינע. די בילדער זעען זיך בולטער.

צי איז עס דערפֿאַר, וואָס דער זכרון דינט דאָ דעם דיכטער בעסער, צי אפשר דערפֿאַר, וואָס דאָ האָט שוין דער דיכטער כוח צו טונקען זיין בלייער אויך אין פּיין און יסורים און דערמיט בולטער אַרויסברענגען סיי ליכט, סיי שאָטן, און במילא, אַ פֿולן בילד. „אַ דינער ייִנגל, מיט אַ פּנים בלאַס, איך שפּאַן אַרומעט איבער פֿרעמדע שטיבער. אַ זונטיק האָב איך אויף אַ רייכער גאַס, אַ דינסטיק עס איך אויף אַ גאַס צעגריבערט. אַ יעדן פֿרישטיק אין אַן אַנדער הויז, אַ יעדן מיטאָג — אַנדערע געריכטן. ביים אָרעמאַן די ענגעניש איז גרויס. ביים גביר אין שטוב געראַם איז, לופֿטיק, ליכטיק" . . . ער שלאָפֿט ביינאַכט אין דער פֿינצטערער ליידיקער שול. דעם קליינעם, איינזאַמען ייִנגל, דעם פֿאַרוויקלטן אין געדיכטן חושך, שרעקט און גרוילט דערדאַזיקער האַלב־וואַכער שלאָף. אים דוכט זיך, אַז אין שול דרייט זיך ווער אַרום אין ווייסן איינגעוויקלט . . . אָבער די דאָזיקע ביטערע טעג און פּחדפֿולע נעכט ווערן פֿאַרזיסט מיט דער פֿרייד פֿון לערנען. דער קליינער, עלף יאָריקער מתמידל פֿאַרגעסט פֿון אַלעם, ווען ער לאָזט זיך שווימען אין די לאַקנדיקע וואַסערן פֿון „תלמוד־ים". צו פֿערצן יאָר ווערט ער אַ לערער אין אַן אוקראַינער דערפֿל. „„איך לערן דאָ מיט קינדערלאַך מיט פֿיר, אַ טאָג אַ האַלבן און דער־נאָך שפּאַציר אין דאָרף, אין פֿעלד, — פֿאַרטאָן אין זען, אין הערן"...

און אָט קומט דאָס זיבעצנטע יאָר. רוסלאַנד ווערט באַפֿרייט פֿון צאַר און עס דוכט זיך אויס, אַז „פֿאַר גוי און ייִד בליט אויף אַ נייע וואָר". אָבער אויף אַ ווײַלע נאָר. דער האָניק־חודש פֿון דער רעוואָלוציע גייט גיך אַוועק און עס הייבן זיך אָן „ווייסע" שחיטות און „רויטע" עקזעקוציעס. „און איך — שרייבט ווייטער גאָטליב — איך טראָג זיך איבער הפקר וועגן. אַלץ ווייטער פֿון מיין שטילער היים. דורך קוילערייען אויף אַ יעדן פֿליין. דורך מערדעריי אין ישוב אין אַ יעדן". אָט איז ער אין טשערניגאָוו, אין קיעוו, אין אַדעס. אָט איז ער אין כערסאָן. אַן אַרבעטער שוין, אַ שילער און אַ פּאָעט. ווידער פֿאַרזוכט ער הונגער. ווערט קראַנק אויף טיפֿוס. אויף אַ קורצער צייט קומט ער צוריק אַהיים. אָבער די היים איז מער ניט די זעלבע ווי אַמאָל. און ווידער לאָזט ער זיך אין וועג אַריין. פֿריער וואַנדערט ער איבער ליטע און גלייך דערנאָך זעען מיר אים אין בערלינער קאַפֿייען, אויפֿן פּאַריזער מאָנפּאַרנאַס . . אָבער אויך דאָ קען ער קיין רו ניט געפֿינען. עס שמעקט שוין פֿאַר אים דאָ מיט פּאַרגיי, מיט גסיסה און ער גיט זיך איבער צום אַטלאַנטיק: „אַנטלאַנטיק, נעם מיך, פֿיר צו ווייטע ברעגן, וואו נאָך ניט הפקר איז אַ מענטשנס לעבן, וועל אפֿשר דאָרט פֿאַר זיך אַ היים געפֿינען".

און אָט איז ער אין קאַנאַדע. אין אַ גאַנצער רייע לידער מאָלט ער פֿאַר אונדז זיינע וואַנדער־וועגן איבער דער פֿרעמדער, אייזיקער מדינה. אַן אַלטע, עלנטע לבנה איז זיין איינציקע וועג־באַגלייטערין, און צו איר זינגט ער אויף זיין וואַנדער־וועג. ער איז שוין דערוואַקסן, סיי אַלס מענטש, סיי אַלס דיכטער. און ווי אַ באַווייז דערויף גילט זיין ליד „אין אַ נאַכט אין ווינטער:

אין אַ נאַכט פון ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואַגלט אום אַ פייטן.

זעקל אויפן אַקסל, אין דער האַנט אַ שטעקן;
שנייאיק ציען פעלדער, שנייאיק פירן וועגן.

ס'איז אַ שעה אַ שפּעטע, ס'איז אַ שעה אַ טיפע;
רו אויף הוילע ביימער הויכע הימלען טריפן.

זילבער פון לבנה איבער היגלען, טאָלן;
מענטשן שלאָפן לאַנגשוין, איינגעהילט אין חלום.

קינדער אין די וויגן, גרויסע אין די בעטן;
ס'וואַכן נאָר גנבים, זונות און — פּאַעטן.

אין אַ נאַכט אין ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואַגלט אום אַ פייטן.

בלאָזט אַ ווינט אַ קאַלטער, הוליעט אויף די שנייען —
שלעפּט ער זיך צעוואַקלט, וואַגלט ער פאַרווייעט.

בריט אַ פראָסט אַ שאַרפער, דרינגט אין אַלע גלידער —
שלעפּט ער זיך צעפראָרן, וואַנדערט ער אַ מידער.

טוט אַ באַן ווו פייפן, רעדערט ווו פאַרסאַפּעט —
ניט צו זען קיין שטיבל, ניט צו זען קיין שאָפּע.

ציען פעלדער טויבע, פירן וועגן שטומע —
ווייט איז איצט אַ מאַמע, ווייט — אַ היים אַ פרומע.

אין אַ נאַכט אין ווינטער, אין אַ לאַנד אַ ווייטן,
וואַנדערט אום אַ דיכטער, וואַגלט אום אַ פייטן.

גאָר פון אַן אַנדערן ביאָגראַפישן כאַראַקטער איז דער ציקל לידער „אינצווייען". דאָס זיינען אינטימע לויב־און־ליבע געזאַנגען, וואָס אַט זיינען זיי פול מיט פרייד און אַט — מיט טיף־דורכגעלעבטן ווייטיק. דער אַמאָל און היינט מישן זיך דאָ אויס אין בילדער און דערמאַנונגען. דער פריער לעבט דאָ אויף אין דעם שפּעטער און מאַכט דעם איצטער פול מיט אַ זיס־ביטערן באַדויער. דאַסדאָזיקע בינטל לידער איז, לויט מיין מיינונג, דאָס שענסטע, דאָס פּאָעטישסטע פונעם גאַנצן בוך. און גערעכט איז גאָטליב, ווען ער גיט אַ זאָג: „ווייסן זיי דען אַ די קרעמער אַט די גרויע, אַנען זיי דען, ווי ס'קען ליבן אַ פּאָעט". ווי ס'קען ליבן אַ פּאָעט ווייסט זיכער אַמ־בעסטן דעם פּאָעטס פרוי, צי געליבטע. אָבער אויך מיר, די לייענער פון זיינע ליבע־געזאַנגען, קענען אָפּפילן, ווי רייך, ווי שטאַרק דאָסדאָזיקע געפיל איז, מיט וואָס פאַראַ צויבערהאַפטן כוח עס צעעפנט דעם דיכטערס נשמה

און ברענגט אַרויס פון איר אַלע אוצרות פון פּאָעטס געפיל. אַלע ניואַנסן פון זיין שפּראַך. די ליבע גיט אים אַזאַ לייכטקייט אין באַנוצן זיך מיט אַלע שעפערישע מעגלעכקייטן, וואָס דרימלען אין זיין נשמה. אַ פרוי, צי אַ געליבטע פון אַ פּאָעט איז אוודאי ניט לייכט צו זיין. אָבער אַזאַ פרוי מוז האָבן דאָס וואונדערלעכע געפיל פון אויסדערוויילטקייט, פון זיין דער מקור אַליין פון דער דיכטונג, פון זיין די אינספּיראַציע אַליין פון געזאַנג. און דאָס איז פאַר אַ פרוי ניט קיין קלייניקייט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר גאַטליבן, וואָס זיין ליבע האָט אויפגעבליט אויף דעם שוים פון דער נאַטור און דורך אַלע די יאָרן געוועזן מיט איר פאַרוואַנדט און צונויפגעבונדן. די מערסטע פון זיינע דערמאָנונגען זיינען דאָרפישע, וואַלדיקע, פרילינגדיקע. זיין ליבשאַפט צו דער נאַטור האָט געוואַרט אויף דעם־אַ נייעם עלעמענט, כדי צו ווערן פולער און שלימותדיקער. פון איצט אָן איז די נאַטור ביי אים אויך מער ניט סטאַטיש. זי איז באַוועגלעך, פול מיט חיים און בעלי חיים . . .

אין דער אמתן געזאָגט, איז שווער צו רעדן וועגן ליבע־לידער. ליבע איז אַ טייל פון מענטשנס לעבן, וואָס האָט ליב אינטימיטעט. עס איז גרויסמוט און אַ מין אָפּפערוויליקייט מצד דעם דיכטער, וואָס ער עפנט אַזוי ברייט פאַר אונדז דאָס האַרץ און לאָזט אונדז אַזוי פריי אַריינקוקן אין די קדשי־קדשים פון געפיל. ער באַרייכערט אונדז אויף דעם אופן מיט זיין דערפאַרונג. ער דערהויבט אונדז און לאָזט אונדז זיך אידענטיפיצירן מיט אים. אָבער רעדן וועגן דעם סאָרט לידער איז טיילמאָל גאַנץ שווער.

דער נאָענטסטער ציקל פון גאָטליבס בוך רופט זיך „פון אונדזער היינט". דער דאָזיקער היינט הייבט זיך אָן ביי אים מיט אַן עלעגיע צום אַמאָל, צו דער חרובער היים. אין קעגנזאַץ צו די פריערדיקע קינדער־יאָרן־לידער איז אָט דאָס ליד באַריידעוודיק און רייך אין בילד. גאָטליב לאָזט פריי זיינע טרערן־קוואַלן. ער צוימט זיי ניט מער און דערפאַר פליסט אויך זיין שפּראַך פרייער. און ערשט איצט זעען מיר זיין מאַמען „מנוחה־יענטע איז געווען דיין נאָמען, צי האָסטו דאַרטן, אין די בלינדע תהומען, צו דער מנוחה, מאַמע מיין, דערגרייכט"? איצט זעען מיר ווידער דעם פּאָעטס פאָטער, דעם רב און ראש ישיבה, וואָס איז געווען די איינציקע בולטע געשטאַלט אויך אין די פריערדיקע לידער. מיר זעען זיינע שוועסטער און ברידער, און יעדן פון זיי ווידמעט ער אַ האַרציק טרערן־ליד. אַן אַדורכגענומענער מיט זיינעם און אונדזער אַלעמענס צער און בענקשאַפט, זאָגט ער זיך: „אַ זינד איז דיכטן היינט לבנהדיקע שורות, אַ זינד איז שרייבן היינט פון הימלדיקן בלוי; אַז הבל טרינקט זיך אַלץ אין טייכן פון יסורים, אַז קין מאָרדעט אַלץ אין היהשן געוואוי . . ." אין טעג אין איצטיקע — זאָגט גאָטליב — מען דאַרף אַ ליד אַ נייעם — „אַ ליד אַ דונערדיקס פון מעכטיקן ישעיה". פון דעם ישעיה, וואָס האָט אויסגעחלומט די וויזיע פון אייביקן שלום און מנוחה אויף דער וועלט. אין דעם ציקל לידער מאַכט דער דיכטער אַ שאַצונג פון זיינע

אויפטוען, פון זיין גאנג אין לעבן און ער פארגלייכט זיך מיט זיין טאטן: אַ האַרץ אַ' שווערס, ווי דיינס, מיין טאטע. אַ לייב, ווי דיינער, ליידן־זאט. פון שטאם דיינעם אַ צווייג אַ מאטע, מיט אסיען־געל אין יעדן בלאט. נאר דיך, מיין פאטער, האט אַ גלויבן אַ דורותדיקער העל באוואכט; פארטאג צו תפילה אויפגעהויבן, פארוויגט מיט ליוב אין טיפער נאכט. און איך, אַ שפראָץ פון דיינע דיכן, פון בוים דיינעם אַ צאַרטע צווייט — וואָס טו איך אויף דאָ מיט מיין דיכטונג? וואָס טו איך אויף דאָ מיט, מיין ליד?" אין דעם־אָ לידער־ציקל, וואָס רופט זיך אָפּ אויף אונדזער היינט, הערט גאטליב אויף צו זיין דער איד־דיכטער. עס איז ניט מיין היינט. עס איז אונדזער היינט. און אָט די לידער באַווייזן אונדז, אַז גאטליבן, הגם ער אַנטלויפט פון דער וועלט, גייט זי, די וועלט, אים שטאַרק אָן. דעם מענטש, וועמען ער האט אין תוך געגומען ליב, וויל ער זען אַ גליקלעכן. ער וויל מיט מעשים צוהעלפן צו דער איבערבויאונג פון דער וועלט. אָבער „וואָס נאָך קען טאָן אַ מענטש אַזאַ, ווי איך, אַ יידישער, אַן איבעריקער דיכטער? חוץ פרואוון וועקן מיט זיין צאַרט געדיכט אַ וועלט, געהילט אין פינצטערניש געדיכטער?"

און איצטער קומען מיר צו צום לעצטן בינטל לידער וואָס רופט זיך „פאַרנאַכט". אויב גאטליב פאַרמאָגט אומעטיקע לידער, זיינען דאָס די סאַמע אומעטיקסטע. עס פּאַסט זיך דאָ אפילו ניט דער טערמין אומעט. ווייל אומעט קען אַמאָל זיין אַן אַנגענעם געפיל. עס קאָן זיין אַ פאַרקלערטקייט, אַ שטיל־קייט פון דער נשמה . . . פאַרנאַכט פאַרט זיך מיט אומעט, ווען עס הויערט ניט איבער זיי ביידע די אימה פון נאַכט. גאטליב געניסט ניט פונעם פאַר־נאַכט. פון דער פאַרנאַכטיקער קלוגשאַפט און שטילקייט, פון זיין שיינער געמיטלעכער פאַרקלערטקייט. גאטליב פאַרביטערט זיך דעם פאַרנאַכט מיט שטיקער נאַכט, וואָס זיינען נאָך ערגעץ העט, העט . . . „עס פרייט מער ניט אין פויערישן דרויסן". עס לאָקט ניט מער די נאַטור. „אָ, אויגן מיינע, אָסיענדיק פאַרשפּינטע, איר זעט שוין איצט נאָר פינצטערניש, נאָר נאַכט. זיי שטייען נאָך די בערג די אויפגעגרינטע. מיט הימלען טיפע, זויבערע באַדאַכט". זיי שטייען נאָך, אָבער גאטליב וויל זיי שוין ניט זען. און ווידער און ווידער שפּילט ער זיך מיט זכרונות פון זיין פאַרלוירענער היים. דאָס איז דער שטילער האַפן, צו וועלכן ער אַנקערט צו זיין גאַנצע עקזיסטענץ. אַלע די לידער זיינען אַ געזעגענען זיך מיטן לעבן. אַ זיי געזונט צו אַלץ, וואָס איז געוועזן אַמאָל טייער: סיי מענטש, סיי וועלט, סיי נאַטור. עס אָטעמט מיט האָפנונגסלאָזיקייט פון יעדער שורה און עס ווילט זיך פרעגן: פאַרוואָס? פאַרוואָס אַזעלכע לידער? ווייסן דען מיר ניט אַלע דעם דרך פון לעבן? פאַר־וואָס זאָל אַ מענטש, וואָס פילט אַזוי די וועלט און איר שיינקייט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ וואונדערלעכע לעבנס־באַגלייטערין, וואָס האָט אַ חלום פאַר דער מענטשהייט און פאַר זיין פאָלק, פאַרוואָס זאָל אַ מענטש, וואָס איז באַשאָנקען מיט דער וואונדערלעכסטער פון אַלע גאָטס געשאַנקען, מיט שע־פערישן כוח, פאַרוואָס זאָל אַ מענטש אַזאַ ניט קענען געניסן פון לעבן, פון

די טעג, וואָס זיינען אים געגעבן, נאָר זיי אייגנוויליק פאַר׳סם׳ען מיט פריצייטיקער געזעגענונג? פאַרוואָס, פאַרוואָס אַזעלכע לידער? אָבער לידער זיינען ווי מעשיות, מען פרעגט אויף זיי קיין קשיות ניט. אָט אַזעלכער איז ער, גאָטליב, און דאָס איז זיין בוך.

איצט וואָלט זיך געפּאַסט זאָגן אַ פּאָר קריטישע ווערטער. פונאַנדערערדן זיך וועגן קינסטלערישער שלימות, וועגן מעלות און חסרונות, וואָס דאָס בוך פאַרמאָגט. מיט איין וואָרט: ווערן קריטיש איינגעשטעלט, און דאָס הייסט לויט בערנאַרד שאָו — ווערן געגליכן צו אַ דענטיסט, וואָס זוכט ווי צו טאָן סענסיטיווע מענטשן איז סענסיטיווע ערטער. בין איך ניט קיין קריטיקער, נאָר אַ לידער־שרייבעריז. האָב איך געוואָלט רעדן וועגן דעם, וואָס דאָס בוך איז, ניט וואָס עס איז ניט. האָב איך געוואָלט איבערגעבן, ווי אַזוי איך האָב אָפּגעפילט גאָטליבן אין דעם בוך און ווי איך האָב אים געזען. אויב שוין יאָ מאַכן אַ קריטישע באַמערקונג, וואָלט איך זי געצילט אין דעם לעצטן ליד פון בוך, וואָס טראָגט אַזאַ ניט־פּאָעטישן נאָמען, ווי „נעקראָלאָג" און אין וועלכן גאָטליב באַוויינט גאָטליבן: „איז אויך גאָטליב שוין ניטאָ, אַ שאָד, אַ שאָד." . . . איך פאַרשטיי, אַז ניט פון קיין פרייד האָט דאָס ליד זיך אַרויסגעזונגען. יעדער מענטש האָט מאָמענטן פון זען זיך אַן אָוועקגעגאַנגענעם. אָבער דאָס ליד האָט איבערגעלאָזן אין מיר אַ ביטערניש. ווי געזאָגט, האָט גאָטליב אַ רעכט צו שרייבן אַזאַ ליד, אַוודאי. לויט דער לאָגיק פון גאָטליבס גאַנצן בוך פּאַסט עס זיך אויך. ער הייבט דאָך אָן ביים וויגל... אָבער פאַר דער העכערער לאָגיק, פאַרן ביסעלע בטחון, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, פאַרן אויסקוק, וואָס אַ דיכטער דאַרף עפענען מיט יעדן זיין פאַרענדיקטן בוך, איז דאָס אַ ביטערער קלאַפּ. ממש אַ זינד. גאָטליב האָט געדאַרפט כאָטש רחמנות האָבן אויף זיינע לייענער, אויף זיינע חברים און פריינד, און ניט פאַרשאַפן זיי דעם צער פון לייענען אַזאַ ליד. גאָטליב איז דאָ און דאָס איז גוט, און נאָך אַמאָל גוט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. און ווי לאַנג גאָטליב איז דאָ, איז דאָ פאַר אים לעבן, איז דאָ זיין נאַטור די אייביקע, זיין גוטע פרוי, זיינע פריינד און פאַרערער, וואָס ווילן פון אים נאָך אַסך, אַסך ביכער, וועלכע זאָלן פאַרווישן דעם חטא, וואָס ער איז לגבי אונדז באַגאַנגען מיט דעמאָ ליד. זאָל ער אונדז געזונט און שטאַרק זיין.

מ. מ. שאַפּיר

# וועגן נ. י. גאָטליב׳ס „מיין לאַנד מיין לידערשע״

אויב אַ דיכטערס אַ לידער־זאַמלונג איז געוויינטלעך (און מוז זיין) אויטאָביאָגראַפיש, (דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער מאָס אויטאָביאָגראַפישקייט), איז דאָס איצטיקע בוך גאָטליבס כמעט אינגאַנצן געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן. די אויטאָביאָגראַפיע ליגט דאָ פון אויבאויף. — אָן אַן ערך מער ווי אין זיינע ביז־איצטיקע ביכער־לידער. דאָס בוך וואָלט פונקט אַזוי געקענט הייסן „ס׳דערמאָנט זיך מיר״. דאָס איז דער „לייד־מאָטיוו״ (דאַכט זיך: י. י. סיגאַלס אַ וואָרט־שפּיל). ניט נאָר הייבן זיך אַן זעכצן לידער מיט די ווערטער „ס׳דער־מאָנט זיך מיר״, נאָר נאָך צענדליקער לידער וואָלטן זיך גרינג געקענט אַזוי אָנהייבן — ווייל דאָס גאַנצע בוך איז איין גרויסע בענקשאַפט נאָך די יונגע יאָרן, די פאַרפלויגענע, נאָך אייגענע, וואָס זענען ווער יונג געשטאָרבן און ווער פאַרטיליקט געוואָרן און נאָך דער היים, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל.

צווישן דעם אַריינפיר־ליד, אַ מין אינוואָקאַציע צו די קינדער־יאָרן — וואו דער דיכטער בעט זיך ביי זיי: „אַצינד, ביים ענד פון אַלע מיינע וועגן, אויף גרינגע פליגל קומט אויפסניי צו־שוועבן, איר, טעג און יאָרן פון מיין בלויסטן בלי״ — און צווישן דעם סענטימענטאַלן לעצטן ליד, ליגט לידעריש איינגעטאַוולט דאָס גאַנצע לעבן, דעם דיכטערס. ס׳איז אַ לעבן אַן וועלט־איינ־רייסענישן, נאָר מיט בידנע, ערלעכע פריידן און מיט אמתע צרות, ניט קיין „ויידענע״, וואָס מען מוז זיי אויך (אַ ברירה האָט מען?) מקבל זיין באהבה.

די פּאָעטישע אויטאָביאָגראַפיע הייבט זיך אָן מיט אַ נסיעה אויף קבר־אבות אין לאַנד פון די אייגענע קינדער־יאָרן, וואו מע וויל זיך אָפּשטעלן אויף וואָס מער סטאַנציעס, איבערלעבן נאָך אַמאָל יענע קליין־גרויסע איבערלעבע־נישן, וואָס לאָזן איבער אַ חותם אויפן גאַנצן לעבן און ווילן זיך ניט לאָזן פאַרגעסן.

> כ׳האָב אין זכרון היינט געמאַכט
> אַ רייזע פון צוריק מיט יאָרן
> און אויף אַ פור מיט מינסקער שליאַך
> אין קוידענאָוו אַריינגעפאָרן.

די ערשטע צוויי שורות פון אָט־די פיר, זענען ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַ מאָטאָ צום גאַנצן בוך, וואָס איז פול מיט אַזוינע גערדאַנקלעכע נסיעות.

דאָס לאַנד פון גאָטליבס קינדער־יאָרן האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום ראַסקאַשן, וואָס זאָלן אַצינד ציען צו זיך, ער קומט אַרויס פון דער אָרימער אַלטשטאָט — „האַרבעדיק, צעגריבערט, מיט קרומע געסלעך, נידעריקע שטי־בער, מיט וואַכעדיקן, שטויביקן געיעג; דאָ לעבן מענטשן אָרעמע, פאַרזאָרגטע, דאָ עסט מען אָפט אַ ברויטל, אַ געבאָרגטן —״.

נאר כאטש די שטוב איז אן ארימע און דערצו נאך מיט א גרויסן געזינט, איז דא דעם קינד געווען „גוט" — „דא איז מיר גראם, כאטש קליין איז אונזער היים. דא איז מיר גוט, כאטש קלייד און שוך — געמיין, דא בין איך זאט, כאטש מאגער איז דאס עסן". ווייל גאטליב יחוסט זיך ניט דווקא מיט דער ארימקייט אליין, וואס זי איז שיין, ווייל זי איז ווייט און אריינגעפאסט אין א ראם פון יונגע, ווייטע יארן, נאר גיכער מיט דעם, וואס פון אט־דער ארימקייט האט ארויסגעשטראלט. די קינדערישע וועלט איז געווען פול מיט אייגנארטיקע איבערלעבענישן, א דאנק דעם שטעטלדיקן אידישן ארום, און מיט אוואנטורעס, דער־עיקר אינערלעכע, און אמאל טאקע דרויסנדיקע, כאטש מיינסטנס „עמלקישע" (ווי ביי שלום־עליכמען אין די קינדער־מעשות).

די שבתדיקע־יום־טובדיקע שעהן
געוועזן זענען אינזלען זויבער־בלויע
אין ים פון לאנגע גרויע אינדערוואכנס —

אבער גאטליב קומט ניט אפ מיט אט־דער פאעטישער אבסטראקציע וועגן שבת־יום־טוב, נאר ער „דערמאנט זיך" און שרייבט באזונדער וועגן איטלעכן יום־טוב פון א גאנץ, קיילעכיק יאר. תשעה־באב איז אויך געווען א קינדערשער יום־טוב . . .

„ס'דערמאנט זיך מיר א קינדישע יום־כיפור־נאכט, א רוים א טיפער, אנגעטריפט מיט פרומע שטערן; און א לבנה אינעם רוים, א פרומע, וואכט, און קלייבט זיך, דאכט, אין שוהל אריין — כל־נדרי הערן", — אזוי הייבט זיך אן איינס פון זיינע דערמאנונגס־לידער וועגן „יענע" ימים־טובים. (כאראקטעריסטיש פאר גאטליבן און פאר זיין, געוויינטלעך, טרויעריקער מוזע איז דאס, וואס ער פארגעסט ניט דעם היימישן תשעה־באב, און דווקא די צוויי דעריקערשט קינדערשע יום־טובים ל"ג בעומר און חמשה־עשר „דערמאנט ער" אפילו ניט מיט קיין איין ווארט.)

נאך די „טאם־דאברעדיקע" קינדער־יארן איז גאטליבן אויסגעקומען א סך צו וואגלען און צו בידעווען. ערשטע וועלט־מלחמה. עוואקואציע. רעוואלוציע. בירגער־קריג. פאגראמען. עפידעמיעס. „מיין לעבן איז אפט אויף א האר געהאנגען אין יענער צייט — פון מעסער און פון בליי". דערנאך, איידער ער קוקט זיך אפילו גוט ארום, געפינט ער זיך „אינדערפרעמד", אין דער ווייטער רחבותדיקער קאנאדע און שווין העט אויף יענער זייט גרעניץ פון די קינדער־און יוגנט־יארן.

די פרעמד איז א ווילד־פרעמדע. ער קען זיך דא ניט פארווארצלען און קען קיין מקום־מנוחה ניט געפינען. די ווירקלעכקייט איז א ברוטאלע און דער דיכטער איז כלל ניט צוגעגרייט זיך צו פארמעסטן מיט איר. „צו אט־דער וועלט באדארף מען אקסלען ברייטע; און דו — דו ביסט א זייפנבלאז אינלופט". גייט ער דא ארום אן עלנטער און „פארזיסט" זיך זיין עלנטקייט מיט נאסטאלגיע, מיט בענקשאפט נאך דער ווייטער, ארימער היים — „אין רויט, אין צונטער, ברענען הייגט די ביימער א יעדער בלאט — אין ווינטישן צעוויג. א, נעם

מיד, ווינט, פאַרטראָג צוריק אַהיים מיד," — און די נאָענטסטע, אָפּגעשיידטע, טוען מיט אים א חסד און באַווייזן זיך אין זיין דערמאָנונג און אין זיין ליד, — „פון אַש פון גרויעם העלט־אויף דיין געזיכט, אָ, מאַמע מיין, מיט אויגן — שבת־ליכט; און שוועסטער, דו — אַ צניעותדיקע טויב: און ברידער, איר — אין גאָט און מענטש פאַרגלויבט". ער גייט־נאָך אין געדאַנק איטלעכן טריט זייערן „ביזן הייליק־לעצטן קרבנדיקן גאַנג".

איז אַ חוץ וואָס גאָטליב איז פול מיט עלעגישקייט נאָך די נאַטירלעך־אַוועקגעגאַנגענע קינדער־יאָרן („קינדהייט מיין ווייטע, מיין זוניקער האַפן"), און נאָך דער פאַרלענדטער היים און פאַרטיליקטע אייגענע — איז ער דאָ בעל־כרחו פאַרווינקלט געוואָרן און איז אַריין אין אַ ברוגז מיט די טויבע, טומלדיקע שטאָט־גאַסן און מיט זייער פוסטער פאַרריסנקייט. ער האָט אָבער אייגנטלעך נאָך פון קינדווייז אָן ליב דעם היפך פון שטאָט — דעם וואַלד און דאָס פעלד. ער האָט זיך איינמאָל, נאָך גאָר אינגלווייז, פאַרגאַפּט אין דער 'נאַטור", בשעת אַ נסיעה אין דאָרף אַריין, ווען ער האָט פאַר זיך דערזען די אמתע גאָטס וועלט — „באַגראָזטע טאָלן, בערג אין וואַלד געהילט, און וואַסערן, ווי שטראָמענדי־קער זילבער" — און האָט דערפילט דאָס רוממות דערפון — „איך בין, פול גאַף, געזעסן אויף דער פור און האָב געטראַכט: ווי גרויס איז די נאַטור, און איך און איר — אַ זעמדעלע, א מילבל —".

פון דעמאָלט אָן האַלט ער, דורך אַלע יאָרן אין איין אַנטלויפן „פאַר ביימער זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן".

אָט דאָס אַנטלויפן פון דער האַרטער, שטאָטישער ווירקלעכקייט איז אין דער אמתן אידענטיש מיט אַן אַנטלויפן פון דער באַשעפעניש, וואָס רופט זיך מענטש, פון אָט־דער קליגסטער און בייזסטער פון אַלע חיות. דער שטאָט־מענטש האָט אים תמיד געגנאַרט און באַעוולהט. ער האָט ניט אין אים קיין ברעקל אמונה. „מיט ביימער וואו איז בעסער ווי מיט מענטשן: עס טוען ביי־מער קיינעם ניט קיין שלעכטס".

אָט־דער מאָטיוו פון אַנטלויפן פונעם שטאָטישן געטומל צו אַלטבאַ־קאַנטע ביימער" און דווקא צו דער „שטילקייט פון פאַרנאַכטן, וואָס ציט פון ערגעץ אָן אויף עטערדיקע פליגלען, און שלייערט־איין אין שלאָף די פעלדער און די שליאַכן, און וויקלט־איין אין טרוים די טאָלן מיט די היגלען" — אָט־דער מאָטיוו איז זייער אָן אָפּטער אין גאָטליבס איצטיקן בוך, און ניט נאָר אין איצטיקן, און ער נעמט זיך אין גאָר אַ גרויסער מאָס פון אַ געפיל פון אי־בעריקייט, וואָס דער היינטיקער, (נאָר היינטיקער?), אידיש־דיכטער טראָגט זיך דערמיט אַרום. „ווער דאַרף אַצינד אַ ליד — א לחשדיקע תפילה? ווער דאַרף אַצינד אַ וואָרט, אַ ציטעריקס, אַ שטילס? אַז טרערן שטראָמען איצט ווי וואַסערן אין פרילינג, אַז יעדער טאָג איז איצט אין חושכניש געהילט. אַ זינד איז דיכטן היינט לבנהדיקע שורות,אַ זינד איז שרייבן היינט פון הימלדיקן בלוי — "; היינט, זאָגט גאָטליב, דאַרף מען „אַ ליד אַ דונערדיקס פון מעכטיקן ישעיה, אַ וואָרט פון עמוסן, אַ בליצנדיקס, אַ שאַרפס". כאָטש טיף אין האַרצן,

אזוי דאַכט זיך מיר, איז גאַטליב מסופק, צי אַזאַ דונערדיק און בליציק ליד וואָלט שוין געבראַכט דער וועלט אַ תיקון. אַט־דער געפיל פון איבעריקייט און נאָך אַזוינע שטימונגען, וואָס קנוילן זיך אַרום אַזאַ געפיל, געפינען זייער קינסט־לערישן אויסדרוק אין אַזוינע לידער ווי „אין אַ נאַכט אין ווינטער" (זייט 60) און „אַלטע, עלנטע לבנה" (זייט 61); אויך אינעם ליד „צו אַ ווייטן שטערן" (179־80), נאָר ס'איז אַ שאָד, וואָס דאָ איז דער סענטימענטאַליזם ניט אינ־גאַנצן קיין קאָנטראָלירטער, ווי ס'איז אגב, דער פאַל אין אַ סך גאַטליבס לידער און, למשל, אין לעצטן ליד פונעם בוך.

פון וואַנען נעמט זיך ביי גאַטליבן אַזויפיל סענטימענטאַליזם? אין תוך גייט אים נאָך דער טרויער פון דער היימישער ווילִיע, וואָס ער האָט זי נאָך קינדוויַיז געזען דורכן פענצטער: די היים, כאָטש אַן אָרימע, גייט אים נאָך טריט ביי טריט און איז אים תמיד גרייט צו דינען ווי אַן „עסקייפּ": און פון אַלע זייטן פונעם יאָר איז אים דער אָסיען צום נאָענטסטן —

— — — — — אָ, מיין גוטער אָסיען —
ביז הימל־זוים צעגאָלדיקט און צעשיינט!
געוואָלט וואָלט זיך מיר ווערן־אויסגעלאָשן
אין אַזאַ טאָג, אַ לויטערן, ווי היינט.

די פעלדער זאָלן גלייך, ווי היינט, זיך שפּרייטן
פאַרשאַרענע ביז הימלדיקן ראַנד:
די ביימער — שטיין אין געלן און אין רויטן,
דאָס גראָז — אין קילן גינגאָלדענעם צאַנק.

פון בלויעם רוים אַ טיפע רו זאָל רינען
אויף אַלץ אַרום — צעליכטיקט און צעהעלט —
— — — — — — — — — — — — — — —
און רואיק־שטיל זאָל איינדרעמלען מיין זינען,
און שלומדיק זאָל איינשלאָפן מיין זעל — — —

בכלל אָבער שרייבט ניט נאָר די ירושה גאַטליבס זייער טרויעריקע לי־דער, נאָר זיי קומען דערפון, וואָס „טויבער מדבר הויערט אַרום דיר" און ווייל מע וואַגלט־אום ווי אַ גילגול „אין לענדער פול פאַרצוקונג", וואָס זי האָט פאַר־צוקט דאָס טייערסטע, וואָס אַ מענטש קען אין דער אמתן פאַרמאָגן — די היים און אַלע היימישע, דערפון — דער עלנגישער טאָן, וואָס שנירלט דורך דאָס גאַנצע בוך. און די עלנגישקייט איז געפּאָרט מיטן נאַטירלעכן ווייטיק, פאַרוואָס מע קען די יונגע יאָרן ניט דעריאָגן, אפילו מיט קיין פערד און וואָגן . . .

אָבער ניט קוקנדיק אויף אַלע קריוודעס, וואָס גאַטליב האָט צו דער וועלט און צום לעבן — זענען אין בוך פאַראַן לידער, וואו גאַטליב האָט אַ פול האַרץ מיט דאַנקשאַפט פאַרן ביסל לאַסקעס, וואָס דאָס לעבן און זיינע שליחים האָבן אים יאָ צוגעטיילט — אמת, נאָר טראָפּעלעכוויַיז און ניט מיט קיין ברייט־

טער האַנט, און אוודאי דאַנקט ער דער השגחה פּרטית פאַר דער אומענדלעכער עשירות פון דער שיינער לעבעדיקער און דוממדיקער וועלט, פאַר די גראָזן מיט די געוויקסן, פאַרן הימל מיט די שטערן און פאַר נאָך טויזנט אַזוינע גרויסע „קלייניקייטן", מיט די אַלערליי „שפּראַכן" זייערע, וואָס נאָר דער דיכטער כאַפּט דערפון התבעלות — „אַ האָוועקע פון אַ הינטל אַ צעשטיפטן, אַ האָן־געקריי, אַ מוקען פון אַ קו, און יעדער וואָלקן אינעם בלוי אין טיפן פאַרוויגט מיין הארץ מיט פרידן און מיט רו".

פאַר אַט דער שטילער התפעלות און דער־עיקר פאַרן רעזולטאַט דערפון, פאַרן ליד — איז גאַטליב פול און איבערפול מיט שבח והודיה. דאָס ליד באַ־טראַכט ער פאַר דער שענצטער מתנה, וואָס דאָס לעבן האָט אים געגעבן. אַזוינע לידער פון הכנעהדיקער דאַנקשאַפט פאַר דעם, וואָס מע פאַרמאָגט (לדוגמא: דאָס ליד „הוידע, הוידע זיד", אויף זייט 95) — קומען נאָך מיט די יאָרן פון דיכטערישער שאַפונג און מיט די יאָרן פונעם מענטשלעכן לעבן.

אברהם שולמאַן

## לידער פון בענקשאַפט און טרויער

„ליטע, מיין היימלאַנד", איז אַ בוך פון בענקשאַפט און טרויער, פון פאַרצווייפלונג און צאַרן, פון האַס און האָפנונג. דער גרויסער יידישער חורבן האָט נאָך בולטער אונטערגעשטראָכן דעם ווערט פון די אַלטע היימען, וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן, די פאַרצווייפלונג, וואָס וואַקסט אַרויס ווי אַ דאָרן ביי דעם באַרג חורבות מאַכט נאָך שאַרפער די בענקשאַפט נאָך דער שיינער פאַרגאַנגענהייט וואָס האָט געבליט נעכטן. גאַטליבס בוך לידער איז אַ שטי־לער געזאַנג צו זיין ליטוויש היימאַט, אַ געזאַנג צו די ליטווישע שטעט און שטעטלעך, צו די טייכן ניעמאַן און ווילייע, צו די ליטווישע פעלדער און וועלדער, צו דער גרינער ליטווישער לאַנדשאַפט און איבערהויפּט צו די יידי־שע איינוווינער פון די קאַלירטע ליטווישע שטעטלעך און דערפער. דאָס געזאַנג איז שטיל, געדעמפט, ס'איז אַ געזאַנג דורך טרערן, ס'איז אַן איכה־געזאַנג אויפן יידישן אומגליק אין ליטע.

די לידער פון דער ערשטער טייל זענען אַלע געשריבן דירעקט אונ־טערן איינדרוק פון די חורבן־ידיעות, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען באַלד ביים אָנהויב פון דער נאַצישער אָקופּאַציע און פון די פּערזענלעכע אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דעם דיכטער מיט די פינסטערע בשורות וועגן זיינע נאָענטסטע. אין דער צווייטער טייל זענען געדרוקט לידער, וואָרשיינליך פון פריערדיקן פּעריאָד און אַלע זענען לויטערע, זוניקע דערמאָנונגען וועגן אַ

שטיק לעבן פון דער ליטווישער יידישער יוגנט אין די קבוצות און הכשרות אָבער אויך ביי יעדער שורה פון די דאָזיקע לויטערע לידער, וואָס זענען אַדורכגעדרונגען מיט אַ בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, שטייט דער פינסטערער שאָטן פון דער איצטיקער ווירקלעכקייט, יעדע דערמאָנונג פון שיינעם עבר איז פאַרסמט מיטן גרויל פון שפּעטערדיקן חורבן. דאָס האַרץ פונם דיכטער, וואָס וויל זיך אָנוואַרעמען ביים אָנבליק פון ליכטיקן נעכטן, איז צופיל אַדורכגעווייקט מיט ווייי, ס'זאָל געטרייסט ווערן. די שטילע, אומ־זיכערע טרייסט־ווערטער זענען ווי אַ לייכט בלעטל, וואָס ווערט פאַרטראָגן דורכן שטורם־ווינט:

...און דו, מיין ליטע, ליגסט באַניים באַרוט<br>
ביז אַלע דיינע גרעניצן און ראַנדן;<br>
פאַרטריקנט איז שוין דיין פאַרגאָסן בלוט<br>
דיין נאַכט, די לאַנגע, זי איז שוין פאַרגאַנגען.

נאָר ס'איז מיין פרייד איצט אויסגעמישט מיט סם,<br>
און גליק און מיינער — איינגעהילט אין חושך;<br>
עס רוט דאָרט, ליטע, אין דיין ערד מיין שטאַם —<br>
אין ברידער קברים גרוילנדיקע, גרויסע.

און ס'איז מיין פרייד איצט, ליטע, מיט דיין פריד<br>
מיט גיפט פאַרמישט, מיט ביטערניש און טרויער;<br>
און ס'איז מיין גליק איצט, ליטע, מיט דיין בליט<br>
אין נאַכט פאַרקלעמט, אין פינסטערניש פאַרמויערט...

גאָטליבס דיכטונג איז נאַטירליך, פול מיט פשטות און אויפריכטי־קייט. גאָטליב זוכט נישט קיין דערפינדערישקייט אין סטיל, אין מעטאַפאָריק, נישטאָ קיין אויפבליצן אין די שורות. אַ סאָרט וואַרימקייט ליגט אין יעדן ליד, אַ וואַרימקייט, וואָס פליסט פון געמיט און ווערט — אַן שום פילטער — איבערגעגאָסן אין דינע לירישע שורות.

נישט אַלע לידער אין דער זאַמלונג זענען פון אַ גלייכן, קינסטלערישן קוואַליטעט. טיילמאָל געשטרויכלט זענען די סטראָפן, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אונטערן סאַמע דירעקטן אָנריר פון אַ געשעעניש. די דאָזיקע סטראָפן פעלט פּערספּעקטיוו און אויסגעשטאַנענקייט, אָבער אַלע אַן אויסנאַם זענען די שטימונג פון דיכטערס צעווייטיקטן געמיט.

מיט די ווערטער „ליטע מיין היימלאַנד”, האָט דער פוילישער דיכ־טער מיצקעוויטש געעפנט זיין גרויסע עפּאָפּיי וועגן „שלאַכעצקן” פוילן. גאָטליבס היימלאַנד, ליטע, איז אַדורכגעזאַפּט מיט דעם יידישן גייסט, וואָס האָט דורך הונדערטער יאָרן געשוועבט איבער דער ליטווישער ערד. דער

בונד פון די יידן מיט ליטע איז אזוי טיף און אַלט, אַז ס'דאַכט זיך, אַז דאָ, ביי די ברעגעס פון ניעמאַן, איז דאָס יידישע פאָלק אַנטשטאַנען.

און טראַכטן נעם איך: שכנים דאָך פון לאַנג
מיר, יידן, זענען דאָ מיט דיר, מיין ניעמאַן;
און אונזער שיינער מאַמע־לשון־קלאַנג
דו טוסט שוין דורות הערן און פאַרנעמען.

...און זעסט מיר אויס דאַן, ווי דער ירדן טייך
אין לאַנד פון מיינע זוניקע אַמאָלן;
און ס'ווערט מיין אויג דאַן טרערנדיק באַפייכט —
פון זען דיך, ניעמאַן, איז אַזאַ מין חלום — —

און אין דער לופטן איבער דיר דאָ שוועבט
דער גייסט פון מאַפּו און פון בעל מחשבות;
און ביי דיין ברעג דאָ אָטעמט נאָך און לעבט
דער גייסט פון מיינע דורותדיקע אבות.

„אויפבוי"
מעלבורן, יוני, 1946.

# אינהאלט

## ערשטער טייל:

### נייע לידער און פאעמעס


בן שישים לזיקנה — 7
אויטאביאגראפיש — 8
פארטאג — 10
ניט אויף ברויט אליין — 12
ווער ווייס — 14
נאטור — 16
קיוואנוקא — 18
מיין טאטע און איך — 20
אין א יוני פרימארגן — 22
און דא איז אזוי שטיל — 24
אין וואלד — 26
ווי אלט איז דער שטיין — 29
קאנאדע — 30
פייערלעך אין די בערג — 32
עכאס אין די בערג — 36
ווינטער אין די בערג — 38
ים — 41
ביים וואסערפאל פון ניאגארא — 45
אויפן לעיק שאמפלעין — 46
כ'האב זיי געקענט — 47
דער צלם — 49
אין א נאכט אן שלאף — 51
קום נאכאמאל — 56
צו א ווערבע — 60
אמאל אין א־די טעג — 65
אין א־דעם טאג פון יאר — 68
מאמע — 70
ליטווישע יידן — 72
צו מיין חרובער היים — 73
פיר חורבן־לידער — 74
דריי לידער וועגן דער וועלט — 82
נח יצחק אין תיבה — 88
צו מאמע־יידיש — 98
איד בין א נשאר — 101
מיין פארמעגן — 103
עם הקארטן — 105

צו מיין ליד — — — — — — — — — — — — — — — — 107
דריי קינדהייט־לידער — — — — — — — — — — — — 108
דריי לידער וועגן טויט — — — — — — — — — — — 111
זיי שטאַרבן אויס אַלץ מערער — — — — — — — — — 117
ווער ווייס, וואָס איז דער זינען — — — — — — — — — 122
דו מיט דיינע שורות — — — — — — — — — — — — 124
אַ ליד אין דריי טיילן — — — — — — — — — — — — 126
קנאת סופרים — — — — — — — — — — — — — — — 128
צו . . . — — — — — — — — — — — — — — — — — 130
דיין קרישל ברויט — — — — — — — — — — — — — 131
ס'וואָלט אפשר נאָך — — — — — — — — — — — — 132
דער פּאָעט — — — — — — — — — — — — — — — — 133
איך וועל די טעג — — — — — — — — — — — — — 136
די טעג, ווי גיך זיי יאָגן — — — — — — — — — — — 137
די טעג אַלץ קירצער ווערן — — — — — — — — — — 139
אינדיאַנער זומער — — — — — — — — — — — — — 141
האַרבסטיקע שפּעט — — — — — — — — — — — — — 142
אַ האַרבסט אַ נייער — — — — — — — — — — — — — 145
וואָס דער ווינט האָט מיר גע'עצה'ט — — — — — — — 147
סיום־ליד — — — — — — — — — — — — — — — — — 150

## צווייטער טייל:

### וועגן מחבר

שרה אייזן — נ. י. גאָטליבס לידער — — — — — — 155
דוד אַפּאַלאָוו — דער דיכטער נ. י. גאָטליב — — — — — 159
״ ״ — אַ ניי בוך מיט טיף מענטשלעכע לידער
פון נ. י. גאָטליב — — — — — — — — — — 160
י. אַקרוטני — העלדן, וואָס האָבן געפונען זייער מחבר — 163
״ ״ — עכאָס פון לידערלאַנד — — — — — — — — 167
יעקב באָטאָשאַנסקי — דער חלוץ צו גאַסט אין דער
יידישער ליטעראַטור — — — 172
נ. בן־חיים — „חלוצים״ — — — — — — — — — — — 175
יוסף גאַלאַי — נ. י. גאָטליבס „איידער עס ווערט נאַכט״ 176
יוסף גאַר — קלאָג־לידער אויפן פאָלקס־חורבן — — — 179
״ ״ — נ. י. גאָטליבס „אַ מענטש אין די הימלען״ 183
י. גאָלדקאָרן — „דער ליטווישער גליל״ — — — — — — 186
י. גולן — הרצל, ברנר וסרני — — — — — — — — — 188
יעקב גלאַטשטיין — דריי נאַציאָנאַלע פּאָעמעס
פון נ. י. גאָטליב — — — — — — — 191
״ ״ — אַרום נ. י. גאָטליבס ניי בוך לידער — 195

נתן גרינבלאַט — „בלויע גנאָד" — — — — — — — — 201
„ „ — נח יצחק גאָטליבס „גאַנג" — — — — — — 202
„ „ — זעגלען אין זון" — — — — — — — — — — 206
דר. מ. דוואָרזשעצקי — חלוצישער פרילינג אין ליטע — 210
מאָטעם דייטש — מיט בלוט־באַפלעקטע פייזאַזשן — — — 213
אליעזר היימאַן — לנח יצחק גוטליב — — — — — — 216
יצחק וואַרשאַווסקי — נ. י. גאָטליבס „איידער עס
ווערט נאַכט" — — — — — — — 218
ד. וואָלפע — פאַרוואָרצלטקייט און בענקשאַפט — — 221
„ „ — אַ געזאַנג דער חלוצישער ליטע — — — 224
„ „ — נ. י. גאָטליב — דער דיכטער פון אַ
פאַרשניטענער היים — — — — — — — — 228
„ „ — באַזינגער פון ניט־געוויינלעכע געשטאַלטן 234
ש. טענענבוים — נאַטור און מענטש — — — — — — — 237
„ „ — זונליכט — באַנדאַזש פאַרליידנדע — 239
דניאל טשאַרני — באַגריסט נ. י. גאָטליבן — — — — — 243
איידע מאָזע — נ. י. גאָטליבס „ליטע מיין היימלאַנד" — 244
דר. א. מוקדוני — נ. י. גאָטליבס „נייע לידער" — — 247
„ „ — קינות אויף אונזער חורבן — — — — — — 248
י. עמיאָט — נ. י. גאָטליב — — — — — — — — — — 252
י. ראַבינאָוויטש — נ. י. גאָטליבס נייער בוך לידער — 252
מלך ראַוויטש—נ.י. גאָטליבס „מיין לאַנד מיין לידערשע„ 255
חווה ראָזנפאַרב — נ. י. גאָטליב — — — — — — — — 259
מ. מ. שאַפיר — וועגן נ. י. גאָטליבס
„מיין לאַנד מיין לידערשע" — — — — 270
אברהם שולמאַן — לידער פון בענקשאַפט און טרויער — 274

# אַ יישר־כּוח פֿאָלגנדיקע פֿריינט, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסגעבן דאָס בוך:

א. אנשל, סאל אש, ס. בייקאָוויטש, עטל בירברייער, מ. בלאָשטיין, דר. י. בענדזשאַמין, יוסף בערמאַן, ישראל בערמאַן, י. בעקער, ב. בערקאָוויטש, גאָרדאָן בראָון, י. גאָטהעלף, ב. גאָלדשטיין, י. גארא, ז. גאָרדאָן, מאָריס גאָרדאָן, ל. גילמאַן, י. געפּנער, ה. גראָוּוער, ה. דעקלבוים, חנה האַלפּערן, ה. הערליך, א. הירשביין, ס. האַרווי, א. וואָלק, ס. ווייזנפעלד, ס. וועגנער, א. וועקסלער, ה. זאַלקינד, מ. טויבנבלאַט, ל. טייטלבוים, מ. יאַגאָד, ר. יאַדיטש, מ. לאַדסקי, מ. לויטער, א. ליוועראַנט, ס. לעווין, י. לערנער, ה. מאַלטינסקי, ר. מאלען, ס. י. מיטמאַן, ס. מירמאַן, מאיר מענדלסאָן, ע. ניימאַן, י. סווירסקי, סעם סילווער, ה. סינגער, ד. סינגערמאַן, סעם עדלשטיין, עליאָס־ברידער, ח. פּריפּשטיין, פּ. פּרעסמאַן, י. פּיליפּס, וו. פּרענקל, מ. קאַזימיר, ב. קאָן, ה. קאָן, ע. קאָן, ה. קאסאוואטסקי, הוה קאַפּלאַן, ס. ל. קאַפּלאַן, ה. קיילעס, ד. קעי, י. קראַמינער, יוליוס און פּרוי קראַסאָוו, סעם ראַבינאָוויטש, דר. פּ. ראַבינאָוויטש, א. ראָזנ־בלאַט, ה. ראָזנבלאַט, דר. ה. ראָזנפעלד, יוליוס ראָזנפעלד, מ. ראַסקיעס, י. שאַפּירא, י. שובערט, פּ. שיוואק, י. שטיינבערג, דר. א. שטילמאַן, יואל שטערנטאַל, ישראל שטערנטאַל, ה. שילער, ב. שיינזאָן, י. שרעטער.

אַ באַזונדערן דאַנק, מעומקא דליבא, מיינע לאַנגיאָריקע פריינט מרדכי יצחק מענדלסאָן און העראָלד ראָג.

נ. י. גאָטליב

## ביכער פֿון נ. י. גאָטליב

| | |
|---|---|
| בלויע גנאָד (לידער) | 1927 |
| גאַנג (לידער און פּאָעמעס) | 1929 |
| זעגלען אין זון (לידער) | 1932 |
| איבערבוי (נאָוועלע) | 1940 |
| נייע לידער | 1943 |
| ליטע מיין היימלאַנד (לידער און פּאָעמעס) | 1945 |
| סאָוועטישע שרייבער (עסייען) | 1945 |
| חלוצים (פּאָעמעס) | 1948 |
| אַ מענטש אין די הימלען (לידער און פּאָעמעס) | 1950 |
| דריי פּאָעמעס | 1955 |
| מיין לאַנד מיין לידערשע | 1958 |
| איידער עס ווערט נאַכט | 1962 |
| זעכציק | 1965 |